STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05077

DRAY POR ZAYDENE ZOKN

Panteleimon Romanov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַנטעלײמאָן ראָמאַנאָוו

דרײַ פּאָר זײַדענע זאָקן

ייִדיש — ש. זאַקס

Y R 759-I
COP. 3
65155 10

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב
1933 וואַרשע

PRINTED IN POLAND

Pantelejmon Romanow
Trzy Pary Jedwabnych Pończoch

Wydawnictwo Sz. Goldfarb
Warszawa, ul. Zamenhofa 31

Druk. „Rekord", ul. Zamenhofa 18

65155 10 COP. 3

I

איפּאָליט קיסליאַקאָוו איז אין עטלעכע טעג אַרום אַוועק צו זיין גוטן פריינט אַרקאַדי, כדי אים מיט זיין ווייב איינצולאַדן אין אַ רעסטאָראַציע אויף אַ מיטאָג, ווי ער האָט עס געוואָלט.

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז פון די הונדערט רובל, וואָס זיין ווייב יעלענע וויקטאָראָווגע האָט אים איבערגעלאָזט, איז ביי אים געבליבן פינפאונזעכציק. ווי אַזוי זענען ביי אים אַוועקגעגאַנגען פינפונדרייסיק רובל, — האָט קיינער נישט געוואוסט און אפילו קיסליאַקאָוו גופא אויך נישט.

טראָצדעם איז ער איצט צו אַרקאַדין מיט אַ פאָרשלאָג, זיי זאָלן גיין צוזאַמען אין רעסטאָראַן עסן מיטאָג. אַרקאַדי און טאַמאַרע האָבן מיט פאַרגעניגן מסכים געווען צו גיין, און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען.

קיסליאַקאָוו האָט געוואָלט זיי אַוועקפירן אין נישט קיין טייערן רעסטאָראַן, נאָר ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי אַ גרויסער רעסטאָראַציע מיט שפּיגל-פענצטער, מיט פּאַלמען פון יענער זייט פענצטער און מיט פילקאָלירקע אָבאָזשורן — ראָזיקע, געלע — האָט טאַמאַרע מיט אַן אָנגענעמער פאַרוווּנדערונג געפרעגט:

— וואָס, מיר גייען אַהער, אין דער דאָזיקער רעסטאָראַציע?

קיסליאַקאָוו האָט נישט געקאָנט זאָגן: „ניין, נישט אַהער,—

מיר גייען אהין, ווו די שפייזן זענען נישט אזעלכע גוטע און ווו ס'קאָסט ביליקער", און ער האָט געזאָגט.

— יאָ מיר גייען אריין אהער.

דאָס הארץ האָט אים אָבער באַלד פחדימדיק א קלעם געטון און ווי דורכגעלאָזט איין טאַקט ווייניקער...

זיי האָבן אַראָפּגענומען פון זיך די אייבער-מלבושים און אויפגעהויבן זיך העכער איבער ברייטע שטיגן, וואָס זענען גע־ווען באַדעקט מיט א דיקן טעפּיך. קיסליאַקאָוו האָט זיי געוויילט מיט א געשפּרעך און מיט אַ אויסזען פון א מענטשן, וואָס איז דאָ אַן אָפטער גאַסט, האָט ער זיך לוסטיק אַרומגעקוקט איבערן זאַל, זוכנדיק, ווי זיך אַנידערצוזעצן, בעת די פרייע קעלנער האָבן פאַרפאָלגט זיינע בליקן און זיך ראַפּטום א הייב אויף געטון פון זייערע ערטער, ווען ער האָט זיך נאָר אָפּגע־שטעלט מיט די אויגן אויף עפּעס א טישל.

לויט זייערע דינערשע באַוועגונגען איז געווען צו זען, אַז זיי וואַרטן אויף א גוטער באַשטעלונג און אויף פיין טרינק־געלט. הגם אויף דער וואַנט איז געהאָנגען א פּלאַקאַט, וואָס האָט גערעדט וועגן פאַרבאָט צו געבן די דינער טרינק־געלט, האָבן פונדעסטוועגן די מענטשן, וואָס פלעגן קומען אהער עסן מיטאָק, און געוואָלט באַקומען די באַשטעלטע מאכלים, וואָס גי־כער און „גוטע חלקים", — געוויינטלעך געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן נישט דעם פּלאַקאַט. נישט באַמערקט, אָבער ריכטיקער, זיך געמאַכט נישט באַמערקן האָבן אים אויך די קעל־קער גופא.

וואס מער ביי קיסליאַקאָוון איז דאָס פּנים געווען אויסער־לעך פריילעכער, אַלץ מער פחדימדיק, האָט אין אים געקלאַפּט דאָס הארץ, פונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען צום קאָרטן־טיש פון א אַזאַרד־שפּיל, ווו ער האָט ריזיקירט צו פאַרשפּילן א העלפט פון זיין פאַרמעגן.

און ווען דער קעלנער האָט צוגעטראָגן שטולן, א מאַך טו־ענדיק מיט דער סערוועטקע איבערן טיש און אוועקגעלייגט צוויי גרויסע קאַרטן פון די מאכלים און ווייגען, האָט קיסליאַקאָוו

דערפֿילט, אַז ער האָט — זאָל זיין וואָס עס וויל — איינגעשטעלט אין קאָן אַ גרויסע סטאַוקע. און אָפּשטעלן זיך, איז שוין געווען אוממעגלעך.

ער האָט העפֿלעך צוגערוקט די קאָרטע דער דאַמע און האָט אַליין אפילו זיך איינגעבויגן מיט אַ פריילעך און זאָרגלאָז אויסזען, אָבער זיינע אויגן האָבן קענען זיין ווילן זיך צוגעקוקט, אויף וועלכע געריכטן און ווייגען טאַמאַרע האָט זיך אָפּגעשטעלט און וויפֿל זיי קאָסטן.

ער איז נאָך אַלץ געווען פריילעך, אָבער שוין מיט עפּעס אַ נערוועזער שאַטירונג — ער האָט שוין איצט אָפּטער אַראָפּגענומען און אָנגעטון די פּענסנע, וואָס פֿלעגט ביי אים שטענדיק דינען אַלס סימן פֿון אַ צעשטערטער אינערלעכער גלייכגעוויכט און איינמאָל האָט ער אין צעשטרייטקייט צעקנייטשט די סערוועטקע און זי געוואָלט אנשטאט דער מעניו-קאַרטע אריינלייגן אין טאַש אריין. נאָר דער אָפּיציענט האָט אים פֿון דעם אָפּגעהאַלטן.

ווען מ'האָט דערלאַנגט דעם מיטאָק און די געסט האָבן זיך געשמאַק גענומען צו די מאכלים, האָט, ער קענען זיין ווילן, אין די געדאַנקען אויסגערעכנט, וויפֿל ס'וועט אים אין ערגסטן פֿאַל בלייבן געלט פֿון די פֿינפֿאונזעכציק רובל, וואָס ער האט נאָך געהאַט און וויאַזוי וועט ער קאָנען לעבן אויפֿן רעשט געלט ביזן סוף חודש, ביז ער וועט באַקומען די פֿרישע פּענסיע.

דערדאָזיקער שטענדיקער פּחד האָט לסוף געבראַכט דערצו וואָס ער האָט אויפֿגעהערט צו שמייכלען, וואָס ער איז געוואָרן נאָך מער צעשטרייט און אים האט זיך אויסגעוויזן, אַז דער קעלנער האָט שוין לאַנג אַלץ איבערגעלייענט וואָס עס טוט זיך ביי אים אין דער נשמה און ער האָט שוין איצט אויסגעמיטן צו קוקן זיי אין פּנים אריין.

טאַמאַרע, וועלכע האָט צום מיטאָק אָנגעטון אַ נייעם זשאַקעט אַ „לוסטיקע", איבער די אויגן אראָפּגערוקטן קאַפּעלוש און זיידענע זאָקן, האָט זיך פריילעך ארומגעקוקט ארום זיך און געשמייכלט צו קיסליאַקאָוון און אַרקאַדין, זי איז, אפֿנים, געווען

שטאַרק צופֿרידן פֿון דעם, זיי האָבן געגעסן מיטאָג מעשה־גבירים און אין אירע בליקן, וועלכע זי האט פֿון צייט צו צייט געוואָרפֿן אויף קיסליאַקאָוון, האָבן בולט אויסגעדריקט צופֿרידנקייט און שטאָלץ.

— ווי שיין און היימלעך דאָ איז — האָט טאַמאַרע גע־זאָגט, פֿאַרעסנדיק אַ הייס געריכט, פֿון טייערע פֿיש, און אַרומ־קוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן.

— נאָר דאָ קאָן מען זיך גוט אָפּרוען — האט קיסליאַקאָוו באַמערקט.

— דו קענסט אונדז שוין צו פֿיל — מיר וועלן דאָרט איינגאַנצן אָפּגעוויינט פֿון רעסטאָראַנען.

— אָט דאָס איז גוט — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט און אַליין האָט ער זיך געטראַכט, אַז אפֿשר וועט אַרקאַדי פֿאַרלייגן צו באַצאָלן אַ העלפֿט; דאַן וואָלט דאָס לאָך אין זיין בידזשעט נישט געווען אַזוי גרויס. ווען נישט וועט זיין זייער שלעכט.

פֿון דידאָזיקע געדאַנקען האָט ער איינגאַנצן פֿאַרלוירן דעם אַפּעטיט און גאָרנישט געגעסן. און די געריכטן האָט ער פֿאַר זיך אויסגעקליבן די סאַמע ביליקע, אָבער מיט אַזאַ אויסזען, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען די, וועלכע ער האָט שוין לאַנג געזוכט.

וווהין־זשע וועלן מיר גיין נאָכמיטאָג? — האָט ער גע־פֿרעגט, ווען מ׳האט שוין זיך געהייסן דערלאַנגען אַ רעכענונג און געוואָרט מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש, אַז טאַמאַרע וועט זיך אָפּ־רופֿן: „לאָמיר ערגעץ ווי פֿאָרן מיט אַן אויטאָ“.

נאָר אַרקאַדי האָט פֿאָרגעלייגט צוצוגיין צו זיי צהיים און טאַמאַרע איז אויף דעם איינגעגאַנגען.

ווען מ׳האָט דערלאַנגט דעם רעכענונג, האָט קיסליאַקאָוו זיך באַמיט נישט צו קוקן אין אַרקאַדיס זייט, כּדי נישט צו דערלאָזן זיינע אויגן צו כאַפּן אַ קוק, צי וועט זיין פֿריינט אַר־קאַדי נישט אפֿשר אַ קוק טון אין טאַש אַריין נאָכן טייסטער.

אַרקאַדי האָט אַ רוק געטון זיין האנט אין טאַש־בוזעם.

— וואס איז — האָט קיסליאַקאָוו האָסטיק אַ פֿרעג געטון,

— איך אַ העלפט און דו אַ העלפט—האָט אַרקאַדי געשטאַמלט—כ׳וויל נישט דו זאָלסט אינגאַנצן באַצאָלן...

— גיי שוין, גיי, דו מיט דיין פרוי זענט איצט ביי מיר צוגאַסט — האָט קיסליאַקאָוו אים נישט געלאָזט אַרויסנעמען דעם טייסטער און אויסגעצויגן די האַנט נאָך דעם דערלאַנגטן רעכענונג. זיינע אויגן האָבן קודם־כל געזוכט דעם סך־הכּל, וויפיל עס קומט אויס צו באַצאָלן פאַרן מיטאָק מיטן ווײַן. דידאָזיקע סומע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ גרעסערע, ווי די, וועלכע ער האָט געהאַט אויסגערעכנט איז קאָפּ, בעת ער האָט געפירט דעם געשפרעך מיט זיין פריינט. ער האָט פאַרגעסן, אַז די ווײַנען קאָסטן טאָפּלט איגם דאָזיקן רעסטאָראַן בעתן מיטאָק. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן זיך אַלע דריי געלאָזט וווילגיין אויף פינפאונצוואַנציק רובל: אַזוי האָט באַטראָפן דער סך־הכּל פון דעם רעכענונג. צוויי רובל האָט מען נאָך געדאַרפט געבן דעם קעלנער, חוצדעם דעם שווייצאַר אויך. קומט אויס אַזוי־אַרום, אַז אין זיינע פינאַנסן וועט ווערן אַ לאָך פון גאַנצע דרייסיק רובל.

און דער עיקר, — ביי טאַמאַרן האָט זיך אויסגעאַרבעט אַן איינדרוק, אַז ער האָט געלט און אַז זי האַלט, אַז אויסגעבן פינף—צען רובל איז פאַר אַ גאָרנישט.

זיי זענען געגאַנגען צום פלאַץ. קיסליאַקאָוו האָט פּלוצלינג באַמערקט, אַז ביים פלאַץ אַרום טומלט זיך מיט בלומען־פאַרקייפער, וואָס שטייען אַזוי חוצפהדיק צו צו די דורכגייער, מ׳זאָל ביי זיי קויפן, און האָט אַ געשריי געטון צו אַרקאַדין, אַז אויף רעכטס, דורכן געסל, וועט באַקוועמער און נעענטער זיין צו גיין, ווי דורכן פלאַץ.

ער האָט אָבער אַ געשריי געטון אַזוי דערשראָקן, פּונקט ווי אויף אַרקאַדין וואָלט אַנגעפאַלן אַן אויטאָמאָביל, וועלכער יענער האָט נישט דערזען און אַרקאַדי האָט ווירקלעך אַ שפרונג צאַפּ געטון ביי קיסליאַקאָווס אויסגעשריי.

אַהיים זענען זיי געקומען שוין פאַרנאַכט און נישט אַנציגנדיק קיין פייער, האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט זאַלבעדריט אויף דער אָטאָמאַנע.

טאמארע איז געוואָרן זייער צעדטלעך צו ארקאדין. קיס־ליאקאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, אז דידאָזיקע צערטלעכקייט האָט צו אים אויך א שייכות. ס'קאָן זייער זיין, אז ווען ער וואָלט דאָ נישט געווען וואָלט זי נישט אַרויסגעוויזן אזוי פיל צערטלעכ־קייט צום מאַן, וועלכן זי זעט יעדן טאָג.

— ווי גוט דאס איז, וואס אין אונז שטימונג ווילט זיך נישט טראַכטן וועגן קיין שום אומאָנגענעמס, — האָט זי געזאָגט מיינענדיק, אפנים, מיטן וואָרט אומאָנגענעמס איר דורכפאַלן מיט איר שטרעבונג אָנצוקומען אויף דער בינע און, די שווערע מינוטן וואס זענען פארבונדן מיט דידאָזיקע דורכפאַלן.

אוועקלייגנדיק ארקאדיס האַנט צו זיך אויף דער פלייצע, האָט זי געגלעט זיין פלייצע און אָן איר זיך געריבן מיט דער באַק און אירע אויגן האבן זיך עטלעכע מאָל איינגעקוקט אין קיסליאקאָוון.

ס'האט א קלונג געטון דער טעלעפאָן. טאַמאַרע האט זיך אויפגעהויבן.

— איך בין פארנומען, — האט זי געזאָגט שאַרף און מיט א לייכטער גרימאַסע.

— ווער איז דאס? — האָט ארקאדי געענטפערט.

— דאס איז א חברטע.

טאַמאַרע האט זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויף דער אָטאָ־מאַנע. אָבער איר שטימונג האט זיך געענדערט און זי האט גע־זאָגט מיט בענקשאַפט.

— קאָן עס געמאָלט זיין, אז איך זאָל זיך דורכשלאָגן א וועג צו דער בינע? צי אפשר איז מעגלעך, אז דאָס זאָל קיינ־מאָל נישט געשען?

— ס'וועט געשען, ס'וועט געשען. כ'בין אין דעם זיכער— האט זיך אָפגערופן קיסליאַקאָוו. אָט האָסטו מיין האַנט און זאָל זיין מיט מזל.

טאַמאַרע האָט גענומען זיין האַנט. איר א דריק געטון דערנאָך פארטראַכט א גלעט געטון. און ארקאדי האָט אויף זיי געקוקט מיט א שמייכל, ווי אויף קינדער, און איז געווען

שטאָלץ און ס׳האָט אים געפרייט, װאָס צװיי מענטשן, די נאָענטסטע מענטשן זיינע זיצן, װי אַ ברודער מיט אַ שװעסטער.

אים איז נאָר פאַרגעקומען אויסטערליש, װאָס זיי קאָנען זיך נאָך נישט צוגעװוינען איינער צום אַנדערן; זיי האָבן װי מורא געהאַט צו בלייבן זאַלבעצװייט אויף דער אָטאָמאַנע און װען אַרקאַדי, װעלכע האָט געהאַט אַ טבע צו רעדן בעתן גיין האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער אַהין און צוריק און גערעדט, האָבן זיי אים ביידע װי מיט איין שטים גערופן, ער זאָל זיך זעצן מיט זיי אויף דער אָטאָמאַנע.

— צװואָס זיצטו נישט? ס׳איז אַזוי היימלעך און באַקװעם װען מיר זיצן זאַלבעדריט צוזאַמען — האָט טאַמאַרע געזאָגט, אַליין זיך אויפהייבנדיק גיך פון דער אָטאָמאַנע.

אַרקאַדי איז פאַר זיי געװען אַ מין פאַרייניקונג: װען ער איז געװען צוזאַמען מיט זיי, האָט טאַמאַרע, װי פון אונטער זיין שוץ, געקענט קוקן אויף „יסליאַקאָװ, גלעטן אים די האַנט, װאָס עס װאָלט איר נאַטירלעך געװען נישט באַקװעם, װען זיי, זי און קיסליאַקאָװ, װאָלטן געזעסן זאַלבעצװייט און נישט זאַלבעדריט.

— פאַרװאָס-זשע ביסטו אַליין אַראָפּגעשפּרונגען פון דער אָטאָמאַנע און זיצט נישט? — האָט אַרקאַדי געפרעגט.

— איך װיל נישט אָן דיר זיצן.

— װאָס, איר האָט מורא איינער פאַרן אַנדערן, װאָס? װען װעל איך שוין אויסלערנען! דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, װי איך בין איצט גליקלעך — האָט ער געזאָגט, װענדנדיק זיך צום פריינט. — װען איר זאָגט זיך איינס דעם צװייטן „דו״ פיל איך אַ גרויסע פרייד אין האַרצן.

— מיר אַליין קומט אויך אויס אויסטערליש, װאָס ביי מיין גאַנצן װונש, קאָן איך נישט קוקן אויף טאַמאַרן װי אויף אַ פרוי — האָט קיסליאַקאָװ געזאָגט.

זאָגנדיק דאָס האָט ער מיט אַ שמייכל אַ קוק געטון אויף טאַמאַרן, װי װעלנדיק פאַרשאַפן איר פרייד דורך זיין פולער ריינקייט, און נישט פאַראינטערעסירטקייט.

אירע אויגן האָבן אויף אים געקוקט, נאָר זי האָט גאָר נישט געזאָגט, נישט געענטפערט אויף זיין שמייכל און האט זיך וועגן עפּעס פאַרטראַכט, קוקנדיק אָן אַ זייט.

קיסליאַקאָוו האָט דערפילט, אַז זי איז מיט עפּעס נישט צופרידן און געוואָלט אויפכאַפּן זיין בליק, נאָר זי האָט אויף אים נישט געקוקט.

— מיר טוט שטאַרק הנאה, וואָס איר זענט צווישן זיך באַפריינדעט אויך צוליב דעם, וואָס טאַמאַרע שטרעבט איצט וויניקער צו דער געזעלשאַפט פון אירע חברטאָרנס. עס ציט זי שוין נישט אזוי שטאַרק צו זיי, ווי פריער. נאָר איר שעמט זיך נאָך עפּעס איינער פאַרן אַנדערן.

— מ׳קאָן דאָך נישט אזוי גיך זיך צוגעוויינען — האָט טאמארע געזאגט.

— טאָ געוויינט־זשע זיך צו.

און ווען קיסליאַקאָוו האָט זיך אויפגעהויבן, כדי זיך צו געזעגענען, האָט אַרקאַדי אויף אַ שפּאַס פאַרייניקט זייערע קעפּ און געזאָגט.

— נו, טו אים אַ קוש כאָטש איינמאָל, דיין פאַרקנסטן ברודער.

טאַמאַרע האָט ארומגענומען קיסליאַקאָוון פאַרן האַלדז און אים אַ קוש געטאָן פראָסט, ווי אַ שוועסטער, נאָר זי האָט זיך צו האַסטיק אָפּגעקערט אָן אַ זייט.

— שרעקלעך פונדעסטוועגן! — האָט אַרקאַדי געזאגט, אויפכאַפּנדיק איר באַוועגונג.

— אָט וועל איך זיך צוגעוויינען, דעמאָלט וועט שוין נישט זיין שרעקלעך — האָט טאַמאַרע געענטפערט.

און בּן־הזה, אין אַ געוויסער צייט ארום, האָט זי שוין, פריי און פראָסט, ווי אַ שוועסטער, באַגריסנדיק זיך מיט קיסליאַקאָוון אים געקושט, ווען ער פלעגט קומען צו זיי צו גיין.

זי פלעגט געוויינטלעך קומען צו גיין פון שטאָט אין אַ צושטאַנד פון אַ פולער פאַרצווייפלונג. אַרקאַדי פלעגט איר

אריינברענגען אין כעס דורכדעם, וואָס ער האָט זיך באַצויגן צו אירע דורכפאַלן נישט גענוג ערנסט.

— ער קוקט אַלץ אויף מיר, ווי אויף אַ קליין מיידעלע, וועלכע מ'האָט איבערגעלאָזט אָן שפּילעכלעך. ווי אַזוי קאָן ער נישט פאַרשטיין, אַז פאַר מיר שטייט אַ טויבע וואַנט. און וואָס פאַרע יסורים דאָס פאַרשאַפט מיר! — האָט אויפגערעגט טאַמאַרע זיך נעקלאָגט — ווי אַזוי קאָן ער נישט פאַרשטיין די דאָזיקע צרה. מיר ווילט זיך צייטנווייז צעשמעטערן זיך דעם קאָפּ אָן דער וואַנט. איך וויל זיך פאַרנעמען מיט דעם ביי וועלכן איך קאָן מיך אַרויסווייזן, ווער איך בין און וואָס עס באַשטייען מיינע פעיקייטן. און ער פאַרשטייט דאָס נישט.

— יאָ, איך פאַרשטיי, האָט זיך אַרקאַדי פאַרענטפערט — גאָר וואָס־זשע קאָן מען טון?

— אַך, וואָס צו טון? — האָט טאַמאַרע לעבעדיק זיך אַרויסגעוואָרפן מיט כעס און פאַרביטערונג, — אָט דאָס איז אַן אַנדערע פראַגע. אַנדערע געפונען, וואָס צו טון.

— ווער זענען עס די „אַנדערע"?

— בכלל אַנדערע... ווער עס קוקט פּשוטער אויף זאַכן. און מיר ווילט זיך טיילמאָל אַ שפּיי טון אויף אַלץ. ווי באַלד איך עקזיסטיר נישט אין לעבן, אַלס מענטש, איז פאַר מיר אַלץ איינס.

— געדענק, וואָס דו רעדסט!

— כ'האָב נישט, וואָס צו געדענקען. כ'רעד און וועל רעדן.

אין אַזעלכע מינוטן פלעגן אַרקאַדיס טרייסט־ווערטער אַרויסרופן ביי איר נאָר אַ צערייצטקייט. געווירקט אויף איר אָבער האָבן דאָך קיסליאַקאָווס באַרויגונגען, וועלכער פלעגט שטענדיק באַהויפּטן, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט זי זיין אויף דער בינע.

ווען ער פלעגט זיך אויפהייבן פון דער צעטאַמאַנע, כדי צו גיין אַהיים, פלעגט זי נערוועזיש אַ כאַפּ טון זיין האַנט און זאָגן.

— גייט נישט אַוועק!...

אַרקאַדי האָט איצט שטענדיק געשיקט קיסליאַקאָװן זי פֿאַרזיקן אין די מינוטן, װען זי איז געװען אין אַ געדריקטער שטימונג.

— גיי, זי פֿאָלגט דיך מער! — פֿלעגט ער זאָגן.

II

אמאָל איז קיסליאַקאָוו געקומען, ווען אַרקאַדי איז נישט געווען אינדערהיים. טאַמאַרע האָט ארומגעשפּרייזט איבערן צימער. אויף די פּלייצעס בײַ איר איז געווען לײַכט ארומגעוואָרפן א ווייס-זײַדענע פּאַציילע מיט לאַנגע פּראַנזן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ביז די קני. זי האָט די פּאַציילע ארומגעוויקלט ארום דער ברוסט, ווי איר וואָלט געווען קאַלט.

— נו, ווי גייט עס בײַ דיר?

— ווי מיר גייט... מיר איז אַלצאיינס — האָט טאַמאַרע צערייצט זיך אָפּגערופן.

— וווּ איז אַרקאַדי?

— ער איז נישטאָ אינדערהיים.

— זיצסטו דאָ, הייסט עס, אַליין.

— יאָ, אַליין...

בײַ קיסליאַקאָוון האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס האַרץ.

אירע אויגן האָבן ווייטער, ווי פריער, אויף אים געקוקט. נאָר אים איז אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק, — צי מיינט זי אפשר נישט, אַז ער איז געקומען בכיוון, ווען אַרקאַדי איז נישטאָ אינדערהיים און צו איז זי אים אפשר חושד אין נישט ריינע כוונות. פאַרוואָס קוקט זי עפּעס אַזוי אויף אים?

— איך האָב געמיינט, אַז ער איז שוין דאָ אינדערהיים— האָט ער געזאָגט.

טאַמאַרע האָט נאָך אַ געוויסע צייט אויף אים געקוקט שווייגנדיק, דערנאָך האָט זי זיך אָפּגערוקט אָן אַ זייט און אָנ־געהויבן נערוועזיש צו צייכנען איבער דער פּאַרשוויצטער שויב עפּעס סתּם אין דער וועלט אַריין.

קיסליאַקאָוו, נישט וויסנדיק וואָס צו טון, איז צוגעגאַנגען צו איר און גענומען איר האַנט פון אונטער דער פּאַציילע. זי האָט אים געגעבן די האַנט — און שנעל זיך אומגעדרייט. ווי־דער האָבן אירע אויגן אויף אים מאָדנע געקוקט.

קיסליאַקאָוו האָט באַלד אַרויסגעלאָזט איר האַנט פון זיי־נער. אים איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז זי וויל אויספּרובירן זיין אָרנטלעכקייט. אויב ער וועט צו צערטלעך גלעטן איר האַנט, וועט זי דערנאָך זאָגן אַרקאַדין: „איך האָב זיך נישט טאַרגעשטעלט, אויף ווי ווייט אַ מאָדערנער אינטעליגענט איז גע־מיין און נידערטרעכטיק; זאָל עס אפילו זיין דאָס ווייב פון זיין בעסטן פריינט". נאָר אויב זי וועט זיך אונטערן איינפלוס פונם דורכפאַל, זיך געפינען אין אַ היסטערישן צושטאַנד און פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, — וועט ער נישט אַדורכלאָזן די געלעגנהייט און באַגיין די גרעסטע געמיינקייט און נידערטרעכטיקייט לגבי זיין גוטן פריינט."

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אַזוי פאַרפּלאָנטערט קיסלאַקאָווס שטימונג, אַז ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי זיך צו פאַרהאַלטן מיט טאַמאַרן.

זי האָט איינגעגראָבן די גאָמבע אין דער פּאַציילע און האָט רעטזועלהאַפט געקוקט אויף אים פון אונטערן שטערן אַהער.

— וואָס קוקסטו עפּעס אַזוי מאָדנע אויף מיר?

— ווי־זשע דען זאָל איך קוקן? — האָט זי זיך אָנגערופן מאַכנדיק אַ טריט צו אים נענטער.

קיסליאַקאָוו האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס און פאַררייכערט טאַמאַרע האָט געקוקט, ווי ער פאַררייכערט, דערנאָך ווידער אַ קוק געטון אויף אים.

— כ'האָב אויף אייך שטאַרק געוואַרט — האָט זי געזאָגט

— און איך זע, אז איר זענט גאָרנישט צופרידן, וואס איר זעט מיך.

— איך בין נישט צופרידן? ווי פאלט עס אייך איין? פון וואנען זעט איר עס?

— איך בין פאר אייך לחלוטן „אלצאיינס"

— פון וואנען נעמסטו דאָס?

— איר האָט אליין אמאָל געזאגט.

— כ'האָב געזאגט, אז איך קאָן אויף אייך נישט קוקן ווי אויף א פרוי.

— ווי דען-זשע?

— ווי אויף א שוועסטער?

— ווען א מאנספערשוין רעדט אזוי, פארבאָרגט ער נאָר דערמיט אין א פיינער פאָרם זיין גלייכגילטיקייט. געוויס, ווען איך וואָלט געווען א באריממטע אַרטיסטן, וואָלט איך נישט געווען אזוי „אלצאיינס", אבער איצט וואָס בין איך דען?...

זי האָט זיך שארף אָקער-אָפּ געטון פון אים און זיך ווידער אָנידערגעשטעלט מיטן רוקן צו אים.

קיסליאקאָוו האט געוווסט, אז א פרוי קערט זיך אָפּ מיטן רוקן צום מאנספערשוין אין צוויי פאָלן: אָדער ווען זי פילט זיך באָליידיקט, אדער ווען זי וויל אים געבן פרייהייט בנוגע זיך, „פרייע הענט". קיסליאקאָוו וואָלט איצט געקאָנט פריי זי אָרומנעמען פון היגטן פארן האלדז, ער וואָלט זיך געקאָנט אָנרירן מיט די ליפּן צו איר ווייסן פוכקן נאקן, נאָר ער האָט באשלאָסן צו זיין יעדנפאלס פאָרזיכטיק. טאמארע וואָלט דעמאָלט דערציילט אַרקאַדין: „אָט דאָס איז דער איינציקער ערלעכער מענטש און פריינט, וועלכער וועט דיך קיינמאָל נישט פאַראַטן; ביי אים זענען נאָך, בעת דער אלגעמיינער מאָראַלישער ירידה און צעפאלונג פון דער אינטעליגענץ, פארבליבן די העכערע ווערטן אין לעבן, ער האט א ווילן און פאַרהעמונגס-צענטרען".

— פון וואנען ווייסטו עס? — וועט אַרקאַדי איר פרעגן.

— ווייל איך האָב אין דיין אָפּוועזנהייט — וועט זיין איר

ענטפער — באַשלאָסן אים אויסצופּרוּוון און זיך מאַכן פאַר אַ פּרינציפּלאָזע פרוי, ווי מײַנע חברטאָרינס, וועגן וועלכע דו האָסט אים דערציילט און ער האָט זיך גאָרנישט דערלויבט, געווען פעסט ווי אַ פעלז.

אַזוי ווי ער האָט זיך וועגן דעם פאַרטראַכט, איז ער גע-נוג לאַנג אָפּגעשטאַנען אַזוי הינטער טאַמאַרן, נישט אַרויסרעדנ-דיק קיין וואָרט.

זי האָט ענדלעך מיט אַ באַוווּנדערונג זיך אומגעקוקט אויף אים און, אָפּגייענדיק פון פענצטער, האָט זי זיך צערייצט אַני-דערגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַרײַנגעקומען אַרקאַדי.

— אַ, ענדלעך ביסטו שוין דאָ! — האָט קיסליאַקאָוו אויס-געשריגן.

פון פאַרלעגנהייט האָט ער די דאָזיקע ווערטער אַרויסגע-רעדט איבערטריבן פריידיק, כדי אַרקאַדי זאָל עפּעס נישט מיי-נען, זעענדיק זי ביידע צוזאַמען.

נאָר דאָס איז בײַ אים אויסגעקומען זייער אומגעלומפּערט, ס'איז אויסגעקומען, אַז דווקא די טאַמאַרע וואָלט אים שטאַרק נימאָוס געוואָרן מיט איר אינוזאַלטלאָזיקייט און אים האָט אויפריכטיק הנאה געטון וואָס ס'איז אָנגעקומען זײַן פרײַנט, וועלכער וועט אים געבן די מעגלעכקייט בטור צו ווערן פון איר אָנוועזנהייט און ווייטער אויסצוהערן אירע גאַרישע רייד.

אַרקאַדי האָט געבראַכט מיט זיך פאַרשידענע זאַכן, וואָס ער האָט אײַנגעקויפט אין שטאָט — פלעשלעך, בײַכיקע פלעש-לעך א. א. וו. — און אונטערשטעלנדיק קיסליאַקאָוון ביידע טאַשן פון זײַן פאַלטאָ, האָט ער געזאָגט:

— פּאַק אויס.

טאַמאַרע איז אומבאַוועגלעך געזעסן אויף דער אָטאָמאַנע, אָנציענדיק אויף די קני די עקן פון דער פאַציילע און באַ-האַלטנדיק אין דעם איר גאָמבע. זי האָט אפילו נישט קיין קוק געטון אין דער זײַט פונם אַרײַנגעקומענעם מאַן.

— וואָס איז? אין וואָס האַנדלט זיך עס? — האָט אַרקאַדי געפרעגט. אַ קוק טוענדיק אויף זיין פרוי, דערנאָך אויף קיסליאַקאָוון — זיך צעקריגט?

— יאָ, אַ קליינע פּרינציפּ־עלע מחלוקה — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

— קיין שום פּרינציפּיעלע מחלוקה — האָט טאַמאַרע אָפּגעלייקנט, גראָב אָפּשטויסנדיק אַרקאַדין, וועלכער האָט איר געוואָלט אַ קוש טון — כ׳האָב פּשוט געמיינט, אַז מען באַהאַנדלט מיך בעסער, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אינדערעמתן.

קיסליאַקאָוו האָט זיך דערשראָקן, מיינענדיק, אַז זי וועט באַלד זאָגן עפּעס שרעקלעכס. למשל, אַז ער האָט אין אָפּוועזנהייט פון איר מאַן דייטלעך געהאַט בדעה צוצוגיין צו איר ווי צו אַ פּרינציפּלאָזער פרוי, ווי אירע חברטאָרינס, און האָט זיך אויף דעם נישט דעצידירט נאָר אויס מורא, אַז זי וועט וועגן דעם דערציילן דעם מאַן.

— אין וואָס־זשע האַנדלט זיך עס?

— אין דעם, אַז דיין פריינט האָט בשום־אופן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אויף דיין קומען צוריק: אים איז געווען לאַנגווייליק צו זיצן מיט אַ פרוי, וואָס שטעלט גאָרנישט פאָר מיט זיך. און חוצדעם ביסטו פאַר אים אַזאַ הייליקטום, אַז אויף קיין שום אַנדער זאַך, איז ער נישט אומשטאַנד צו קוקן.

דער טאָן פון אירע ווערטער איז געווען אַ שפּאָטיקער, נאָר אין זיי האָט זיך דייטלעך געהערט אַ צערייצטקייט.

— וואָס הייסט אויף קיין אַנדערן איז ער נישט אומשטאַנד צו קוקן? — האָט קיסליאַקאָוו איבערגעפרעגט.

— גאַנץ פּשוט — האָט טאַמאַרע געענטפערט, נישט אַ קוק טוענדיק אויף אים.

ווען מ׳האָט זיך געזעצט צום נאַכט־עסן האָט טאַמאַרע אָנגעהויבן טרינקען איין קעלישעקל נאָך דעם אַנדערן. אַרקאַדי האָט איר געפּרוווט אָפּצושטעלן. זי האָט גראָב, גאָרנישט צו דערוואַרטן פון איר, איינמאָל אַ שטופּ אָפּ געטון זיין האַנט און אַ זאָג געטון:

— גיי צו אַלדע רוחות!

זי האָט עס געזאָגט אַזוי, ווי אירע חבֿרטאָרינס וואָלטן גע־זאָגט. ביידע פריינט איז געוואָרן נישט באַקוועם.

יעדע ווענדונג אַרקאַדיס האָט ביי איר אַרויסגערופן אַ צע־רייצטקייט. און אפילו ווען קיסליאַקאָוו פלעגט זי אָנהייבן צו באַ־רויקן, פלעגט זי ענטפערן מיט אַ קאַלט עקשנותדיק שטילשווייגן, אַזוי אַז ער האָט עפּעס געפילט זיך שולדיק אין דעדאָזיקער פאַמיליען־מחלוקה.

פלוצלינג איז זי אַ שפרונג אויף געטון און איז אַריינגע־לאָפן אין שלאָף־צימער. אַרקאַדי האָט פחדימדיק איר נאָכגעקוקט.

— גיי, טו אַ קוק וואָס מיט איר איז — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט אַרקאַדין.

אַרקאַדי איז אַריינגעגאַנגען אין עסצימער, דערנאָך איז ער פון דאָרט אַרויסגעקומען אומגעשיקט, אויף די שפּיץ־פינגער, מיט אַ פוסט גלאָז אין דער האַנט.

— מ׳האָט איר נישט געדאַרפט לאָזן טרונקען קיין ווייַן — האָט ער געזאָגט, אָנגיסנדיק אין גלאָז פון דער קאַראַפקע אויפן קרעדענץ וואַסער — כ׳וועל זי באַלד לייגן אין בעט אַריין.

אין אַ מינוט אַרום האָט ער אַרויסגעקוקט פון שלאָף־צימער.

— זי רופט דיך.

קיסליאַקאָוו האָט פאַרלאָשן זיין פּאַפּיראָס, וועלכן ער האָט גאָר־וואָס געהאַט פאַררייכערט און איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער, ווי עס גייט אַ דאָקטאָר צו אַ קראַנקן, ווען אַלע הכנות צו זיין קומען זענען שוין געמאַכט געוואָרן.

טאַמאַרע איז געלעגן אין בעט, באַדעקט ביז דער גאָמבע מיט אַ קאָלדרע, מיט אַ נאַסן פאַרדרייטן האַנטוך אויפן קאָפּ. אויף אַ שטול ביים בעט זענען געלעגן אירע קליידער. אירע אויגן זע־נען געווען פאַרמאַכט.

— זעצט זיך אָט דאָ — האָט זי געזאָגט קוים צו הערן, עפענענדיק אַביסל אויף אַ מינוט די אויגן און אָנווייזנדיק אים אַן אָרט אויפן עק בעט נעבן זיך.

קיסליאַקאָוו האָט זיך געזעצט, אָנרירנדיק מיט דער זייט אָן איר האַנט, וואָס איז געלעגן אונטער דער קאָלדרע. ער האָט

אָנגעטאַפּט איר האַנט און אָנגעהויבן די האַנט צו גלעטן דורך דער קאָלדרע, ווי עס גלעט אַ דאָקטאָר די האַנט פון אַ פּאַציענט כדי אים צו באַרויִקן.

אַרקאַדי האָט זיך געזעצט פון דער אַנדערער זייט. טאַמאַרע האָט נישט געקוקט אויף זיין זייט, ווי מען קוקט נישט אויף קיין מענטשן, וועלכער רייצט אייך מיט אייער אָנוועזנהייט, און זאָגן אים וועגן דעם קאָן מען נישט. זי האָט נאָר יעדע מינוט געבעטן איר דערלאַנגען דאָ דאָס און דאָ — יענץ און גיך געוואָרן צערייצט, ווען ער האָט געטון עפּעס נישט ווי עס געהער צו זיין.

קיסליאַקאָוו ווידער האָט זיך געפילט נישט באַקוועם פון דעם, וואָס זי באַגייט זיך אין זיין קעגנוואַרט אַזוי שאַרף און שטרענג מיט אַרקאַדין און אים איז געווען נישט באַקוועם זיך צו באַגעגענען מיט די בליקן פון זיין פריינט. ביי אַזאַ פּריוואַליזירטע לאַגע. ס'איז געווען שוין צו קלאָר און אויפפאַלנדיק, אַז זי באַציט זיך צו אים אַ סך ווייכער און טאָלעראַנטער, ווי צום מאַן. איינמאָל האָט זי אַפילו נערוועיש אַ דריק געטון דורך דער קאָלדרע קיסליאַקאָווס האַנט. יענער האָט איר אויף דעם געענטפערט מיט אַ לייכטן דרוק אין האַנט צוריק. ווען ער האָט איר צורעכטגעמאַכט דאָס נאַסע האַנטוך אויפן קאָפּ איז זי נישט צערייצט געוואָרן, ווי ביי יעדן צורירן זיך צו איר פון אַרקאַדין, און האָט נאָר עפּענעדיק די אויגן, אויף אים געקוקט שווייגנדיק און ערנסט.

זי האָט נאָכאַמאָל פעסט אַ דרוק געטון קיסליאַקאָוון די האַנט און נישט אַרויסלאָזנדיק זי פון איר האַנט, איז זי לאַנג געלעגן אומבאַוועגלעך מיט פאַרמאַכטע אויגן. קיסליאַקאָוו האָט איר געענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט שטיל געריִרט מיט זיין האַנט איר האַנט, כדי ער זאָל אין אירע אויגן נישט אויסקומען ווי אַ געפיללאָזער און גלייכגילטיקער צושויער, וועלכן מ'האָט אָנידערגעזעצט און געצוווּנגען, ווי אַ ניאַניע צו פלעגן אַ קראַנקן.

— אפשר גיבן איר גאָך וואַלעריאַן-טראָפּן — האָט אַרקאַדי געפרעגט.

טאַמאַראַס פּנים האָט זיך צאָרנדיק פאַרקרומט. זי האָט גע־מאַכט אַ אומגעדולדיקע באַוועגונג, ווי נישט וויסנדיק ווו זיך אַהינצוטון פון דעם פּסדרדיקן זאַרגזאַמען צושטיין וואָס זענען איר שוין נמאס געוואָרן. דערנאָך האָט זי זיך גובר זייענדיק, אַ זאָג געטון:

— דערלאַנג פּענאַצעטין.

— מיר האָבן נישט קיין פּענאַצעטין — האָט אַרקאַדי געענטפערט.

— אויב ס'איז נישט דאָ הייסט עס, אַז מען דאַרף קויפן.

קיסליאַקאָוו האָט דערפילט, אַז ער האָט געדאַרפט אַ שפּרונג אויף טון און זאָגן:

— אַט וועל איך גיין קויפן...

נאָר ער האָט נישט געטון קיין שפּרונג און גאָרנישט גע־זאָגט — בפרט נאָך וואָס טאַמאַראַס האַנט האָט אין יענער צייט נאָך שטאַרקער אַ דריק געטון זיין האַנט, פּונקט ווי זי איז גע־ווען צופרידן פון דער געלעגנהייט, כאָטש אויף אַ מינוט זיך אָפּצורייסן פון אַרקאַדיס זאָרגזאַמען פאַרען זיך אַרום איר.

אַרקאַדי איז אַרויסגעגאַנגען. טאַמאַרע האָט באַלד אַראָפּ־געוואָרפן פון קאָפּ דאָס האַנטוך, אַוועקגעלייגט אירע קילעכיקע הענט אויף דער קאָלדרע און געקוקט אויף קיסליאַקאָוון מיט יענעם אויסטערלישן בליק, פאַר וועלכן ער פלעגט זיך פאַרלירן און נישט געוווסט וויאַזוי זיך צו האַלטן.

— איז נאָר אייך משמעות אַרקאַדי טייערער פון אַלץ אויף דער וועלט. אייך איז נאָר מיט אים אינטערעסאַנט צו פירן אַ געשפּרעך, אָדער מיט יענע פרויען, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט עפּעס און האָבן זיך דעראָבערט אַ אָנגעזועענע פּאָזיציע אין דער גע־זעלשאַפט? — האָט טאַמאַרע געזאָגט, קוקנדיק אויף קיסליאַקאָוון מיטן זעלבן בליק, זי האָט גענומען זיין האַנט און שטיל צוגע־צויגן זי צו זיך.

קיסליאַקאָוו האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן און באַ־שלאָסן צו קוקן אויף איר מיטן זעלבן שווייגנדיקן בליק, מיט וועלכן זי פלעגט קוקן אויף אים. זי האָט דעמדאָזיקן בליק, גע־קאָנט אויסטייטשן, ווי זי וויל, נאָר איז דער זעלבער צייט, האָט

ער זיך איר אונטערגעגעבן נישט אָקעגנשטעלנדיק זיך איר האַנט אַזוי אַז אין א געוויסער צייט אַרום איז זיין פּנים געווען גאָר־גאָר נאָענט פון איר פּנים.

— אַלזאָ, בין איך פאַר אייך נישט מער ווי „אַלצאייניקע״ קרובה? — האָט טאַמאַרע געפרעגט.

ער האָט געזעען נאָענט פאַר זיך אירע אויגן און די ציטערדיקע נאָזלעכער. האָט אפילו געפּרוווט מאַכן אַזוי, אַז ביי אים זאָלן אויך ציטערן די נאָזלעכער, וואס עס האָט, אפנים געזאָלט באַדייטן, אַז ער האָט אַ ליידנשאַפטלעכע נאַטור.

— בלויז אַ קרובה? — האָט טאַמאַרע שטיל איבערגעחזרט.

און איר האַנט, וואָס האָט שוין שטאַרק געציטערט, האָט צוגעצויגן צו זיך אַלץ מער און מער, ביז ער האָט פּלוצלינג ווי דערפילט אויף זיינע ליפּן די קעלט פון אירע פייכטע געעפנטע ליפּן.

אַלץ איז געשען אינגאַנצן אומגעריכט...

ער געדענקט נאָר, אַז בעת ער האָט געהערט אַ קלאַפּ אין דער איינגאַנגס־טיר, האָט ער אומגעשיקט א שפּרונג צו געטון, זיך פאַרטשעפּעט מיטן פוס אָנם טעפּיך און איז שיער נישט קיין פאַל געטון מיט דער נאָז אויפן קראַן פון וואַשטישל. אַ דאַנק דעם האָט ער שוין נישט געהאַט קיין צייט רויק, ווי פריער זיך אַנידערצוזעצן אויפן געלעגער און ער האָט נאָר באַוויזן זיך אַנידערצוזעצן אויף א שטול נעבן פענצטער.

דאָס איז אַרויסגעקומען נאַריש: פאַרוואָס איז ער אין מאַנס קעגנוואַרט געזעסן אויפן בעט, און אַצינד — אויף אַזאַ מרחק פון איר, אויפן שטול?

אַרקאַדי האָט אפילו פאַרחידושט א קוק געטון אויף זיי ביידן און געפרעגט:

— וואָס, זיך ווידער צעקריגט?

— יאָ, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט און אָנגעהויבן זיך געזעגענען.

III

ער איז געגאַנגען אַהיים, נישט פילנדיק די ערד אונטער די פיס, פונקט ווי אים וואָלט א כאַפּ געטון און געטראָגן אַ שטורעם, וועגן וועלכן ער האָט נישט געטראַכט און אויף וועלכן ער האָט זיך נישט געריכט.

ער האָט געהאט נאָר איין געדאַנק — אַז ער איז, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, פעיק אויף אַ שטאַרקער ליידנשאַפט, וועלכע פאַרנעפּלט און מאַכט פינצטער דעם קלאָרן פאַרשטאַנד און וועלכער איז אויף זיין וועג אַלץ מנצח.

ער קאָן קומען צו אַרקאַדין און זאָגן:

— משפט מיך ווי דו ווילסט אַליין, נאָר איך בין געווען אַן ערלעכער מענטש און אַזעלכער וועל איך בלייבן אויף ווייטער; איך דערקלער דיר גאַנץ אָפן, אַז מיך איז באַפאַלן א תאוה וואָס איז א סך שטאַרקער פאַר מיר, שטאַרקער נאָך פון אַלץ אין דער וועלט; דאָס איז מיין אומגליק און דאס גרעסטע זומגליק ווייל איך פיל, אַז איך לעב נאָך. דאס קאָן מען פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס דער מענטש האָט נישט געקאָנט בייסטיין דעם נסיון צוליב זיין שוואַכן ווילן, פּריציפּלאָזיקייט און צוליבן נישט האָבן אין זיך קיין האַמעוועדיקע צענטערן, דאס איז געשעען מחמת א עטיי-גערונג פון לעבן, וואס מאַכט ביי אזעלכע פאַלן דעם מענטש פאַר משוגע און פעיק צום גרעסטן פאַרברעכן.

אָט וואס ער וואָלט באַזאָגט אַרקאַדיו, ווען יענער וואָלט איצט געווען מיט אים.

אויב נאָר בײַ טאַמאַרן וואָלט זיך אַרויסגעוויזן אויף אַזאַ שטאַרק געפֿיל צו אים, קיסליאַקאָוון.

אים האָט נאָר אויף א רגע געשראָקן דער געדאַנק אַז זי זאָל נאָר פּלוצלינג פֿון יענעם מאָמענט אָן נישט קאָנען בלייבן מיט אַרקאַדין אונטער איין דאַך און אַ קשיא אויף איר? — זי קאָן נאָך דאָס אָפּטון גראָב און ברוטאַל; און דער עיקר — ער וועט נישט באַוויזן צו זאָגן צו אַרקאַדין:

— משפּט מיך ווי דו ווילסט א. א. וו.

נאָר ער האָט זיך באַרויקט דערמיט, וואָס טאַמאַרע וועט אָן זיין הסכם און װאָרענונג נישט מאַכן קיין דעצידירנדיקן שריט אין דער ריכטונג.

צוטאָרגנס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פרי און מיט א ברען און היץ, וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט. האָט ער געאַרבעט א גאַנצע שעה איבערן פּראָיעקט פֿון רעאָרגאַניזירן זיין אינסטיטוציע.

פּלוצלינג האָט עמיץ אָנגעקלונגען דריי מאָל. דאָס איז צו אים. אין קאָרידאָר האָבן, ווי שטענדיק, אָנגעהויבן בילן די הינט. און א גאַנץ צענדליק קעפּ האָבן זיך אַרויסגערוקט פֿון די טירן, כּדי צו ראַטעווען פֿון די הינט, אויב דאָס וועט זיין א פרעמדער, זייטיקער מענטש. די מיעסטשאַנקע האָט זיך אַרויסגערוקט, אין פּאַנטאָפל און זאָקן, — פריער פֿון אַלע.

קיסליאַקאָוו, נישט קאָנענדיק פאַרשטיין, ווער דאָס קאָן זיין איז געגאַנגען עפֿענען די טיר. אים האָט א בליץ געטון אין מוח א געדאַנק, אפשר האָט זיך צוריקגעקערט זיין פרוי. דאָס וואָלט געווען מער ווי נישט צו דער צייט... איר קומען וואָלט אים גאָר, גאָר נישט געווען אָנגענעם... אָדער ס׳קאָן זיין, אַז ס׳וואָלט אים אפשר גלייכער געווען און גוט, וואָס זי איז איצט געקומען: דאַן וואָלט ער איר געקאָנט דערציילן אַלץ.

ער האָט געעפנט די טיר און פאַרשטאַרט און שטום וואַרטנדיק, האָט ער נישט געוווסט וואָס ער האָט צו טון, וואָס צו זאָגן. אויף דער שוועל איז אין אַן אַראָפּגעלאָזטן ביז די אויגן באַקאַנטן קאַפּעלוש געשטאַנען — טאַמאַרע.

דער מענטשלעכער געדאַנק צייכנט זיך אויס מיט אַן אויסער־געוויינטלעכער, אמת בליציקער שנעלקייט. אין יענע קורצע רגע וואס איז אַריבער פונם מאָמענט ווען ער האָט געעפנט די טיר ביזן ערשטן וואָרט, מיט וועלכן ער האָט זיך געווענדט צו טאַמאַרן, האָבן זיך אין זיין מוח, ווי עלעקטרישע פונקען, דורכגעטראָגן געדאַנקען וועגן דער באַדייטונג פון איר קומען צו אים איצט, אַזוי פרי, ווען ס'איז נאָך קיין עלף אַ זייגער נישט.

אים האָט, קודם־כל, ווי מיט אַ שייטל האָלץ, אַ קלאַפּ געטון דער געדאַנק, אַז זי האָט שוין אַלץ דערציילט אַרקאַדין, מיט אים איבערגעריסן און איז געקומען וויינען צו אים, קיסליאַקאָוון, נישט וויסנדיק, אַז ער איז אַ באַוויי בטער. זי וועט זיך נאָך, ווער ווייסט צו אים איצט צובינדן מיטן גאַנצן כוח פון דער יונגער ליידנשאַפט. ווי וועט ער דערפאַלט נעמען געלט זי אויסצוהאַלטן? ווו וועט ער זי איינאָרדענען!

דאָס אַלץ האָט זיך איבערגעטראָגן ביי אים אין קאָפּ אין איין רגע, אין אַ כהרף־עין.

— ווי קומסטו אַהער? ביסט אַליין, אָדער מיט אַרקאַדין?— האָט מיט אַ פריידיקער באַוווּנדערונג קיסליאַקאָוו אויסגעשריגן כדי די שכנים זאָלן הערן און מיינען, אַז דאָס איז זיינע אַ קרובה.

— איך בין נאָר וואָס געגאַנגען אויף דער בערזע און מיר האָט זיך פאַרוואָלט זען ווי דו לעבסט,—האָט טאַמאַרע געזאָגט— מ'קאָן אַריינגיין?

ביי קיסליאַקאָוון איז ווי אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן זי האָט, לפּחות, זיך אויף אים נישט אַ וואָרף געטון האַלדזן און קושן אין די אויגן פון אַלע שכנים און האָט נישט געזאָגט: „נעם מיך אַוועק פון מיין מאַן, כ'קאָן מיט אים נישט לעבן".

— אויסגעצייכנט. גיי אַריין גיכער!

ער האָט דערזען די דאַמע אין ליליאָוון קאַשנע, וואָס איז דורכגעגאַנגען אין באָד־צימער אַריין און האָט בפּיון, כדי זי זאָל זען, גענומען טאַמאַרן אונטערן אָרעם און אַריינגעפירט צו זיך אין צימער אַריין. זי איז געשטאַנען אַ יונגע, הויכע, איר פּלאָער האַרבסט־קאָסטיום און דער הוט וואָס איז געווען אַראָפּגעלאָזט

נידעריק, ביז די אויערן, האָבן אונטערגעשטראָכן די יונגע ווייסקייט פון איר פנים און האַלדז און די בולטיקייט פון אירע נישט געפאַרבטע ליפּן.

דערנאָך האָט זי אַ קוק געטון אויף קיסליאַקאָוון און אַ שמייכל געטון מיט אַ לאַנגזאַמען שמייכל, מיט וועלכן עס שמייכלען מענטשן וואָס זענען נישט לאַנג געוואָרן נאָענט צווישן זיך, ווען זיי בלייבן צאַלבעצווייט.

און קיסליאַקאָוו האָט פּלוצלינג פאַרמאַכט די אויגן מיט דער האַנט, שטייענדיק אינמיטן צימער.

— כ'האָב זיך שרעקלעך געקוועלט אַ גאַנצע נאַכט... — האָט ער געזאָגט, קוים צו הערן, אַלץ נאָך נישט אַראָפּנעמענדיק די הענט פון די אויגן — כ'האָב זיך קוים דערוואַרט ס'זאָל אָנהייבן טאָגן.

טאַמאַרע איז צו אים צוגעגאַנגען. איבער איר פנים האָט אַ שימער געטון אַ רויק, צופרידן שמייכעלע, פּונקט ווי זי האָט דערפילט איר פאָרצוג, איר איבערמאַכט איבער אים, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך אָן איר געקוועלט.

— פון וואָס האָט איר זיך געקוועלט?

— פון דעם, וואָס איך בין אַ געמיינער יונג! — האָט ער געענטפערט מיט אַ פאַרצווייפלונג אין דער שטים.

ער האָט אַראָפּגענומען די האַנט פון די אויגן און, ווי נישט האָבנדיק קיין כוח צו קוקן גלייך אין די אויגן אריין זיין קרבן אָדער מיטהעלפערין, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און איז דאָרט געשטאַנען אַ געוויסע צייט, נישט אומקוקנדיק זיך.

הינטער זיין פּלייצע איז געווען אַ שווייגן, פּונקט ווי זיין ענטפער, איז געווען גאָרנישט יענער, ווי דער, אויף וועלכן זי האָט פון אים געוואַרט, ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן זיינע צרות און קוועלענישן.

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? — האָט טאַמאַרע געזאָגט צוגייענדיק צו אים מיט אַזאַ פאַרווכטיקן טאָן, פּונקט ווי זי וואָלט גע-

ווען גרייט זיך צו באַליידיקן, ווען ער וועט אַרויסזאָגן זיין געפֿ־דאַנק קלאָרער און באַשטימט.

— ווייל איך האָב אָפּגענאַרט מיין בעסטן פריינט, דעם א י י נ צ י ק ן פריינט.

איבער טאַמאַרעס פּנים האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ קאַלטע באַוווּנדערונג.

— איך האָב אָנערקענט, אַז איך באַגיי אַ ניזערטרעכטיקייט, און האָב גאָרנישט געקאָנט און קאָן נישט מיט זיך טון, ווייל דאָס געפיל צו דיר האָט מיך פאַרכאַפּט און באַהערשט מיך אינ־גאַנצן — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, צוגעבנדיק זיינע ווערטער אַ ביסל אַן אַנדער זין, ווייל ער האָט מורא געהאַט אַז טאַמאַרע זאָל זיך נישט דערשרעקן און אַהיימגיין.

טאַמאַרע האָט גענומען זיין האַנט און פאַרזיכטיק, ליבלעך גלעטנדיק זיינע פינגער, געפרעגט:

— צי איז דען אפשר שלעכט, ווען מ׳האָט צו טון מיט אַזאַ שטאַרק געפיל? צי איז דען דאָס נישט ערגער פון דעם, ווען ס׳איז ג אָ ר נ י ש ט נ י ש ט אָ.

— יאָ, אָבער איך קאָן זיך נישט אָן שרעק פאָרשטעלן, ווי וועל איך אים קוקן אין די אויגן ווען ער וועט זיך דער־וויסן...

— פון וואַנען זאָל ער זיך דערוויסן? איך קלייב זיך גאָרנישט אים וועגן דעם צו דערציילן אָדער אים פאַרלאָזן. איך קוק אויף דעם גאַנץ פשוט, אָן שום מיסטישן שרעק. פאַר אים אָבער איז דער געדאַנק וועגן מיין פ אַ ר אַ ט—האָט טאַמאַרע געזאָגט, שפּאַ־טיש אונטערשטרייכנדיק דאָס וואָרט „פאַראַט” — אויף אַזוי ווייט אוממעגלעך, שרעקלעך, אַז ס׳איז אַ סך באַקוועמער און בעסער אים גאָרנישט צו דערציילן.

— גלויבסט דער איבערשטער! — האָט קיסליאַקאָוו אויס־געשריגן מיט פאַרלייכטערונג.

ער האָט טאַמאַרען אַוועקגעזעצט אויף דער אָטאָמאַנע און אַליין זיך אַנידערגעזעצט אויפן טעפּיך ביי אירע פיס און מיט אַנציקונג און ליידנשאַפט אָנגעהויבן באַשיטן מיט קושן אירע

הענט, פּלייצעס און גלייכצייטיק אַגב פון איר אַראָפּגענומען דעם הוט, זשאַקעט, באַמיענדיק זיך דערביי נישט איבערצורייסן די קושן, כּדי זי זאָל זיין פאַרשיכּורט.

— וואָס טוסטו?... מ'דאַרף נישט... — האָט טאַמאַרע געזאָגט, שוואַך זיך אָפּשלאָגנדיק פון אים און אים אָפּשטויסנדיק פון זיך.

פלוצלינג האָט פון יענער זייט וואַנט, אין דער מ'עסטשאַנקעס צימער, אָנגעהויבן צו קלאַפּערן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז ענלעך צו אַ טראָמבע פון אַ סאַמאָוואַר. טאַמאַרע האָט דערשראָקן זיך אַ הייב געטון מיט אַ שפּרונג פון דער אָטאָמאַנע.

— דאָס איז גאָרנישט... דאָס איז גאַרנישט... — האָט קיסליאַקאָוו זי באַרויקט, זי ווידער אַוועקזעצנדיק אויף דער אָטאָמאַנע און, אַרומנעמענדיק זי, זיך באַמיט זי צוצוציען צו זיך, הגם דער געדאַנק זיינער האָט שוין אינדערזעלבער צייט געאַרבעט איבער דעם, אַז די מיעסטשאַנקע הערט זיך צו מן-הסתם און פאַרשטייט, וואָס דאָ קומט פאָר.

ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַר טאַמאַרן אויף די קני מיט איין האַנט געהאַלטן איר גרויסע האַנט, און מיט דער אַנדערער שטיל געגלעט איר קיילעכיקן רוקן און לייכט זי צוציענדיק צו זיך, איר געשעפּטשעט ליבלעכע ווערטער. און זי, מיט אַ לייכטן נעפּל אין די אויגן און אַ בלאָנדזשענדיקן שמייכל האָט זיך געגריבלט אין זיינע האָר, און זיי געגלעט. נאָר קיסליאַקאָוו האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איר בליק איז געווען געווענדט נישט אויף אים, נאָר פאַרביי זיין קאָפּ — אויף דער זייט פון אַנטקעגנאיבער.

— נו, טו-זשע אַ קוק אויף מיר... — האָט ער געזאָגט באַמיענדיק זיך אַ קער צו טון איר קאָפּ אַזוי, אַז זי זאָל אַ קוק טון אויף אים. פלוצלינג האָט אים ווי דורכגעשטאָכן אַ געדאַנק, פון וועלכן עס האָט אים אַ שלאָג געטון מיט אַ וואַרעמקייט אונטער די האָר, אַז זי זעט אויף דער וואַנט אַ וואַנץ און ער האָט, אַ דאַנק זיין קורצזיכטיקייט, אפילו נישט געקאָנט זען, צי אויף דער וואַנט איז פאַראַן אַ וואַנץ אָדער נישט.

פונדעסטוועגן האט דערדאזיקער פארדריסלעכער געדאנק פלוצלינג איבערגעהאקט, איבערגעריסן יעדע שטימונג, יעדן שוווּנג, פון וועלכן ביי אים האבן זיך אזוי פריי געהאט ארויסגעגאסן ליידנשאפטלעכע ווערטער.

טאמארע האט מיט באוווּנדערונג א קוק געטון אויף איר קאוואליער, וועלכער איז פלוצלינג מאדנע שטיל געבליבן און אין זיין גאנצער פאזע מיט דער האנט, וואס איז געלעגן אויף טאמארן, איז געווען א אומנאטירלעכקייט, וועלכע ס'איז צו באמערקן ביי מענטשן, וואס נעמען אן א ענטשפרעכנדיקע פאזע פארן פאטאגראפישן אפאראט און בלייבן ווי פארגליווערט אין אזא פאזע.

— וואס איז מיט אייך? — האט טאמארע פארחידושט, געפרעגט. און איר בליק האט פארלוירן יעדן שפור פון נעפל און אויסגעדרוקט נאר פארחידושטקייט.

— איך, גארנישט, — דאט זיך קיסליאקאוו אפגערופן, רויטווערנדיק. ער האט זיך אויפגעהויבן פון טעפיך און אנידערשטעלנדיק זיך פאר דער יונגער פרוי, האט ער רעטזעלהאפט איר געקוקט אין די אויגן פארשטעלנדיק גלייכצייטיק מיט זיין קערפער פון איר די וואנט פון אנטקייגנאיבער.

פלוצלינג איז אים איינגעפאלן און אים דערלאנגט איבערן קאפ ווי מיט א שייטל האלץ, א נייער געדאנק, וועגן וועלכן ער האט נאר-וואס אינגאנצן געהאט פארגעסן: א געדאנק וועגן דער מעגלעכקייט אז ס'וועט קומען אויף דער וועלט א קינד. דערמיט אגב וואלט טאמארע געקאנט דערקלערן זיין משונהדיק אויפפירן זיך.

— דו האסט נישט קיין מורא פאר... א קינד? — האט ער געפרעגט.

— וואס איז דען? — האט פלוצלינג פויל און גלייכגילטיק טאמארע געזאגט.

— ס'הייסט, וואס איז דען? לויט דער ענלעכקייט וועט מען דאך זען, וועמעס קינד עס איז.

— נו, דאס וועט נאך אזוי גיך נישט זיין.

— ס'הייסט „נישט גיך"?

— אזוי — נישט גיך. אָבער וואָס זיץ איך? ס'איז שוין א פערטל אויף צוועלף. איך דארף אויף דער בערזע.

זי האָט זיך אָנגעהויבן אינדערגיך אָנטון דעם הוט, די הענטשקעס, נישט קוקנדיק דערביי אויף קיסליאַקאָוון.

ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט קיסליאַקאָוו קודם־כל זיך א וואָרף געטון צו דער וואַנט און זי באַקוקט, אויף דער וואַנט איז גאָרנישט געווען.

מ'האָט געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט אין מוזיי. ער איז אַרויסגעגאַנגען אין קאָרידאָר און דאָ האָט ער זיך באַלד אָנגעשטויסן אויף א קעגנשטאַנד, וועלכער האָט געצווונגען זיין האַרץ אָנצוהייבן קלאַפּן מיט פּחד.

IV

ווידער איז אויף דעם סאַמען זעלבן אָרט אַקעגן זיין טיר געהאָנגען אַן אויסגעמאָלטער בויגן פּאַפּיר, וואָס האָט געבראַכט די זעלבע סצענעס פון זיין ביאָגראַפיע, וועלכע זענען געווען דאָס פאָריקע מאָל, ווען ער האָט פון כעס אַראָפּגעריסן דעם בויגן פּאַפּיר פון וואַנט.

ער האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי לויטן בייִשפּיל פון פריערדיקן מאָל, אַראָפּצורייסן דאָס פּאַפּיר, ווי זיין האַנט איז אים פויל געבליבן הענגען אין לופטן. ער האָט איבערגעלייענט דעם קאָפּ: „אַ וואַנט-צייטונג פון דער אָפּטיילונג אין נאָמען פון בודיעני“.

מיט אַ האַרץ, וואָס האָט שטאַרק געקלאַפּט פון אויפרעגונג און עמפּערונג, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די שטיגן צום פּאַרוואַלטער פון הויז, וועלכער איז געזעסן אין אַ קעלער-שטוב מיט אַ געוועלבטן סופיט, איבער אַ ביורקע און קאָנטראָלירט עפּעס קוויטונגען.

קיסליאַקאָוו איז אויף אים אָנגעפלויגן און אין אַ בייזער-דיקן טאָן אים אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן די נבלות און עקל-האַפטע מעשים, וואָס עס דערלויבן זיך צו באַגיין די קינדער פון דער דירה נומער 6.

דער הויז-פּאַרוואַלטער אין אַ מאַרינאַרקע און בלאָע בלוזע וואָס פאַרשפּילט זיך אין אַ קרומער ליניע (קאָסאָוואָראָטקע), אַ קוק טוענדיק אויפן באַזוכער, האָט ווייטער געטון זיין אַרבעט,

באַנעצנדיק די פֿינגער און איבערבלעטערנדיק די קוויטונגען. זיין גראָבער נאַקן און קיפּקעלע האָר אויפֿן קאָפּ זענען בשעת־מעשה געווען גאַנץ גלייכגילטיק צו דעם, וואָס קיסליאַקאָוו האָט דערציילט. נאָר וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ מער איז אָפּגעפֿאַלן זיין טאָן און אַלץ וויניקער האָט ער אַליין געפֿילט די איבערצייגטקייט פֿון דעם, וואָס ער האָט גערעדט.

— וואָס־זשע ווילט איר? — האָט ענדלעך דער הויז־פֿאַרוואַלטער זיך אָפּגערופֿן, — זיי האָבן ס׳פֿולע רעכט אויף זייער צייטונג. זיי האָבן אַריינגעגעבן אַן אַנטשפּרעכנדיקע מיטטיילונג און אַ ביטע וועגן רעגיסטרירן זייער צייטונג. און הגם מיר קאָנען נאַטירלעך, נישט מאַכן קיין שום רעגיסטראַציע, זענען מיר פֿונדעסטוועגן, אַזוי צו זאָגן, מחויב אפֿילו זיי אַריינצוגעבן חשק און נישט שטערן די קינדערשע אָרגאַניזאַציעס.

ער האָט זיך ווידער פֿאַרטיפֿט אין די קוויטאַנציעס. קיסליאַקאָוו איז געשטאַנען פֿאַר אים, ווי אַ שילער, וואָס האָט פֿאַרלוירן דעם פֿאָדעם פֿון ענטפֿער, ביי אים האָט נאָר מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער קראַפֿט געקלאַפּט דאָס האַרץ און ס׳האָט זיך אים עפּעס געדאַכט, אַז אויפֿן שפּיץ קאָפּ הייבן זיך ביי אים אויף די האָר, הגם זיי זענען געווען זייער קורצע. ער האָט אַפֿילו זיך אַ פּיר געטון מיט דער דלאָניע איבער אייבערשטן טייל קאָפּ.

— און אויב איר האַלט עס פֿאַר נישט ריכטיק, קאָנט איר דערלאַנגען אַן אַנטשפּרעכנדיקע דערקלערונג — מיר וועלן קאָנטראָלירן די פֿאַקטן אין פֿאַל פֿון רכילות.

קיסליאַקאָוון איז איינגעפֿאַלן, אַז אויב ער וועט דערלאַנגען וועגן דעם אַ דערקלערונג, וועלן אַ העלפֿט שכנים מיט פֿאַרגעניגן און מיט פֿולער גרייטקייט באַשטעטיקן, אַז דאָס, וואָס ס׳איז געווען אויסגעמאָלט אין דער וואַנט־צייטונג, איז פֿולשטענדיק אמת. אים האָט אַ זעץ געטון אַ היץ אין פּנים אַריין ביים געדאַנק, וואָס פֿאַר אַ שענדלעכע באַווייזן עס זענען פֿאַראַן קעגן אים אַליין.

ס׳איז געווען קלאָר, אַז קיין שום דערקלערונג דאַרף מען

נישט אַרײַנגעבן. הייסט עס, אַז עס קומט אויס זיך צו אַנער־קענען אַלס אַ באַזיגטער. ווער־זשע האָט איבער אים אָפּגעהאַלטן אַ נצחון? אַן אָרגאַניזאַציע פון בירגער, וואָס דער עלצטער פון זיי איז אַלט דרײַצן יאָר.

און ער האָט דערפילט, אַז ער האָט דאָ צו טון מיט אַ קראַפט, מיט וועלכער ער קאָן נישט קעמפן.

די אָפּטיילונג איז באַשטאַנען ווי שוין געזאָגט, פון צען נפשות: קינדער פון צוויי ארבייטער־פאַמיליעס און אַ רויט יאַטל מיט זומערשפּרינקלעך, דער מיעסטשאַנקעס בנאָק.

דאָ איז שוין געווען אַ געוויסע אויסגעקרומטקייט פון דער קלאַסן־ליניע.

נאָר דער רויטער איז, ראשית געווען שטאַרקער פון אַלע און והשנית — האָט ער דערוויזן זײַן לאָיאַלקייט דערמיט, וואָס ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט דער מוטער אין אַלע פּרינציפּעלע פראַגן. נאַטירלעך איז געווען קלאָר, אַז ער האָט זיך באַדעקט מיט אידעאָלאָגיע, כּדי נאָר צו קאָמאַנדעווען מיט אַ לעבעדיקער קראַפט פון ניין נפשות.

זומער איז דער חברהמאַן געגאַנגען בלויז אין הויזן מיט אַ שעלקע איבער דער פּלייצע אויף אַ קנאָפּ, און אין האַרבסט האָט ער געטראָגן אַ קורטקע מיט איין מעשענעם קנאָפּ אינדערהייך.

דער צווייטער חברה־מאַן פון דער אָפּטיילונג האָט געהאַט אַ קרענקלעכן חשק צו שרײַבן: ער פלעגט שרײַבן פּראָטאָקאָלן, פירן אַ צײַטונג און מאַכן קאַריקאַטורן. זײַן פּנים האָט געהאַט זייער אַ כמורנעם אויסדרוק. אים איז, אַפּנים, מער פון אַלץ אין זיך געפעלן געווען די כמורנעקייט און ער פלעגט אָפט אַליין שווייגנדיק אַרומשפּאַצירן איבערן קאָרידאָר, פאַרלייגנדיק די הענט פון הינטן, דערבײַ פלעגט ער טיילמאָל נישט אויסהאַלטן לאַנג אַזאַ פּאָזע און זיך ווײַלן דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו גיין, נישט אָפּנייגנדיק, איבערן שוואַרצן פּאַס פון די פּאַסאַדקעס בײַ דער וואַנט.

און, דאָס דריטע יאַטל לסוף — סאָניאַ טוזיקאָוו, וועלכער

האָט שטענדיק געהאַט אַ שטיל, ערנסט (נישט קיין שטייפן) אָנבליק, איז געגאַנגען אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי עס גייען נאַטשעלסטווע-לייט, ווי באַמיענדיק זיך אויסצומיידן די דערעסנדיקע צושטייענישן פון יענע, וואָס זענען געקומען עפּעס בעטן אָדער וועגן עפּעס זיך משתדל זיין.

סאַניאַ טוזיקאָוו איז געווען דאָס געוויסן פון דער פּיאָנערן-אָפּטיילונג. אויב דער זון פון דער מיעסטשאַנקע, חבר פּיעטשאַנקין האָט זיך געיאָגט נאָך פּערזענלעכע אייגננוציקע צוועקן פון הערשן איבער אַנדערע, אויב גרישע צודיקאָוו — אויך אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער פּיאָנערן-אָפּטיילונג האָט זיך געיאָגט נאָך מפורסמדיקייט, געוואָלט באַזיצן אַ גוטן סטיל און קאָנען מאָלן גיפּטיקע צייכנונגען, איז סאַניאַ טוזיקאָוו אין אַלע הינזיכטן געשטאַנען שטאָל און אייזן פאַר דער אָפּטיילונג, זי פאַרטיידיקט מיט אַלע מעגלעכקייטן, זיך געזאָרגט וועגן איר מער פון אַלץ, און, ווי ס'האָט אויסגעוויזן, נישט געהאַט קיין פּערזענלעך לעבן. ער איז געווען אינגאַנצן פאַרשלונגען פון דער רעכטלעכער זייט און דער סטרוקטור פון דער אָפּטיילונג. ער האָט פאַנאַנדערגעטיילט די ראָלן, דורכגעפירט פאַרזאַמלונגען, געשריבן רעזאָלוציעס.

די איבעריקע זעקס „לייט” זענען געווען פּראָסט—מאַסע. א דאַנק דעם, וואָס זיי זענען נאָך געווען קינדער, פלעגן זיי אָפט דערלאַנגען א קלאַפּ אין רוקן פון דער אָפּטיילונגס אָרגאַניזירטקייט. זייערע אַרויסטרעטונגען האָבן געטראָגן נישט קיין אָרגאַניזירטן כאַראַקטער און די אָנפירער פון דער אָפּטיילונג האָט געקאָסט איבערמענטשלעכע באַמיונגען זיי אַריינצופירן אינם רגל כאָטש פון דער סאַמער עלעמענטאַרער דיסציפּלין.

זיי האָבן, אָפט איבער א נאַרישקייט ממש פאַרלוירן זייער ווערט. דערזעענדיק, צום ביישפּיל, ביי עפּעס א „פּריצל” מיט נאַקעטע פיסלעך ביז די קני און אין קאַמאַשלעך זייער א שיין שפּילעכל, ווי א פליענדיקן עראָפּלאַן, פלעגן זיי, פאַרגעסנדיק אַן אַלץ אין דער וועלט, זיך דערנידעריקן און אַרויסווייזן קנעכטישע הכנעהדיקייט פאַר אים. ביזוואַנען ס'פלעגט זיך, ענדלעך, נישט באַ-

ווייזן עמיץ פון די אָנפירער און זיי רופן צו אָרדענונג — די פאַר־געפלטע קעפלעך זייערע.

בכלל זענען די „מאַסן״־קינדער געווען וואַקלדיק און נישט שטאַנדהאַפטיק און אָפט פלעגן זיי צוליב א נאַרישקייט, ווי א נאַ־שעריי, א טשאַסטע מקריב זיין די אינטערעסן פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע, אויב מען פלעגט זיך נאָר באַצייטנס אויף זיי נישט אומקוקן

נאָר וואָס ווייטער, אַלץ מער האָבן זיי אָנגעהויבן צו אנער־קענען זייער ווערט — ריכטיקער, די נוצן פון דער אָרגאַניזירטער צוגעבונדנקייט. צום ביישפיל, דער זעלבער פיעטשאָנקין: אים האָט סאַפיע פּאָולאָוונע דיאַקאָנאָווע עפּעס פאַרגעלייגט א „לאַפּוווקע״ דערפאַר, אַז ער זאָל איבערפירן דאָס שטיין פון דער אָפטיילונג ביי דער טיר פון איר צימער ערגעץ ווייטער, אין אַ צווייטן אָרט. די „לאַפּוווקע״ איז באַשטאַנען פון א גאַנצע פליטקע שאָקאָלאַד ביי פיעטשאָנקינען האָבן פון גרויס אָרעמקייט אַרויסגעטרעטן טרערן אויף די אויגן ביים אָנזען פונם שאָקאָלאַד, ער איז אָבער ביי־געשטאַנען דעם גרויסן נסיון.

דאָס איז געווען נישט דער איינציקער פאַל. און דער היסטאָרישער סיכסוך מיטן הויז־פאַרוואַלטער...

דער פועל־יוצא דערפון איז געווען, וואָס יעדער מיטגליד פון דער אָפטיילונג, וואָס איז נאָך נישט אַלט אפילו קיין זיבן יאָר, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר שטאַרקער פאַר יעדן פון די דערוואַקסענע שכנים, וועלכע האָבן מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין אָרגאַניזירטן קאָלעקטיוו, ווי די אָפטיילונג אין נאָמען פון בודיעני.

באַזונדערס האָבן זיך געפונען אין נישט קיין גינסטיקער לאַגע די אינטעליגענטן, וועלכע האָבן לגמרי נישט איבערגעטראָגן קיין שום אָרגאַניזאַציע, וואָס שמידט און פענטעט די פרייהייט פון אַ פערזאָן. אין דער גאַנצער פוילקייט האָט די נישט גינצ־קייט פון אזאַ לאַגע, דער ערשטער דערפילט אויף זיך איפּאָ־ליט קיסליאַקאָוו.

איינם מאָמענט. ווען ער האָט באַקוקט די קאַריקאַטור,

ווי מ'האָט אים אויסגעמאָלט, האָט די גאַנצע אָפּטיילונג אויף אים, מיט האַרצקלאַפּעניש געקוקט פון באָד-צימער אַרויס, ווי יעגער קוקן נאָך אַ טיגער, וואָס גייט צו צו דער אָנלאָקונגס-נעץ. און ווען קיסליאַקאָוו איז אַוועקגעלאָפן צום הויז-פאַרוואַלטער, איז צונויפגערופן געוואָרן אַן עקסטרע באַראַטונג, כּדי אויפצוקלערן די ווייטערדיקע ליניע, וואָס צו טון און ווי צו האַנדלען.

פריער פון אַלץ איז סאַניאַ טוזיקאָוו אַראָפּגעלאָפן, נאָך קיסליאַקאָווס אַוועקגיין, צום הויז-פאַרוואַלטער און געפרעגט אָפּיציעל, אָן יעדן רמז, אַז ער בעט הכנעהדיק אַ טובה, צי עס בלייבט די וואַנט-צייטונג נאָך דער דערקלערונג פונם בירגער קיסליאַקאָוו, וועלכער איז נאַר-וואָס געמאַכט געוואָרן, אָדער זי, די צייטונג, ווערט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט:

דער הויז-פאַרוואַלטער האָט, מאַכנדיק מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אָפּגעיאָגט אַ בייזע פליג, געזאָגט, אַז די צייטונג בלייבט און געבעטן, ער זאָל נישט קריכן צו אים און אים לאָזן צו רו.

סאַניאַ טוזיקאָוו האָט זיך אויפגעהויבן אין דערהייך און אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט צו די חברים, וואָס האָבן אויף אים געוואַרט, האָט ער געזאָגט:

— אין די קושאַקעס!

— כּל-זמן ס'איז נאָך געווען וואַרעם, איז די אַרבעט פון דער אָפּטיילונג פאַרגעקומען הויפּטזעכלעך אויפן הויף, אין די בעז-קושאַקעס. און ווען מ'האָט צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג, האָט מען געזאָגט.

— פאַרוואָס גייסטו נישט אין די קושאַקעס? מ'האָט דאָך נאָך נעכטן וועגן דעם מיטגעטיילט.

אָדער:

— דידאָזיקע פראַגע איז שוין דערוועקט געוואָרן אין די קושאַקעס, וואָס, דו ביסט דעמאָלט געשלאָפן?

אויב אָבער ס'האָט אין דרויסן גערעגנט, האָט זיך דער קאָרידאָר אין די נאָכמיטאָג-שעהן אָנגעפילט מיט די יאָטן פון

דער אָפּטיילונג און מיט די הינט. לגבי די הינט זענען געווען באַציונגען פון פאַרשידענע שאַטירונגען. דער קלאַסן־חילוק האָט זיך אַרויסגעוויזן דער עיקרשט אויף קיסליאַקאָווס הינט. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס זייערע עפּעס אַ פּריצישע אייגנשאַפט האט זיך באַלד געוואָרפן אין די אויגן. שטענדיק זענען זיי ביידע — דזשערי און דער בולדאָג — געגאַנגען מיט לעדער־נע אויפן האַלדז און זענען געווען שווער צו זאָגן: אָדער גדלותדיק, אָדער נערוועיש, נאָר זיי האָבן נישט איבערגעטראָגן קיין ליאַרעם, מיט וועלכן ס'פלעגט באַגלייט זיין יעדער אַקציע פון דער אָפּטיילונג אין קאָרידאָר. זיי פלעגן אַהין אַרויסשפּרונגען און מיט דער וואָל, וואָס האָט זיך ביי זיי געשטעלט קאַפּויער און מיט די אויסגעשטירעטע ציין זייערע ביי אַ בילעריי, אויף וואָס די מיטגלידער פון דער אָפּטיילונג פלעגן אָפּענטפערן מיט אַן אַנטשפּרעכנדיקן אַרויסטריט.

נאַטאַנסאָנס הינט, גרויסע, דייטשע שעפּסן־הינט, זענען להיפּך צו קיסליאַקאָווס הינט, רויק עפּעס אַריין אין לעבן פון דער אָפּטיילונג, בעת די פאַרזאַמלונגען זענען זיי באַשיידן גע־זעסן ערגעץ אין דער נאָענט און געדרייט מיט די ווינדלען, אויפהייבנדיק דערמיט אַ שטויב אין מיסט אויף דער פּאָדלאָגע. צייטנווייז פלעגט מען זיי אפילו איינשפּאַנען אין אַ וועגעלע פאַר פּיצלעך קינדער און זיי האָבן גאַנץ גערן געפירט דעם וועזעק אַהין און אַהער איבערן קאָרידאָר.

אין דעם טאָג איז אויפן הויף געווען וואַרעם און זוניק, דעריבער איז די אָפּטיילונג אַוועק אין די קזשאַקעס.

לעבנספּציק איז דער, וועלכער ווייסט, וואָס ער וויל. די אָפּטיילונג לכבוד בודיענין האָט געוווּסט, וואָס זי וויל. זי האָט קודם־כל געוואָלט האבן איר טעריטאָריע. אויף דערדאָזיקער טע־ריטאָריע האָט זי געוואָרפן אַן אויג און זי אָנגעמערקט אָפּצו־נעמען ביי איפּאָליט קיסליאַקאָוון, אָפּשניידנדיק ביי אים נאָך איין פענצטער. אַלס אַ טאַקטישן שריט האָט מען אָנגעווענדט דאָס אַרויסגעבן אַ וואַנט־צייטונג (אַ ראַיאָן־צייטונג), אין וועלכן ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן רעוואָלוציעס אין יעדן נומער

וועגן דעם לעבן פון די לאָקאַטאָרן און דער עיקר פון איפּאָליט קיסליאַקאָוון.

די פאַרזאַמלונג פון די פּיאָנערן האָט זיך געעפנט מיט אַ רעדע פון סאָניאַ טוזיקאָוו, וועלכע האָט בקצור מיטגעטיילט וועגן דער לאַגע אין יענעם מאָמענט.

טוזיקאָוו האָט געהאַט אַ טבע אַריינצוקוקן בעת דער רעדע אין קאַיעט, וואָס איז געלעגן פאַר איר (דאָס בוך פון די פּראָטאָקאָלן) און קלאַפּן אויף דעם מיטן בליישטיפט. זיין שטערן פלעגט זיך דעמאָלט פאַלדעווען און אַליין פלעגט ער מיט די הפסקות טאַכן האַסטיקע באַוועגונגען מיטן האַלדז, כדי איינצושלינגען די סלינע.

— איך האַלט קיסליאַקאָוון פאַר אַ פרעמדן און דערצו אַ קאַליע מאַכנדיקן עלעמענט. — האָט סאָניאַ געזאָגט — און דעריבער איז קלאָר... אונדזער ליניע דאַרף מען פאָרזעצן ביזן סוף.

ער האָט עס געזאָגט און זיך באַמיט נישט צו קוקן אין קאַיעט פון גרישע צודיקאָוו, וועלכער איז געזעסן אויף דער רעכטער זייט פון איר און איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט צייכענען אַ נייער קאַריקאַטור. שמייכלענדיק צו זיך גופא האָט צודיקאָוו פון צייט צו צייט אָפּגערוקט זיין איבערשטן האַלבן קערפּער פון פּאַפּיר, כדי אייַנצוקוקן זיך אין דעם פון דערווייטן.

די „מאַסן” האָבן אויך אויסגעצויגן די העלדזער און זיך באַמיט צו כאַפּן אַ קוק אויפן בויגן פּאַפּיר.

די ייִנגלעך־פּיאָנערן זענען בכלל געווען שוואַך אויפן שכל צו באַציען זיך צום ענין מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט, באַזונדערס, ווען זיי איז אויסגעקומען לאַנג אויסצוהערן דעם רעפערענט. דעמאָלט פלעגן זיי ווי גיך אָפּגעוועלקט ווערן, זיך גריבלענדיק אין די נעזער, באַגלייטנדיק מיטן בליק יעדן הינט, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען און אַריינגעקוקט אין די קושאַקעס. זיי פלעגן זיך בשעת־מעשה שטאַרק פאַראינטערעסירן מיט די קליינינקע קינדער, וואָס לויפן אַרום איבערן הויף און דאָס

פלעגט זיי שטאַרק ווײלן. דער פּרעזעס האָט געדאַרפט אַ גרינט-לעכן געשריי טון אויף זיי, כּדי צו ברענגען זיי אינם געהעריקן צושטאַנד זייערע פאַרמיסטיקטע מוחות.

חוצדעם איז ביי זיי נישט געווען קיין דיסציפּלין פון נעדאַנקען, אַזוי, צומבײַשפּיל, האָט איינער פון די יאַטן בעת טו-זינקאַווס דערקלערונג פּלוצלינג מיטגעטיילט, אַז זיין מוטער האָט היינט געקויפט זייער אַ גרויסן אַרבוז. דער פּרעזעס, זעענדיק אין פאַרצווייפלונג, ווי דידאַזיקע זייטיקע מיטטיילונג האָט מיטאַמאָל אַריינגעבראַכט אין די רייען פון דער אַפּטיילונג אַ טרוימערישע שטימונג, האָט געמוזט אָנווענדן די לעצטע אָגשטרענגונגען כּדי צו ליקווידירן די פּלוצלינגדיקע ירידה פון דער פאַרמעלער פאַר-האַנדלונג.

אָבער דאָס באַוווסטזיין פון דער נויטווענדיקייט זיך צו האַלטן ביי אַ שטרענגער דיסציפּלין, האָט שוין אָנגעהויבן געבוירן צו ווערן און יעדן פון די פּיאָנערן — אפילו ביי די סאַמע נישט באַוווסטזיניקע.

יעדן אויסגעשריי האָבן זיי זיך אונטערגעוואָרפן און גע-פאָלגט אָן שום טענות-ומענות.

די פאַרזאַמלונג האָט אַרויסגעטראָגן אַ רעזאָלוציע וועגן דער ריכטיקייט פון דער ליניע, וועלכע די אָנפירער האָבן גענומען אָנצווענדן און וועגן דער נויטווענדיקייט זי צו פירן אויך ווי-טער.

נאָר בעתן אָננעמען די רעזאָלוציע האָט סאַניאַ טוזיקאָוו אַ געשריי געטון אויף אַ פּינפּיאָריקן מיטגליד פון דער אָפּטיילונג אויף אַ יאַטל מיט אַ ווייסהאָריק געשוירן קעפּל:

— הער נאָר דו! גענוג דיר שוין צו גריבלען אין נאָז! דו שטימסט, אָדער נישט?

די צווייטע פראַגע איז געווען וועגן די געלט-מיטלען פון דער אָפּטיילונג, וועלכע פלעגן זיך צוזאַמענשטעלן פון אָראָפּגע-נומענע געלטער ביי יענע, וואָס די מיטגלידער פלעגן צושטעלן, באַקומענדיק קליינגעלט פון די עלטערן אויף נאַשעריי.

די מיטגלידס־אָפּצאָלונגען פלעגן איינפליסן זייער שוואַך נאָר די אָנפירער פלעגן אָנווענדן פּסיכאָלאָגישע מיטלען צו ווירקן אויף די מיטגלידער און אָט דער הינזיכט און דערוויזן בפועל־ממש, אַז יעדער פון די מיטגלידער, קאָן אַליין נישט קויפן, וואָס פאַר אַ חשק ער זאָל דערצו נישט האָבן, לאָמיר אָננעמען—נישט קיין פילקע צום פוטבאָל (אַ פראַגע, וואָס האָט אַגב געעגבערט דעם מוח יעדן מיטגליד) אָדער דעם זעלבן אַרבוז. אויב אָבער די אָפּטיילונג וועט האָבן איר אייגענעם פאָנד, — וועט די פילקע אָדער אַרבוז שוין זיין אין זייערע הענט. און דאָס איז טאַקע געטון געוואָרן. דערדאָזיקער אַרבוז — אַ גרויסער, ווייסער מיט אַן אויפשניט אינדערגאַנצער זייט — איז געקויפט געוואָרן בכוון, כדי דורך אזא בולטן ביישפיל צו באַקעמפן דאָס פוילע באַוווסטזיין פון די „מאסן". מ'האָט דעם אַרבוז געגעסן אין קאָרידאָר אויף דער פּאָדלאָגע, צעשניידנדיק אים אויף האַלבע קרייזן מיטן קיך־מעסער. די באַקן פון אַלע מיטגלידער זענען געווען פאַרנעצט ביז די אויגן, ווייל יעדער האָט אויסגעביסן זייער פּאָרציע ביזן ווייסן פלייש, איינעסנדיק זיך אין האַלבן קרייז ביז דער אַרבוזן־שאָל. און אַרום האָב זיך בשעת־מעשה געדרייט נאָטאַנסאָנס הינט, זיי האָבן געפּרוווט שמעקן צו די אָוועקגעוואָרפענע שטיקלעך שאָל און נישט קאָנענדיק פאַרשטיין, צו וואָס מען עסט עס, זענען זיי אַוועק ווייטער.

— דעם צווייטן נומער צייטונג לאָזן מיר אַרויס אין אַ וואָך אַרום — האָט סאָניאַ טוזיקאָוו מיטגעטיילט דער פאַרזאַמלונג — דער חבר צודיקאָוו נעמט אויף זיך די מי צו באַזאָרגן דעם נומער מיט מאַטעריאַל.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט. דאָס קוויטשעריי און דער געפילדער האָבן זיך אויפן הויף מיטאַמאָל פאַרטאָפּלט.

V

פאר איפאליט קיסליאקאָוו איז די עקזיסטענץ פון דער אָפּטיילונג געווען יענער לעפל דזשעגעכץ, וואָס האָט פאַרסמט זיין גאנץ לעבן. די חברת פיאָנערן האָבן אים ממש מקצר גע-ווען די יאָרן. א דאנק זיין פריינטשאַפט מיט פאָלוכינען, האָט ער דערפילט, אַז ער איז אויפגעשטאַנען תחית-המתים, אַז דאָס נייע לעבן וועט אים אָננעמען, ווי אַן אייגענער מענטש. אויף זיין אמט האט ער זיך שוין געפילט אינגאַנצן ווי אַ מענטש, וואס איז שוין איבערטרעטן אויפן צווייטן ברעג. אויף יענער זייט ברעג זענען פאַרבליבן בלויז זיינע אַלטע מלבושים. און הגם די פאַלשקייט פון זיין עקזיסטענץ איז אויף ווייטער פאַרבליבן פאַלש-קייט, צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך שפעט אַרומגעקוקט און דעם שריט געמאַכט צו שפעט ביים אַריבערגיין אויף יענעם ברעג, האָט ער דאָך נישט געפילט צו זיך קיין באַציונג ווי צו א פרעמדן עלעמענט. נאָר ווי צו אַן אייגענעם מענטשן.

און נאָר אינדערהיים, די דיזשורן און די געזעלשאַפטלעכ-קייט אין דער פאָרעם פון הויז-פאַרזאַמלונגען און באַזונדערס די אַרויסטרעטונגען פון דער פּיאָנערן-אָפּטיילונג, האָבן אים דערמאָנט וועגן דעם, אַז חוץ די אַלטע אָפּגעטראָגענע מלבושים איז אויף יענעם אַלטן ברעג נאָך פאַרבליבן איין פוס זיינער.

די פיאָנערן-אָפּטיילונג איז געווען ווי די אַלץ-זעענדיקע השגחה וועלכע האָט אַנטפּלעקט און געדראָט צו אַנטפּלעקן אַלע געהיימע עבירות פון זיין לעבן און פון זיין קלאַסן-פּרצוף.

הײַנט איז דאָס אַרויסטרעטן און דאָס שפּיצל פֿון דער אָפּטײלונג קעגן אים געווען באַזונדערס קרענקלעך, ווײַל ער האָט שוין צוגעגרייט דעם פּראָיעקט פֿאַר פּאָלוכינען און אים געדאַרפֿט דעם פּראָיעקט איבערגעבן, וואָס עס האָט ענטגילטיק באַפֿעסטיקט זײַן גלויבן אין דעם, אַז ער איז געוואָרן ניי־געבוירן.

קיסליאַקאָוו פֿלעגט איצט קומען אין אַמט נישט מיט קיין שווער געפֿיל, ווי פֿריער. פֿריער פֿלעגט ער נישט ווילנדיק אַראָפּלאָזן די אויגן, ווען ער פֿלעגט זיך באַגעגענען מיט פּאָלוכינען וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען אין מוזיי, פּונקט ווי ער, דער אינטעליגענט — פֿאַרנעמט נישט קיין געזעצלעך אָרט און מען וועט אים אַרויסוואַרפֿן באַלד ווי מען וועט דערגיין, ווער ער איז.

ער האָט איצט געפֿילט אַ רויִקע זיכערקייט און פֿעסטקייט פֿון לעבן, ווען ער פֿלעגט עפֿענען די שווערע טירן פֿון מוזיי און פֿאַרנעמען זײַן באַקאַנטן האַלב־קײַלעכן ריח. ער פֿלעגט שוין איצט אַרײַנגיין אין מוזיי מיט אַזאַ געפֿיל, פּונקט ווי ער וואָלט דאָ געווען אַ מין באַלעבאָס.

איצט זענען פֿאַר אים געוואָרן אומדערטרעגלעך די מאַניערן פֿון מאַריע פּאַװלאָװנע, איר לאָרנעט און די פּראָנצויזישע שפּראַך. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וויאַזוי זי באַמערקט עס נישט, ווי לעכערלעך זי איז אין איר זשאַקעט פֿון וויעוויאָרקע־פֿוטער אין וועלכן זי זיצט בעת דער אַרבעט, און מיט אירע פּראַנצויזישע פֿראַזן, אויף וועלכע עס קוקט זיך אום שטענדיק דער מענטש אין בלאָען פֿאַרטוך. ער האָט זיך איצט באַמיט מיט איר זיך נישט צו באַגעגענען פּנים־אל־פּנים, כּדי אים זאָל נישט אויסקומען איר אַ קוש צו טון אין האַנט און איר ענטפֿערן אויף פֿראַנצויזיש.

ווען ער האָט געקוקט אויף דער נזירישע פֿיגור פֿון גאַלאַכאָװן און אויף דער פּריצישער הדרת־פּנימדיקייט פֿון אַנדריי איגנאַטעוויטש, האָט ער מיט אַ מערקווירדיקער דײַטלעכקייט געזען, ווי זיי טויגן נישט צום נײַעם לעבן, ווי זיי זענען צו אים נישט צוגעפּאַסט: זיי קאָנען אין קיין שום זאַך זיך

נישט ענדערן אויף קיין האָר און ווען זיי זעען אַן ענדערונג אין אַגדערע, האַלטן זיי אויפן שטאַפּל פון זייער אינטעליגענטישן אידעאַליזם, אַז אַזאַ מענטש האָט זיך אַליין פאַרראַטן, אַז ער איז א בוגד אין זיך גופא.

באַזונדערס ווילד איז פאַר אים געווען צו הערן דאָס אורטיילן פון מאַריע פּאַוולאָוונע וועגן דעם. ווער און וויאַזוי ס'איז געווען אָנגעטון אויפן פאַריקן קאָנצערט און ווער ס'האָט געטראָגן אַ געשמאַקלאָזן קראַוואַט. אָבער ער געדענקט דאָך, ווי ער אַליין איז רויט געוואָרן פון בושה און האָט זיך געשעמט פאַר זיך גופא, בעת ער האָט אָנגעטון אַ סאָוויעטישן ביליקן קראַוואַט פון קינטשלעכן זייד. באַפּעסטיקט אויך מיט אַזאַ ביליקער עמאַלירטער שפּילקע. אָדער ווען ער איז געווען געצוווּנגען אָנצוטון צו זיין זשאַקעט שוואַרצע הויזן און נישט מיט שטרייפן.

איצט איז אים אויסגעקומען א סך אומגעלומפּערטער זיך צו באַווייזן אין זעלבן זשאַקעט, אפילו אין הויזן אָן שטרייפן פאַר זיינע קאָמכאָמאַלצעס, וואָס זענען געווען שטענדיק אָנגעטון אין ביליקע הויזן פון בוימוואָל־שטאָף און „קאָסאָוואַראַטקעס“ מיט אָפּגעשפּילעוועטע קראַגנס. אפילו אין זיין אָפּגעטראָגענער מאַרינאַרקע מיטן קראַגנדל האָט ער זיך געפילט פאַר זיי נישט באַקוועם (מען זעט דאָך גלייך, אַז דאָס איז א פרעמדער, אַן *אינטעליגענט*).

זיינע באַציונגען מיט די חברים האָבן זיך איצט אויסגעדריקט בלויז דורכן אויסוועקסלען צווישן זיך עטלעכע פראַזן ביים באַגעגענען זיך. זיי האָבן אים עפּעס נישט איבערגעפרעגט, מיט וואָס ער איז פאַרנומען, פאַרוואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפן די פריערדיקע אַרבעט. און וויבאַלד מען האָט אים נישט געפרעגט, הייסט עס, אַז זיי האָבן אים שוין ביי זיך פאַראורטיילט, ווייל ער האָט עובר געווען אויף דעם עיקר פון דער אינטעליגענטישער מצווה — נישט צו דערנענטערן זיך צו דער נאַטשעלסטווע און מאַכט כדי זיך נישט צו פאַרראַטן און נישט צו האָבן קיין שייכות צו געוואַלטטאַט.

די ערשטע צייט, ווען ער האָט געפילט די קאַלטקייט צו זיך מצד די חברים, האָט ער געקאָנט זאָגן:

די קולטור, וועלכער איך דין ווירקלעך און וועלכע האַלט פאַר איר עיקר די פרייהייט פון געדאַנק און דאָס פאָרברייטן די רעכט פון פערזאָן—יענע קולטור איז שוין סיי־ווי געשטאָרבן, הייסט עס, אַז לעבן און אַרבעטן בפועל ממש קאָן איך סיי־ווי נישט. אָבער לעבן ווי עס איז דאַרף מען דאָך. אַזוי דאַרף מען אויף דעם קוקן, מאַכנדיק א סוף איינמאָל פאַר אַלע מאָל מיטן באָרגלאָזן אינטעליגענטישן אידעאַליזם און מיט דער אויפריכטיקייט פון געדאַנק.

קיסליאַקאָוו האָט פונדערווייטנס דערקענט פאָלוכינס גראָע קעפקע און זיין ברוינעם רעזינענעם פאַלטאָ, וואָס לאָזט נישט דורך קיין נעץ. אַזעלכע קעפקעס און פאַלטאָס האָבן געטראָגן זייער א סך דורכגייער, אָבער פאָלוכינס קעפקע איז פאַר קיסליאַקאָוון געווען די איינציקע, וועלכע ער וואָלט שטענדיק דערקענט צווישן טויזנט אַנדערע קעפקעס, ער האָט אפילו געפילט צו איר [illegible] א צערטלעכקייט.

VI

דער פרימאָרגן איז, אַ דאַנק די קינדער, קאַלע געוואָרן פאַר קיסליאַקאָוון. אים האָט נאָר הנאה געטון, וואָס דער פּראָיעקט איז שוין געווען פאַרענדיקט. ס'איז געווען אָנגענעם צו קומען צו פּאָלוכינען, זיך פאַרשפּאַרן מיט אים אין קאַבינעט מיט די רעכט פון אַ היימישן מענטשן און הערן פון אים, וואָס ער וועט זאָגן. און ער וועט געוויס, אַ קוק טוענדיק אויפן פּראָיעקט, זיך אויפהייבן פון זיין אָרט און אַ קלאַפּ טוענדיק אים מעשה־גוטער ברודער, איבער דער פּלייצע, זאָגן:

— מאָלאָדיעץ, ברודערקע. ווען די גאַנצע אינטעליגענץ וואָלט אַזוי געאַרבעט — וואָלטן מיר גאָר אַנדערש אויסגעזען!

געקומען אין מוזיי, איז קיסליאַקאָוו גלייך אַריינגעגאַנגען צום דירעקטאָר אין קאַבינעט. ביי פּאָלוכינען איז דעמאָלסט געזעסן עפּעס אַ פּליכיקער אַלטיטשקער אין אַ פּאַלטאָ און מיט אַ הוט אויף די קני. קיסליאַקאָוו פילנדיק זיינע רעכט פון אַ פריינט און איינענעם מענטשן אין נאָענטע באַציונגען מיטן דירעקטאָר, איז אַריינגעגאַנגען אין קאַבינעט, נישט אָנפרעגנדיק פריער, צי דאָס איז איצט דערלויבט. געוויינטלעך פלעגן אַזוי אַריינגיין קאָמוניסטן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר אייגענע מענטשן. באַגריסנדיק זיך שווייגנדיק מיט פּאָלוכינען מיט די הענט, האָט זיך קיסליאַקאָוו צוגעזעצט אויפן פענצטער־ברעטל.

ער האָט מיט אַן אומגעדולדיקער צערייצטקייט געקוקט אויפן באַזוכער, וואָס האָט אים געשטערט. ער איז געגאַנגען

אָהער, האָפנדיק צו געפינען פּאָלוכינען אַליין און אַריינגיין צו אים מיט אַנטשפּרעכנדיקע ווערטער, ווי: „געענדיקט!" „נו, ברודערקע, פּאַרטיק; איצט קריטיקיר!".

אין דער אָנוועזנהייט פון אַ זייטיקן מענטשן איז דאָך נישט באַקוועם אַזוי צו זאָגן און מ'האָט געדאַרפט וואַרטן ביז וואַנען יענער וועט אַוועקגיין.

דער באַזוכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ פּראָפעסאָר, וואָס האָט פאַרגעלייגט דעם מוזיי אַן אַרכעאָלאָגישע קאָלעקציע.

קיסליאַקאָוו האָט איצט אויף אים געקוקט מיט אויגן פון אַ קאָמוניסט־פּראָלעטאַריער, וועמען ס'איז פרעמד יעדע אינטעליגענטישקייט. דער פּראָפעסאָר האָט אים געריצט מיט זיין גאַנצן אויסזען, מיט זיין העפלעכן שטייגער אויסדרוקן זיך: „איך האָט באַוויליקט צו זאָגן", „איך וועל זיך דערלויבן צו באַמערקן" א. א. וו.

ענדלעך, האָט זיך דער פּראָפעסאָר אויפגעהויבן פון זיין אָרט, כדי אַוועקצוגיין, און מיט באַוואונדערונג אַ קוק געטון אויף זיינע הענט, דערנאָך זיך אומגעקוקט אַרום זיך איבער דער פּאָדלאָגע. זיין הוט האָט זיך געוואַלגערט הינטער אים אויף דער פּאָדלאָגע, נאָר ער האָט אים נישט געזען.

קיסליאַקאָוו האָט ווידער נישט געמאַכט קיין שום באַוועגונג, כדי אויפצוהייבן דעם פּראָפעסאָר זיין הוט אָדער כאָטש אים באַווייזן וווּ ער ליגט.

— אַך, אָט וווּ ער איז! — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט, דערזעענדיק, ענדלעך, דעם קאַפּעליוש און שולדיק שמייכלענדיק, זיך אומקוקנדיק אויף קיסליאַקאָוון, נאָר ווידער נישט באַגעגנט קיין קעגן־שמייכל.

קיסליאַקאָוו האָט זיך אויפגעהויבן פונם פענצטער, וואַרטנדיק, אַז דער פּראָפעסאָר זאָל זיי איבערלאָזן זאַלבענאַנט — יענער, אַ דרוק טוענדיק פּאָלוכינען די האַנט און אַ נייג טוענדיק זיך פאַר קיסליאַקאָוון, איז עפּעס ווי פאַרשולדיקט אַוועק צו דער טיר אין זיין אַלטענקן פּאַלטאָ מיט אָפּגעריבענע טאַשן.

קיסליאַקאָוו מיט אַ סודותפולן אָנבליק, נישט אַרויסרעדנדיק

קיין וואָרט צו פּאַלוכינען, איז שווייגנדיק צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי פאַריגלט. דערנאָך האָט ער, צו דער פאַרווונדערונג פון פּאַלוכינען, וועלכער האָט זיך צו אים צוגעקוקט, נענטער צוגערוקט דעם שטול, אַרויסגענומען פון טאַש בויגנס פּאַפּיר און געזאָגט:

— נו, ברודערקע, פּאַרטיק, איצט הער און קריטיקיר! צוערשט הער אויס ביזן סוף און דערנאָך וועסטו זאָגן, צי ס'איז גוט אָדער ס'טויג אויף כפרות.

קיסליאַקאָוו האָט אַמאָליקע צייטן נישט געקאַנט איבערטראָגן קיין וווּלגאַרע ווערטער און ניבול-פּה, פון וועלכע מאַריע פּאַוולאָוונע פלעגט געווייִנטלעך אַריינפאַלן אין אַ פּחד. איצט האָט ער אַזעלכע ווערטער און אויסדרוקן אָפט באַנוצט, ווייל אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פאַרלייכטערן אים די געמיינשאַפט און די דערנענטערונג מיט אַזעלכע מענטשן, ווי פּאַלוכין, מאַכן אים פאַר זיי מער פאַר אַן אייגענעם און נעמען פון אים אַראָפּ דעם אינטעליגענטישן לבוש, וואָס איז אַזוי פרעמד פאַרן פּראָלעטאַריאַט.

ער האָט אָנגעהויבן וועגן דעם, אַז דער מוזיי-ענין אין אַזאַ אויסזען, אין וועלכן ער געפינט זיך איצט, טויג צו גאָרנישט. אַז זייער צענטראַל-מוזיי, וואָס דאַרף זיין אַ מוסטער פאַרן גאַנצן ראַטן-פאַרבאַנד, איז גיכער ענלעך צו אַ „סאַקראַפּאַג" אויף צו בוקן זיך פאַר אים.

לויט קיסליאַקאָווס געדאַנק דאַרף מען די גאַנצע רוסישע געשיכטע איינטיילן אויף די סאַמע כאַראַקטעריסטישע פּעריאָדן און אין איין אין דעמועלבן זאַל צונויפזאַמלען פאַר איין תקופה מוסטערן פון לעבנס-שטייגער פון די צאַרן, שליאַכטע און פּויערים.

דאָס וואָלט שוין געווען נישט בלויז דער לעבנס-שטייגער פון די צאַרן און פּויערים, נאָר אַ דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע, מחמת דאָס וועט ווייזן די גאַנצע אומגלייכקייט פון דער לאַגע פון די מענטשן. דערנאָך הייבט זיך אָן דורכזאַפּן אין דידאָזיקע גרונט-קלאַסן פון נייִנטן יאָרהונדערט דער לעבנס-שטייגער פון דער אינטעליגענץ, די נייִ-געבוירענע בורזשואַזיע

ן אנדערע קלאסן. דאָס דארף מען אויך באמערקן און אויף
ם אָגווייזן. דערנאָך ערשט הייבן זיך אָן צו באווייזן די אר-
טער אלס קלאס. די סאָציאלע נעץ וואקסט. זי פארצווייגט
אלץ מער און מער. די סאָציאלע סתירות ווערן אלץ שאר-
ר און שארפער און דערגייען ביזן לעצטן ברעג אין קריג.
ף — דער אויפרייס און די נייע תקופה: די רעוואָלוציע.

די עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע דארף מען פאָרשטעלן
איר גאנצער פילארטיקייט, איינטיילנדיק זי אויף דריי פער-
ן — אויפן קאמף-פעריאָד, ווידערשטעלנדיקן פעריאָד און
קאָנסטרוקטיוון פעריאָד.

עס דארפן צונויפגעזאמלט ווערן די כלי-זין פון קאמף און
איבעריקע זאכן, וואָס האָבן א שייכות צום גרויזאמען קאמף
פראָלעטאריאט מיט זיין שונאה. חוץדעם מוזן זיין בילדער
די בינים און מען דארף ווייזן מוסטערן די דיאלעקטיק פון
אנטוויקלונג פון דער דאָרפישער ווירטשאפט און איר פאר-
נדלונג פון אן אינדיווידועלער אין א קאָלעקטיווער ווירטשאפט.

פאָלוכין האָט, אינטערשפּאָרנדיק מיט דער האנט דעם קאָפּ,
ווקט אויפן בויגן פאפיר, ווו ס'איז געווען אויפגעוואָרפן דער
בערפלאָכלעכער פלאן, ער האָט אויסגעהערט קיסליאַקאָוון,
כהייבנדיק פון צייט צו צייט אויף אים דעם בליק. דערביי
ט זיין לעבעדיק אויג געברענט פון פאראינטערעסירונג און
ז געוואָרנע אויג איז געבליבן גלייכגילטיק, טויט און מיט
איגנאָראנץ האט ער ווי אפגעלייקנט אלץ, וואָס קיסליאַקאָוו
ז געזאָגט. קיסליאַקאָוון האָט די גלייכגילטיקייט פון פאָלוכינס
זערן אויג ווי אונטערגעהאקט די פליגלען און ער האָט זיך
גיט גישט צו קוקן אהין אין יענער זייט.

ענדלעך האָט פאָלוכין זיך אויפגעהויבן און, גאָרנישט
נדיק, האָט ער אנגעהויבן ארומצושפּרייזן איבערן קאבינעט,
נדיק קאָנצענטרירט, זיך אונטער די פיס.

קיסליאַקאָוו, וועלכער האָט געוואַרט אויפן אָרט, אז פאָ-
ין וועט אים א קלאפּ טון איבער דער פלייצע און מיט אנט-
ונג זאָגן: „מאָלאָדיעץ, ברודערקע"... האָט פלוצלינג דערפילט

אַז עס גנבט זיך אים אַריין אַ פּחד אין האַרצן. ער האָט נישט קוקנדיק אויף זיין דירעקטאָר, אנגעהויבן צונויפצונעמען די בויגנס מיט זיין פּראָיעקט, ווי עס נעמט צונויף אַ שילער זיינע העפטן נאָכן אָפּענטפערן דעם לערער, כדי צו פאַרבאָרגן די אויפרעגונג אין די פאָרם אויף די באַקן און דער דערוואַרטונג, ווי אַזוי דער לערער וועט זיך אָפּרופן וועגן זיינע דערפאָלגן.

אין קאָפּ האָט אים מיטאַמאל אַ שימער געטון עטלעכע אומרויקע געדאַנקען. צי וועט פּאָלוכין נישט אויסטייטשן זיין פּראָיעקט אַלס אַ געשיקט מיטל צו מאַכן אַ קאַריערע? אָדער, ס'קאָן זיין, אַז אים איז געוואָרן נישט אָנגענעם, וואָס ער האָט מיט אַן אויסזען פון אַן אייגענעם מענטשן פאַרמאַכט די טיר פון קאַבינעט אויפן ריגל. פּאָלוכין האָט געקאָנט טראַכטן: מ'האָט אים נאָר געבעטן, ער האָט נאָך גאָרנישט געטון, און פילט זיך שוין אַלס באַלעבאָס פון קאַבינעט".

און וואָס מער פּאָלוכין האָט געשוויגן, און וואָס מער קיסליאַקאָוו האָט געמאַכט השערות וועגן די סיבות פון זיין שווייגן, אַלץ מער האָבן ביי אים אָנגעהויבן צו ברענען די באַקן און די הענט האָבן ביי אים גענומען ציטערן.

פּאָלוכין האָט זיך אָפּגעשטעלט ווייט פונם שטול אין דער זייט פון אַקעגנאיבער, און זיך אָפּגערופן:

— יאָ, ברודערקע!...

בלויז דיזאָזיקע ווענדונג פון צוויי ווערטער האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, אַז ער האָט געזיגט!... פּאָלוכין האָט געשוויגן נישט פון ספקות, נאָר, ווי ס'ווייזט אויס, פון יענער גלענצענדיקער פּערספּעקטיוו, וועלכע האָט זיך אויסגעריסעוועט ביי אים אין מוח נאָך קיסליאַקאָווס באַריכט.

— יאָ, ברודערקע. -- האָט פּאָלוכין איבערגעחזרט — דאָס איז אַ שטיק!... די דיאַלעקטיק פון דער געשיכטע, נעמלעך, דאַרף אַנטפּלעקט ווערן! דאָס באַשטימט אַלץ מיטאַמאָל. מיטאַמאָל ווערט דיר קלאָר, וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף נישט. און ווי פּשוט דאָס איז! די געשיכטע דאַרף זיין אַ באַוועגנדיקע, אַ לעבעדיקע און נישט קיין טויטע, ווי ביי אונדז.

— אָט דאס טאַקע איז דער עכטער מאַרקסיזם — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

— יאָ, דאָס איז מאַרקסיזם — האָט פאָלוכין איבערגעחזרט אַלץ נאָך שטייענדיק אויפן אָרט — נו, ברודערקע, גוט האָסטו עס אנגעמערקט! מאָלאָדיעץ!

קיסליאַקאָוו, דערהערנדיק ענדלעך, דאָס וואָרט, וואס ער האט דערוואַרט צו דערהערן ביים אָנהייב, האָט דערפילט, אַז אים קאָסט אַ סך מי אויסצוזען רויק און אַפילו גלייכגילטיק.

— נו, קום, ווען מיר צומעסטן, ווי אַזוי דאָס אַלץ וועט זיין — האָט פאָלוכין אים פאָרגעלייגט.

VII

נאָכן געשפּרעך מיט פּאָלוכינען איז קיסליאַקאָוו נאָך געבליבן נישט קיין אויסגעגעבענער זאַפּאַס פון ברען און היץ און מונטערקייט. מ׳האָט געדאַרפט נאָך מיט עמעצן זיך טיילן מיט זיין שטימונג, עמיצן דערציילן.

דערציילן זיינע חברים וועגן דער פאַרשטייענדיקער רעאָרגאַניזאַציע פונם ענין לויט *זיין פּלאַן* — האָט נישט געהאַט קיין זין. מ׳וועט אויף אים אָנהייבן קוקן קרום, ווי אויף איינעם, וואָס איז אַוועקגעלאָפן פאָרויס פריער פאַר אַנדערע און פירט אַ פּאָליטיק, וועלכע איז פאַר זיי פיינטלעך און שעדלעך, וואָס דער פּועל-יוצא פון איר קאָן זיין, אַז אַ טייל פון זיי וועט אויסקומען אַוועקצוגיין פון מוזיי און פאַרלירן דאָרט זייערע פּאָסטנס.

אַ״ע, וואָס האָבן געאַרבעט אין מוזיי, האָבן מער פון אַלץ כּ״א געהאַט פאַר פאַרשידענע רעפאָרמען און רעאָרגאַניזאַציעס, ווייל ביי אַזעלכע ענדערונגען הייבט מען געוויינטלעך אָן אויסצוטרייסלען און אויסשאָקלען אַלץ און אַלעמען און אַזוי איז זייער לייכט פון דאָרט „אַרויסצופליען". און אויב אַ וועלכע ס׳איז רעאָרגאַניזאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דער מאַכט, האָט מען מיט דעם שלום געמאַכט און זיך אונטערגעוואָרפן די גזירה, ווי מען וואַרפט זיך אונטער די די ווירקינג פון סטיכישע כּוחות. ווען אָבער זי איז געבוירן

געוואָרן אין קאָפּ פון אַן אייגענעם מענטשן, האָט דאָס ביי אַלע אַרויסגערופן די גרעסטע עמפּערונג און כעס.

דעריבער איז קיסליאַקאָוו אַריינגעגאַנגען אין די יאַטשייקע די יאַטשייקע האָט זיך געפונען אין פּאַרטער אין אַ נידעריקער שטוב מיט אַ געוועלבטן סופיט.

אינם דאָזיקן צימער איז געשטאַנען אַ טיש, באַדעקט מיט אַ גרינעם בויגן לעש-פּאַפּיר, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט טינט, מיט צעריסענע און אַביסל צונויפגעוויקלטע ראַנדן. איבער די ווענט זענען געהאַנגען פּלאַקאַטן, וואָס זענען פאַרבליבן פון די מאַי-אַרויסטרעטונגען. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ רויטער פאָן מיט גאָלדענע אותיות. לענגאויס די ווענט — פּראָסטע בענק און הילצערנע קאַנאַפּקעלעך מיט גלייך-קראַטיקע רוקנדלעך.

ווען קיסליאַקאָוו איז אַהין אַריינגעקומען, זענען דאָרט געווען דריי מענטשן: טשוריקאָוו, יענער, וואָס איז געווען אין פּרעזידיום אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג (ער איז איצט, אַריינלאָזנדיק די הענט אין זיינע ווייסע האָר, געזעסן פאַרן טיש איבער עפּעס אַ פּאַפּירל און געשריבן; און דערנאָך פאַרטראַכטנדיק זיך, אויסגעמעקט און ווידער געשריבן) נעבן אים, אָנלענענדיק זיך מיטן בויך אויפן טיש, זענען געשטאַנען צוויי אַנדערע קאָמסאָמאָלצעס אין קעפּקעס, אַראָפּגערוקט אויפן קאַרק, און געקוקט וואָס ער טוט.

— פאַרוואָס איז דאָ נישטאָ דער חבר סידאָראָוו? — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט אַריינגייענדיק.

— ער איז נאָר-וואָס געהאַט אַהער אַריינגעגאַנגען, דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען - האָט טשוריקאָוו געענטפערט, אויפהייבנדיק די אויגן פון פּאַפּיר.

קיסליאַקאָוו האָט גאָרנישט באַדאַרפט סידאָראָווין, זיין פראַגע איז געווען נאָר אַן אויסרייד, ווייל אים האָט זיך אויסגעוויזן עפּעס נישט באַקוועם אַריינצוקומען כּתּם אַזוי און ער האָט דעריבער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער זוכט סידאָראָוון, דעם טעכנישן אָנגעשטעלטן.

מיט די קאָמסאָמאָלצעס פון דער יאַטשייקע האָט קיסליאַ-

קאָוו זיך געפילט נישט אַזוי פריי, ווי מיט פּאַלוכינען. דער עיקרשט צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אַ סך עלטער פון זיי און שיער נישט געקאָנט זיין זייערס אַ פּאַטער, אַזוי, אַז רעדן מיט זיי מיט אַ פאַמיליארן חברישן טאָן איז געווען עפּעס נישט באַקוועם, נישט באַקוועם איז אויך געווען זיי צו רופן „קינדער", ווי זיי האָבן זיך צווישן זיך גערופן. און ווייבאַלד דאָס איז נישט געווען באַקוועם, זענען די באַציונגען צו זיי געבליבן טרו־קענע און אָפיציעלע, אויף „איר".

— רייכערן אפשר? — האָט ער געזאָגט, ווי אַ מענטש, וואָס איז מיד פון דער אַרבעט און דערלויבט זיך דעריבער אַ לוקסוס פון אַ פינפמינוטיקן אָפּרו.

ער האָט אויפגעעפנט זיין פּאַרטסיגאַר און פאָרגעלייגט די קאָמסאָמאָלצעס צו רייכערן. יענע האָבן שווייגנדיק גענומען יע־דער אַ פּאַפּיראָס.

— שווער צו וויסן, וועלכע פּאַפּיראָסן מ'דאַרף רייכערן — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט — הייבסט אָן די און יענע. אין אָנ־הייב לאָזט מען אַרויס, מען פאַרקויפט גוטע פּאַפּיראָסן, אָבער דערנאָך ווערן זיי אַלץ ערגער און ערגער.

— מיר רייכערן „פּושקאַ" — האָט אַ שמייכל טוענדיק, זיך אָפּגערופן אייגער פון די, וואָס זענען געשטאַנען אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אָן טיש.

— כ'האָב זיי אַליין אויך גערייכערט, נאָר זיי געפעלן מיר נישט, מ'הוסט פון זיי, — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט, ווייל אים איז אויסגעקומען, אַז ס'איז אַ חרפה אויסצוזען אין די אויגן פון די קאָמסאָמאָלצעס ווי אַן אַריסטאָקראַט, וועלכער רייכערט טייערע פּאַפּיראָסן.

ער האָט זיך געוואָלט אַנידערזעצן אויף דער באַנק, נאָר ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויפן פענצטער, אַוועקשטעלנדיק די פיס אויף דעם קאַנאַפּקעלע מיטן קראַטיקן רוקנדל, וואָס איז גע־שטאַנען אונטערן פענצטער. אַזאַ פּאָזע האָט אים געגעבן אַ עמ־פינדונג פון מער פרייהייט און פּראָסטקייט.

— אַנדערע חברים, וואָס אַרבעטן אין מוזיי, וועלן דאַכט זיך,

זיך דערשרעקן נישט אויף קיין קאַטאָוועס. — האָט ער געזאָגט.

— וואָס איז דען? — האָט טשורקאָוו געפרעגט.

— חבר פאָלוכין האָט בדעה דורכצופירן א ברייטע רעאָרגאַניזאַציע פונם מוויי.

און קיסליאַקאָוו האָט אָנגעהויבן באריכות צו דערציילן וועגן די פּראָיעקטירטע רעאָרגאַניזאַציע.

אינדערזעלבער צייט איז אין צימער פון דער יאַטשייקע אַריינגעקומען מאַסלאָוו. זיינע שוואַרצע ברעמען, וואָס פאַרייניקן זיך האַרט אַרום שטערן, ווו ס'הייבט זיך אָן די נאָז, האָבן עפּעס ווי געצייצט קיסליאַקאָוון און ער האָט זיך אין זיין קעגנוואַרט אַביסל זשעניִרט, ווייל מיט אים האָט מען נישט געקאָנט, מעשה־גוטער פריינט אויסרייכערן א פּאַפּיראָס און שמועסן מיט אים געמיטלעך. מאַסלאָוו האָט שטענדיק געקוקט פאַ־פרעמדט, ווי אָנשפּיצנדיק פאָרזיכטיק די אויערן אויף איצט, ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער קודם־כל מיט א קאַלטער פאַרוואונדערונג א קוק געטון אויף קיסליאַקאָוון, וועלכער איז געזעסן אויפן פענצטער. נאָר ער האָט גאָרנישט געזאָגט, זיך נישט באַגריסט און נישט געמאַכט קיין אויפמערקזאַם געזיכט צו קיסליאַקאָווס דערציילונג. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש. האָט אָנגעהויבן צו צייכענען מיטן נאָגל פון פינגער איבערן בויגן לעש־פּאַפּיר, ווי דאָס וואָלט געטון א מענטש, וועלכער איז געגאַנגען צו זיך אין צימער זיך פאַרנעמען מיט עפּעס און האָט פּלוצלינג באַמערקט א פרעמדן מענטשן. וואָס דערציילט וועגן אים באריכות.

ביי קיסליאַקאָוון איז פון דער ערשטער רגע ביי מאַסלאָווס אַריינקומען אויסגעלאָשן געוואָרן די גאַנצע לעבהאַפטיקייט. און הגם ער האָט ווייטער געפירט זיין דערציילונג אין זעלבן טאָן, האָט ער פונדעסטוועגן יעדע רגע געפילט מאַסלאָוון, וועלכער האָט זיך בשום־אופן נישט אַריינגעצויגן אין געשפּרעך און איז געשטאַנען שווייגנדיק ביים טיש.

מאַסלאָוו האָט נישט געפרעגט, פון וואָס מען רעדט דאָ, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט דערמיט ווייזן, אַז פאַר אים איז לגמרי נישט אינטערעסאַנט, וועגן וואָס עס רעדט דער אינטע־

ליגעגט, וואס קיינער ווייסט נישט צוליב וואס ער איז אַהער אַריינגעקומען.

— איך האַלט, אַז דאָס וועט זיין אַן אויסגעצייכנטע זאַך — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, ענדיקנדיק די דערקלערונג און אַראָפּגייענדיק פון פענצטער ווי צוליב דעם נאָר, כדי אָפּצוקצוווארפן דעם מינשטוק פון אויסגערייכערטן פּאַפּיראָס, אָבער אינדערמתן כדי צו ענדערן זיין פּאָזע, וועלכע האָט זיך אים, פון דער רגע וואָס מאַסלאָוו איז אַריינגעקומען, אָנגעהויבן אויסצווייזן פאַר אַ שרעקלעך אומבאַקוועמע.

— פאַרוואָס־זשע דערציילט ער אונדז גאָרנישט וועגן דעם? ער האַלט עס בסוד? — האָט מאַסלאָוו געפרעגט, קאַלט אַ קוק טוענדיק אויף קיסליאַקאָוון.

יענער האָט באַלד מיט אַ שרעק, פון וועלכער ס'איז אים אַריבער אַ שוידער איבערן לייב, דערפילט, אַז ער איז, דאַכט זיך, באַגאַנגען אַ גראָבן פעלער, דערציילנדיק וועגן דעם די קאָמסאָמאָלצעס און דער יאַטשייקע פריער, איידער דאָס האָט געטון פּאָלוכין. איצט וועלן זיי גיין און צו אים האָבן א טענה אַז די יאַטשייקע דערוויסט זיך די לעצטע וועגן די פּראָיעקטירטע מיטלען, וואָס דער דירעקטאָר וויל אַנווענדן און בכלל וועגן דעם, וואָס ער וויל אויפטון. און פּאָלוכין וועט אים דעמאָלט לאָזן רופן צו זיך און זאָגן:

— דו האָסט ניין מאָל רייד, ווי אַן אַלטע באָבע און טוסט מיר מיט דעם אַ רעה. גיי צו אַלדע רוחות מיט דיין פּראָיעקט. פון דיר קאָן מען האָבן צרות און מער נישט.

אָדער עפּעס אַנדערש, ענלעכס דערצו.

דידאָזיקע געדאַנקען און השערות, וואָס האָבן זיך דורכגעטראָגן אין זיין באַוווּסטזיין, ווי אַ ווירבל, האָבן אים איצט אַריינגעבראַכט אין יענעם צושטאַנד פון געדריקטער פאַרלוירנקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט. זיין גאַנצע מונטערקייט און לוסטיקייט, דער גלאַנץ פון זיינע אויגן זענען מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן.

— ער האָט אין זיך דיקטאַטאָרישע תנועות — האָט מאַס-

לאָוו געזאָגט — מ׳דאַרף זיך אביסל נעמען צו אים און אַרויסשלאָגן פון אים דאָסדאזיקע משוגעת. — געב נאָר אַ פּאַפּיראָס — האָט ער זיך געווענדט צו טשוריקאָוון.

— איך האָב — האָט זיך אָפּגערופן קיסליצקאָוו.

— איר האָט אַליין וויניק — האָט מאַקאָוו געזאָגט, דערזעענדיק בײַ אים אין שאַכטל נאָר דרײַ פּאַפּיראָסן.

— נעם, נעם, נישקשה — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט נישט אַרײַנקלערנדיק גאַר, פאַרוואָס ער זאָגט מאַסלאָוון דו.

קיסליאַקאָוון האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז מאַסלאָוו איז דאָך אַ וווילער יונג, ווען מ׳גייט נאָר צו אים צו פּשוט און נישט אויפן אינטעליגענטישן שטייגער.

נאָר באַלד איז אים טאַקע אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז מ׳דאַרף פּאָלוכינען געבן אַן עצה, ער זאָל צוציִען צו דער אַרבעט די קאָמסאָמאָלצעס, כּדי זיי זאָלן נישט האָבן דעם אײַנדרוק, אַז דער דירעקטאָר מײַדט זיי אויס און באַגייט דערמיט בנוגע זיי אַן עוולה.

VIII

צומאָרגנס איז קיסליאַקאָוו געקומען צו דער אַרבעט אַביסל-שפעטער און אים האָבן זיך באַלד געוואָרפן אין די אויגן די פאַרדאַגהטע און צעטראָגענע פנימער פון די מיטאַרבעטער.

עפּעס איז געשען.

ער האָט קודם-כל אַ טראַכט געטון, צי האָט זיך עפּעס נישט ג ע ע נ ד ע ר ט.

נאָר ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוויי מיטאַרבעטער — מאַריע פּאַוולאָוונע און אַנדריי איגנאַטיעוויטש — זענען באַ-פרייט געוואָרן פון זייער אַמט, ד. ה. מ׳האָט זי אָפּגעזאָגט.

עטלעכע מענטשן האָבן זיך, נאָך די ביוראָ שעהן צונויפ-געזאַמלט אין קאָרידאָר און האָבן הייס באַהאַנדלט דעמדאָזיקן אינצידענט.

קיסליאַקאָוו איז פאַר זיי פאַרבייגעגאַנגען, נישט אַרויס-זאָגנדיק זיין באַציונג צו דערדאָזיקער פראַגע.

מאַריע פּאַוולאָוונע, מיט רויטע פלעקן אויף די באַקן האָט, אויפגערעגט געזאָגט.

— לאָז מען מיר אָנווייזן די סיבה! איך בין דען געווען אַ שלעכטע און נישט געוויסנהאַפטע אַרבעטערין? דאָס קאָן קיי-נער נישט זאָגן. אָט פלעגט איפּאָליט גריגאָריעוויטש זען מיין אַרבעט. זאָגט אליין, קאָנט איר מיר אפשר עפּעס פאָרוואַרפן?

— וואָס רעדט איר, מאַריע פּאָוולאָוונע, גאָט איז מיט אייך! — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט און דאָ טאַקע האָט ער מיט

פאַרדרוס זיך דערמאָנט אָן זיין פראַזע, אין וועלכער ס'איז קענען זיין ווילן, אריינגעפאַלן דאָס וואָרט „גאָט".

פאַר אים איז געווען קלאָר די סיבה, וואָס מ'האָט מאַריע פּאַוולאָוונע און אַנדריי איגנאַטיעוויטש אָפּגעזאָגט: זיי האָבן ביי דער רעקאָנסטרוקציע פונם אַראַט געמווט פון אים אַרויספאַלן. אָבער זאָגן זיי דאָס, איז געווען אוממעגלעך.

קיסליאַקאָוו איז געווען אַ רחמנות צוצוקוקן זיך צו מאַריע פּאַוולאָוונען, וועלכע האָט זיך אַזוי פאַרלוירן און געזוכט ביי יעדן שטיצע און גוטע מיינונגען וועגן איר אַרבעט, פּונקט ווי דאָס וואָלט געקאָנט עפּעס פאַרריכטן. און קיסליאַקאָוו האָט פּלוצלינג דערפילט, ווי ער איז געוואָרן אויפגעבראַכט פון דעם, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרלעזונג פון דער פּראָסטער מענשלעכער גערעכטיקייט. ווי אַזוי—האָט ער זיך געטראַכט — וואָדפּט מען עס אַרויס אַ מענטשן, ווען ער באַציט זיך גוט צו זיינע פליכטן און זיין וועלט-אָנשויאונג ברענגט קיינעם נישט קיין שאָדן? מ'קאָן דאָך נישט באַהאַנדלען אַ לעבעדיקן מענטשן, ווי אַן אַריטמעטישע ציפער; איסמעקן איינע און אויף איר אָרט אוועקשטעלן אַן אַנדערע. דאָס איז דאָך אַ מענטשלעך לעבן און נישט קיין ציפער!

אים האָט זיך פּלוצלינג פאָרגעשטעלט דאָס גאַנצע אכזריות פון אזא האַנדלונג. און די סיבה דערפון איז געווען פאָלוכין, פון וועלכן ער איז אַזוי געווען אנטציקט.

אין יענעם מאָמענט האָט קיסליאַקאָוו לגמרי נישט געוווסט, אויף וועמעס צד ער איז: צי אויפן צד פונם קאָמוניסט, פּראָלעטאַריער פאָלוכין, אָדער אויפן צד פון דער אינטעליגענטקע מאַריע פּאַוולאָוונע. דאַכט זיך, אַז ער איז גיכער אויף איר צד, ווייל קודם-כל האָט אים אָנגערירט און פאַרדראָסן יעדע אומגערעכטיקייט. און ער וועט עס זאָגן, גלייך אין די אויגן פאָלוכינען און וועמען עס איז נאָר.

— ד אָ ס א י ז נ י ש ט י ו ש ר ד י ק.

ער האָט אליין איצט נישט באמערקט, ווי זיין גאַנץ מיט-

געפיל איז איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון מאַריע פּאַוולאָווי־נע און אַנדריי איגנאַטעוויטש.

אויסדריקן מיטגעפיל די געליטענע האָט אים אויך באַ־וויגן דאָס, וואָס ער אליין האָט זיך געפונען אין אַ גליקלעכע לאַגע. דאָס האָט אים נאָך מער געמאַכט פאר מחויב צו זען, אז יושרקייט זאָל אָפּגעהיט ווערן און מ׳זאָל נישט עובר זיין אויף אירע געזעצן. יאָ, ער איז איצט אין אַזא גליקלעכע לאַ־גע, מער ווי ביי אנדערע אומשטענדן, מחויב ארויסצוזאָגן זיין מיינונג, נישט קוקנדיק, צי וועט ער פערזענלעך האָבן דערפון נוצן אָדער — שאָדן.

— מיר טאָרן עס נישט אזוי איבערלאָזן, מ׳ר דארפן עפּעס טאָן. מאַריע פּאַוולאָוונע אַרבעט דאָ שוין זייט צען יאָר,—האָט קיסליאַקאָוו זיך געקאָכט; אָבער פּלוצלינג האָט ער אין רוקן דערפילט עפּעס אַ אומבאַקוועמלעכקייט. אומקוקנדיק זיך, האָט ער דערזען דעם מענטשן אין בלאָען פאַרטוך, וועלכער איז געשטאַנען הינטן אין קאָרידאָר און אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב. ער האָט זיך אַפּנים אויפגעהויבן אינדערהייך, ווו ס׳זע־נען געלעגן די אַלטע ביכער.

— מ׳דאַרף אומבאַדינגט וועגן דעם איבעררעדן מיטן חבר פּאָלוכין — האָט קיסליאַקאָוו ביי זיך באַשלאָסן און אין דער זעלבער צייט געפילט, אַז די אומבאַקוועמלעכקייט אין רוקן ווערט אַלץ שטאַרקער און די שטים זיינע, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער, אַלץ שוואַכער.

ניין, זאָגט וואָס איר ווילט, נאָר דאָס קאָן ער בשום־אופן נישט מוחל זיין די קאָמוניסטן.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פּאָלוכינס קאַלטע פיגור, ווי ער האָט מיט איין אונטערשריפט פון דער פעדער באַזייטיקט און אָפּגעזאָגט מענטשן דערפאַר, וואָס זיי זענען פון אַ פרעמדן קלאַס. אים איז אפילו נישט איינגעפאַלן, פון וואָס דידאָזיקע מאַריע פּאַוולאָוונע, וואָס איר גאַנצער חטא איז, וואָס זי איז נישט קיין קאָמוניסטקע, — וועט לעבן?

די מיטאַרבעטער זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אהיים און

קיסליאַקאָוו איז אויך אַוועק אַ היים. דעם גאַנצן וועג האָט ער זיך נישט געקאָנט באַפרײַען פון די געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געבאַמבלט ביי אים אין קאָפּ אַרום איין גרונט-פראַגע, — וועגן דער מאָדערנער קלאַסן-אכזריות פון אַ מענטשן בנוגע זיין חבר.

ער האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט, אַז, נישט באַמערקנדיק הינטער זיך עפּעס אַ מענטשן, האָט ער זיך אויף אים כמעט אָנגעשטויסן און מיט פרייד אויסגעשריגן:

— ניקאָלאַי, דאָס ביסטו?

ער האָט דערקאָנט זיינעם אַ שול-חבר — ניקאָלאַי טשו-מין, מיט וועלכן ער איז געזעסן אויף איין באַנק עטלעכע יאָר. דאָס איז געווען אַ הויכער גוטמוטיקער מענטש, וועלכער האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט אַ לוסטיקן, גלייכן כאַראַקטער און ברייטע זשעסטן, מיט אַ טבע צו רעדן הויך, פּונקט ווי ער וואָלט שטענדיק געהאַלטן רעדעס.

אין דער שול האָט טשומין שטענדיק געאַרבעט פאַר אַנ-דערע, ער פלעגט שרייבן שריפטלעכע און סטיל-סטישע אויפ-גאַבן, מאַכן איבערזעצונגען און ווען עמעץ פון די שילער האָט געדאַרפט איבערזעצן אַ שווער אָרט, פלעגט ער צוגיין צו ניקאָלאַיען, אים אַ נעם טון פאַרן קראַגן פון זיין קורטקע, נישט פרעגנדיק, צי ער איז פריי — און אים אַוועקזעצן אויף דער באַנק, צווינגענדיק אים צו מאַכן די איבערזעצונג.

ניקאָלאַי האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט אויף קיסליאַ-קאָווס אויסגעשריי.

— דאָס ביסטו? טייבעלע מיינס, אַך, ס׳איז וואָלע אומ-געריכטקייט!

טשומין איז געווען אין אַן אַלטן שטרויענעם קאַפּעליוש, אויף וועלכן ס׳איז אין איינבייג געווען אַ לעכל פון אַלטקייט. קיסליאַקאָוו האָט באַמערקט דאָס לעכל שוין נאָכדעם, ווי ביי אים האָט זיך אַרויסגעכאַפּט דער פריערדיקער אויסגעשריי און באַגריסונג.

ניקאָלאַי איז געווען אַ זון פון אַ שטאָטישן גלח און זיין

הויכע פיגור און אפילו זיין קאפעליוש האבן געשטעמט מיט עפעס גלחיש.

— אט דאס. ברודערקע איז א באגעגעניש! — האט ני־קאלאי געזאגט, א כאפ טוענדיק מיט זיין זייער גראבע האנט זיין חברס האנט.

— איך האב דיך באלד, אין אנהייב, נישט דערקענט.

— קיין חידוש נישט. וויפיל יאר איז שוין, ווי מיר האבן זיך נישט געזען? האסט נאך קיינעם נישט באמערקט פון אונדזערע חברים?

— ארקאדי איז דא!

— יענער הייליקער?

— ער האט חתונה געהאט, ברודערקע!

— וואס איך הער?!

אזוי ווי זיי זענען שוין, אזוי רעדנדיק, דערגאנגען צו קיסליאקאווס הויז, איז געווען נישט באקוועם, נישט איינצולאדן צו זיך ניקאלאיען.

— קום ארײַן צו מיר, — האט קיסליאקאוו געזאגט — מיר וועלן זיך דורכשמועסן.

— יא, ברודערקע, ס'איז דא פון וואס צו שמועסן, דאך צוואנציק יאר אריבער!

זיי האבן זיך אויפגעהויבן אויף די שטיגן. דער גאסט האט, ארײַנגייענדיק אין צימער, זיך אומגעקוקט מיט אן אראפּ־גענומענעם קאפעליוש אין די הענט און, א שאקל טוענדיק מיטן קאפ האט ער געזאגט:

— יא, קיין עין־הרע, האסט זיך גוט איינגעארדנט. א הערלעך צימער.

— מיר האבן אייך נישט קיין שלעכטע בילדער, נאר אונדז קומט אויס זיי צו האלטן הינטער דער שאנק, ווען נישט, וואלט מען באלד אנגעהויבן צו מורמלען, אז מיר האבן א רייכע אויסשטאטונג און מען דארף ביי אונדז נעמען מער דירה־געלט.

— יאָ, טייערער, דאָס איז גאַנץ גוט, — האָט ניקאָלאַי געזאָגט, באַקוקנדיק די בילדער.

ער האָט זיך אומגעקוקט איבערן צימער, זוכנדיק, וווּהין אַוועקצולייגן דעם קאַפּעליוש און ווילנדיק, אַפּנים אַראָפּנעמען פון זיך די אייבערשטע מלבושים. ער האָט געטראָגן עפּעס אַ לאַנג מלבוש, אַ מין זומער־פּאַלטאָ, וואָס איז דערגאַנגען כּמעט ביז די פּיענטעס, — אַ זייער אָפּגעטראָגן מלבוש.

— איצט וועלן מיר עפּעס צובייסן — האָט קיסליאַקאָוו, אַביסל צערודערט, געזאָגט, עפענענדיק דעם קרעדענץ און אַריינ־קוקנדיק דאָ אין איין אָפּטיילונג און דאָ אין דער אַנדערער.

— מ'דאַרף נישט! גענוג זיך גריבלען אין קרעדענץ, זעץ זיך, לאָמיר זיך אַביסל דורכשמועסן — האָט ניקאָלאַי געזאָגט און אַליין האָט ער פֿינדעסטוועגן פאַרפּאָלגט זיין חבֿרס הענט: וואָס ער געפינט דאָרט אין קרעדענץ עפּעס צוצובייסן.

— ניין, דאָס גייט נישט, — האָט קיסליאַקאָוו זיך אָפּגע־רופן, מ'דאַרף עפּעס נעמען אין מויל אַריין.

און האָט אוועקגעשטעלט טעלער אויפן טיש.

— וואָס־זשע מאַכסטו? — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט ני־קאָלאַיען און ווי גייט עס דיר?

אָבער געפרעגט האָט ער אים דאָס מיט אַזאַ טאָן, אין וועלכן ער האָט אַליין דערפילט אַן אונטערשייד אינם פאַרגלייך מיט דער פריידיקער אויפלעבונג, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען אין דער ערשטער רגע פון זייער באַגעגעניש.

— נישט פויגלדיק, ברודערקע, מ'האָט מיר אָפּגעזאָגט פון דער שטעל. פאַרן צימער האָב איך שוין צוויי חדשים נישט געצאָלט. דאָס ווייב האָט מיך פאַרלאָזט און חתונה געהאַט פאַר־אַ געמיינעם פאַרשוין, באַלד נאָר ווי זי האָט דערזען, אַז איך בין נישט אומשטאַנד זי אויסצוהאַלטן.

קיסליאַקאָוו האָט אויפגעהערט צודעקן דעם טיש, ער האָט צוגעהערט, וואָס דער חבֿר דערציילט און זעלטן אַריינגע־שטעלט:

— יאָ, ברודערקע, דאָס איז שלעכט.

ניקאלאי האט אנגעהויבן צו ווערציילן פאריכות. קיסליצא־קאוו האט אים אויסגעהערט און אליין געטראכט וועגן דעם, אז ס'וועט אים, ווי ס'ווייזט אויס, נאך אויסקומען פארצולייגן ניקאלאיען געלט. אבער וואסער געלט? ביי קיסליאקאוון זענען פארבליבן אינגאנצן צוואנציק רובל א דאנק יענעם אומגעלומפערטן מיטאק מיט ארקאדין און זיין פרוי. ביז דעם טאג ווען ער דארף באקומען דעם געהאלט און ביזן צוריקקומען פון זיין פרוי זענען נאך געבליבן צוויי וואכן. און דא קאן נאך ניקאלאיע פארלעגן ערגעץ ווו ציפארן און ווי קאן ער נישט אנטקעגנקומען איר פארלאנג? זייער שיין וואלט ער אויסגעזען, ווען אים וואלט אויסגעקומען יעדע מינוט זיך אומצוקוקן ביים געדאנק וועגן געלט. נאר עפעס א שטים (אן אלמענטשלעכע) האט אין אים איינגעטענהט, אז אזוי טאר מען נישט דענקען, ווען דיינער א נאענטער מענטש געפונט זיך ביים ראנד פון אונטערגאנג. דו דארפסט אים מקריב זיין, אנווארעמען, געבן עסן אים ארויסהעלפן, מיט וואס דו קאנסט, אפילו פונם סאמען לעצטן. דערפאר ביסטו דאך אן אינטעליגענט און נישט קיין קאמוניסט, פאר וועלכן א זון פון א גלח איז נישט קיין נייטיקער עלעמענט. קיסליאקאוו האט עס אליין אויסגעצייכנט פארשטאנען,

אויב, לאמיר אננעמען, איך וועל אים געבן צען רובל, וועט דאס דאך נישט באדייטן, אז דער ענין וועט זיך בעגרעניצן מיט אט די צען רובל, ווי באלד אז ער ווייסט, ווו דו וואוינסט וועט ער געוויס נישט איינמאל נאך קומען נאך א גמילות־חסדל צו אים. און ווען, ער וועט אפילו נישט קומען בעטן קיין גמילת־חסד, וועט סיי ווי קיסליאקאוון אליין זיין נישט באקוועם צו וויסן, אז ערגעץ ווו נאענט פון אים געפינט זיך זיין חבר אין א גרויסער נויט. ווען ניקאלאי וואלט כאטש געוואוינט אין אן אנדער שטאט.

— וואס־זשע, דו רעכנסט פון דעסטוועגן צו בלייבן אין מאסקווע? — האט קיסליאקאוו געפרעגט.

— וואהין־זשע דען וועל איך זיך אהינטון? און חוצדעם

בין איך א קראנקער מענטש... א ראק, חי עס חייזט אויס. מ׳וואלט געדארפט מאכן אן אונטערזוכונג, דורכלייכטן אפשר, אבער ווי קאן איך עס באווייזן, ווען כ׳האב נישט קיין גראשן ביי דער נשמה?!

קיסליאקאוו האט נאר איצט באמערקט, אז זיין חבר איז שטארק מאגער, ווי זיינע שלעפן זענען איינגעפאלן און די הענט זענען ביי אים זייער קנאכיקע.

— מיין פרוי מוז אויך עפעס נישט זיין מיט אלעמען — האט קיסליאקאוו געזאגט, דערפרייענדיק זיך, אז יעלענע וויקטאראוונע ליידט אויך אויף עפעס א קרענק, הגם ער האט נאך קורץ פאר דעם זיך באצויגן מיט צערייצטקייט און פארדרוס צו דערדאזיקער קרענק אין וועלכער ער האט קנאפ וואס געגלייבט.

— ווו איז דיין ווייב?

— זי איז אויף א זומערוווינונג.

— א, ברודעדקע, דיר איז דאך גוט ווי גאט אין אדעס! ס׳ווייב פארט אויף א זומערוווינונג.

— ניין, זי איז אייגנטלעך נישט אויף קיין זומערוווינונג, נאר אויף דער וואלגע, ביי אירע קרובים — האט קיסליאקאוו געזאגט — מ׳וואלט זי געדארפט אוועקפירן קיין יעסענטוקי, האבן מיר אבער נישט קיין געלט-מיטל דערצו, איז זי געפארן אביסל זיך אפרוען. דארט איז נאך ביליקער ווי אין מאסקווע. כ׳האב נאך דא וווינען ביי זיך א מומע אויך.

ער האט שיער נישט דערמאנט וועגן די הינט, נאר ער האט זיך באצייטנס געכאפט און וועגן די הינט נישט דערמאנט.

דער גאסט, נעמענדיק אויטאמאטיש פון ברויט-קערבל א שטיקל ברויט, האט עס געקייט ווי מיט אריינגעשטעלטע אפגעטראגענע ציין און דערציילט וועגן זיין קראנקהייט, אז פריער האט ער עס אזוי נישט געפילט ווי איצט און אז אצינדער, ווען אים קומט אויס צו ליידן הונגער, באמערקט ער, ווי עס ווערט אים שטארק ערגער.

קיסליאקאוו האט אים אויסגעהערט, אים אפילו געשטעלט פראגן וועגן איינציקע איינצלהייטן — צו פילט ער, נישט, למשל

קיין עקל אזוי, אז ס׳נעמט אים ווי טון אונטערן האַרצן. און אַליין האָט ער אין דערזעלבער צייט זיך געטראַכט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט כאָטש דרייסיק רובל, וואָלט ער אים געקאָנט געבן.

און איך וועל דיר זאָגן, אַז אורטיילנדיק לויט אַלע סימנים, האָסטו נישט קיין שום ראַק, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט — דו וואָלסט בעסער פון אַלץ געדאַרפט אַוועקפאָרן פון מאָסקווע אויף פרישע לופט. דו האָסט דאָ נישט קיין קרובים?

— קיין שום קרובים. איך בין אַליין פאַרבליבן פון דער גאַנצער משפחה... נאָך מיר וועט זיין ריין...

פון די נאָענטע מענטשן האָב איך בלויז דיך דאָ באַגעגנט. און די באַקאַנטע... דו ווייסט דאָך, וואָס די מענטשן זענען איצט געוואָרן: ווען מען זעט, אַז דו נייטיקסט זיך, זעט מען דיך אויסצומיידן און ווען מען באַגעגנט דיך, מאַכט מען זיך, אַז מען זעט דיך נישט, דאָס ביסטו דער איינציקער, וואָס האָט זיך גע־וואָרפן מיט אָפענע אָרעמס און מיר געמאַכט אַזאַ וואַרעמען קבלת־פנים, אַנדערע, ברודערקע, טוען עס נישט.

קיסליאַקאָוו האָט באַשלאָסן, אַז אויב ניקאָליי וועט אַליין בעטן, וועט ער אים געבן צען רובל, אפילו ווען אים וואָלט דערוואַרט אַ סקאַנדאַל מיט טאַמאַרען, וועלכע מיינט געוויס נאָך יענעם מיטאָק, אַז ער באָדט זיך שיער נישט אין געלט.

ניקאָלאַי האָט אָבער באַשטימט און דייטלעך נישט געבעטן קיין געלט, נאָר האָט עפּעס מיט רמזים און „קאָמפּלעקס אַנציהע־רעניש" אַלץ גערעדט וועגן זיין לאַגע און וועגן דעם דירה־געלט, וואָס ער איז שולדיק, פאַרצערנדיק שוין דאָס צווייטע שטיקל ברויט. האָט ניקאָלאַי גערעדט וועגן דעם, אַז ווען אים וואָלט געלונגען צו פאַ דינען כאָטש גראָשנס, וואָלט ער זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געגעבן און דורכגעלעבט.

ביי קיסליאַקאָוון זענען שוין רויט געוואָרן די באַקן פון מאָראַלישער שפּאַנונג, ער האָט אויסגעהערט ניקאָלאַיען, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן אַריין, כדי יענער זאָל זען, אַז ער מיידט אים נישט אויס און הערט אויס זיין גאַנצע דערציילונג מיט אַלע פּרטים, נישט אַזוי ווי יענע באַקאַנטע, וואָס מיידן אים

אויס און אַנטלויפֿן פֿון אים ביים באַגעגענען אים אויף דער גאַס. ער האָט נאָר מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש געוואַרט אויף יענעם מאָמענט, ווען ניקאָלאַי וועט זאָגן: אָנגעראַדט האָבן מיר זיך שוין גענוג און דו ווייסט שוין אויף וואָס פֿאַרע צרות איך בין, איצט טייערער, זיי אַזוי גוט, נעם אַרויס דעם טייסטער און גיב מיר אַ צען רובלשטיק".

ניקאָלאַי האָט דאָס אָבער נישט געזאָגט און אַ דאַנק דעם, איז ביי קיסליאַקאָוון מיט יעדער רגע שטאַרקער געוואָרן די שפּאַנונג און אַנגעשטרענגטקייט.

דער גאַסט האָט אַ זיפֿץ געטון, ער האָט ווידער אַ פּיר געטון מיט די צעשטרייטע אויגן איבערן צימער אַרום, אַ גלעט געטון מיט זיין גרויסער קנאָכיקער האַנט די איינגעפֿאַלענע באַקן און אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ, געזאָגט:

— יאָ טייערער, ס'איז שווער און ביטער. דיר איז דאָך פֿינדעסטוועגן לייכטער. לאָמיך כאָטש הנאה טון, וואָס דיר איז גוט.

קיסליאַקאָוו האָט שוין מער נישט געשטעלט קיין פֿראַגן. ער איז נאָר געזעסן און געהערט, טראַכטנדיק וועגן דעם, צי וועט ניקאָלאַי אָוועקגיין, נישט בעטנדיק קיין געלט, אָדער ער וועט יאָ בעטן.

ניקאָלאַי איז אַ געוויסע צייט געזעסן שווייגנדיק און אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, ווי פֿאַרטראַכטנדיק זיך וועגן עפּעס נישט פֿריילעכס. ער האָט, ווייזט אויס, פֿאַרלוירן יעדע עמפּינדלעכקייט אין מענטשלעכע באַציונגען, נאָכדעם ווי ער האָט געזען, אַז זיינע באַקאַנטע גייען איבער אין אַן אַנדערער זייט, ווען זיי דערזען אים פֿונדערווייטן, דעריבער, ווייבאַלד מ'האָט אים דאָ אויפֿגענומען אַזוי פֿריינטלעך און דער באַלעבאָס אַליין האָט אים אַרויסגעבעטן צו זיך — איז ער אַלץ געזעסן. ער האָט גערעדט פֿאַמעלעך, האָט זיך פֿאַ־טראַכט, און שווייגן געבליבן.

קיסליאַקאָוו האָט אויך געשוויגן, כּדי נישט אַראָפּצופֿירן דעם גאַסט אויף נייע טעמעס.

— וואָס עס שרעקט מיך מער פֿון אַלץ, איז די דאָזיקע

מאָדנע אינערלעכע פאַרוויסטונג, כ'וויס שוין אַליין נישט, וואָס וועגן דעם צו קלערן, — האט ניקאָלאַי געזאָגט, פאַנאַנדערפּערנדיק מיט אַ זשעסט פון פאַרוואונדערונג די הענט, וואָס זענען געלעגן אויף די ערטער פון שטול, וווּ מען לענט אָן געווינטלעך די עלנבויגן. — וויפיל איך האָב נישט באַגעגנט אונזערע אינטעליגענטן, איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געלונגען זיך פאַנאַנדערצורעדן, כאָטש מיט איינעם פון זיי און אַרויסרופן אויף אַ געשפּרעך, פון וועלכן עס זאָלן ביי אים אָנהייבן גלאַנצן די אויגן פון עפּעס אַן אידייע... אין וואָס-זשע האַנדלט זיך עס?... זענען טאַקע אַלע אַזוי פוסט געוואָרן? אידעיש אָפּגעשטאָרבן?

קיסליאַקאָוו האט נישט געענטפערט, ווײל דאַן וואָלט זיך געוויס פאַרבונדן אַ געשפּרעך פון וועלכן ביי ניקאָלאַיען וואָלטן זיך אָנגעצונדן די אויגן מיט אַ מאָדנעם פייערל און ער וואָלט ביזן אָוונט נישט אויפגעהערט צו רעדן. אָבער אינגאַנצן זיך נישט אָפּרופן, איז געווען נישט באַקוועם און דעריבער האט קיסליאַקאָוו פאַרטראַכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווייזנדיק דערמיט, אַז ער אַליין האָט אויך וועגן דעם שוין נישט איינמאָל געטראַכט.

— אַלע רייסן זיך אַרום צווישן זיך, אַלע זענען אין פעס איינער אויפן אַנדערן... נישטאָ קיין שום אחדות. איין מענטש דאַרף נישט דעם אַנדערן. אינערלעך אפילו דאַרף ער אים נישט, דאָס איז שרעקלעך. און דער עיקר — וועסט נישט הערן קיין וואַרעמען האַרציקען געדאַנק.

ער האָט שוין געהאַט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהייבן — קלייבנדיק זיך, אַפּנים, אַוועקצוגיין.

— אינערלעכע וואַרעמקייט איז איצט נישט אין דער מאָדע, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, כדי דער גאַסט זאָל נישט אַוועקגיין מיט אַ שווייגן און זאָל הערן כאָטש איין קלינגענדיק וואָרט.

— ריכטיק געזאָגט! — האָט ניקאָלאַי אונטערגעכאַפּט, לעבעדיק ווערנדיק און פרייענדיק זיך; און זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויפן שטול. — יאָ, אינערלעכע וואַרעמקייט איז נישט קיין גאַנגבאַר אַרטיקל, דו האָסט עס גאַנץ ריכטיק באַמערקט...

— נו, אַנטשולדיק מיר, מיין טייערער, — האָט פּלוצלינג קוסליאַקאָוו אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אים איבערגעשלאָגן די רייד:—כ'מוז גיין צוליב געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן.

און איז אפילו רויט געוואָרן פון מורא, אז דאָס וועט ביי אים אַרויסקומען נישט געשיקט און שעדלעך.

דער גאַסט האָט זיך אָבער לגמרי נישט באַליידיקט.

— גיי, גיי, מיין טייערער, כ'וועל דיך נישט פאַרהאַלטן. איצט, ברודערקע, איז אַ שווערע צייט — האָסטו אַדורכגעלאָזט אַ מינוט, — וועסטו עס מיט קיין שעהן נישט אָניאָגן, — האָט ניקאָלאַי געזאָגט, אָנהייבנדיק זיך צואיילן אַוועקצוגיין. — דו האָסט מיך אַזוי וואַרעם אויפגענומען און אָט האָב איך זיך צעפלאָפּלט. כ'בין שוין אָפּגעוויינט מענטשלעך, ווי אַ ברודער מיט אַ ברודער, צו רעדן מיט וועמען... גאָט מיינער, וואָס מיט די מענטשן איז איצט געוואָרן... כ'וועל נאָך נעמען ביי דיר אַ שטיקעלע ברויט.

— נעם, נעם מערער, וואָס פאַר אַ צערעמאָניעס, האסט זיך נישט וואס צו זשענירן — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט און אליין אנגעהויבן שניידן אים פּענעצן שוואַרץ ברויט, און איז אַגב רויט געוואָרן, דערמאַנענדיק זיך, אַז ער האט פאַרגעסן מכבד צו זיין דעם גאסט מיט אַ פרישטיק.

— גענוג, גענוג שניידן, ווו וועל איך אַזויפיל אַהינטון — האָט ניקאָלאַי דערשראַקן געזאגט, קייענדיק מיט די שוואַכע ציין זיינע דאס טרוקענע ברויט און מאַכנדיק אויפן באַלעבאָס מיט דער האַנט, פונקט ווי יענער האט ארויסגעוויזן אַ אומגעצייסט־קייט און פארשווענדערישקייט אין דער מצוה פון הכנסת־אורחים.

— יאָ, טייערער מיינער, דאס באַגעגעניש אונדזערס איז דאָך אַזא אומגעריכטס... און דער עיקר — דו ווייסט דאָך אויף צוויי טריט פון מיר. נו, גענוג. — ער האט אַ מאך געטון מיט די האַנט און אָפּגערוקט דאָס ברויט־קערבל מיט אַזאַ אויסדרוק מיט וועלכן מען רוקט אָפּ פון זיך אַ גאַנצן סאָרטימענט פון פאַר־שידענע געזאַלצענע פיש, וועלכע מ'האט שוין אלע אויספּרובירט

און פארזוכט שוין צופיל, אַז מ'קאָן שוין ווייטער נישט עסן,
— קום.

קיסליאַקאָוו האָט נישט געדאַרפט גיין אין ערגעץ, ער האָט נאָר געדאַרפט ווי עס איז ארויסבאַגלייטן דעם חבר, נאָר אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, אַז ער איילט זיך ערגעץ, איז אים אויסגעקומען זיך אַראָפּצולאָזן איבער די שטיגן צוזאַמען מיט ניקאָלאַיען.

זיי זענען ארויסגעגאַנגען פון הויפּט־אַרויסגאַנג, דערביי האָט ניקאָלאַי באַקוקט דאָס הויז, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, ווי מען באַקוקט עפּעס, כדי נישט צו פאַרגעסן, לויט די אויסערלעכע סמנים, ווי דאָס זעט אויס. זיי זענען צוזאַמען צוגעגאַנגען צום ווינקל פון דער גאַס, וווּ ס'איז געווען אַ קאָאָפּעראַטיוו.

— נו, דו גיי זיך דיר, וווהין דו באַדאַרפסט — האָט ניקאָלאַי געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך ביים ווינקל און דערלאַנגענדיק דעם חבר די האַנט.

— צום ווידערזען, מיין טייערער — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט און עפּעס וואַרעם אַ דריק געטון זיין חברס גרויסע האַנט

ער האָט געוואַרט ביז ניקאָלאַי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון יענע זייט ווינקל און זיך צוריקגעקערט צו זיך אין שטוב

IX

פריער פלעגט קיסליאַקאָוו ציִען צו אַלע געיאָגטע און געפלאָגטע, צו אַלע אומגליקלעכע און נישט צופרידענע: אין די געשפרעכן מיט זיי פלעגט ער באַקומען אַ באַרעכטיקונג, וואָס ער האָט פאַרלאָזן זיין באַרוף, פאַרגראָבן זיין העכסטע קאָסטבאַרקייט און אידייע. די באַרעכטיקונג איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער איז נישט אַליין און אָט וויפיל ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קוקן אויף דער איצטיקער אָרדענונג פונקט אַזוי ווי ער, ליידן און פילן ווי זיי קומען אום. און אויב מען קומט אום — טאָ וואָס פאַר אַ רייד און חקירות קאָנען דען זיין וועגן העכערע ווערטן?

און וואָס מער דער מענטש, מיט וועלכן ער האָט זיך באַגעגנט, איז געווען באַליידיקט און באַעוולט, וואָס האָפנונגסלאָזער יענער האָט אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען וועגן דער צוקונפט, אַלץ גרעסער איז געווען די סאַטיספאַקציע און באַרעכטיקונג, וואָס קיסליאַקאָוו האָט פון דעם באַקומען.

דערנאָך, אַ דאַנק דער פריינטשאַפט מיט פאַלוכינען, האָט ער דערפילט די מעגלעכקייט צונויפצוגיסן זיך מיטן נייעם לעבן. צוזאַמען מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן זיין אויסערלעכע לאַגע. ער איז שוין נישט אַ צינד אין די הינטערשטע הויכן פון לעבן, ווי אַ פרעמדער עלעמענט, נאָר אויף דער סעודה פון לעבן — ווי אַן אייגענער מענטש.

אים האָט אַרומגענומען אַ משונהדיקע הנאה זיך צו דער־

נענטערן און צו ווערן אן אייגענער מיט די קאָמוניסטן און מיטן פּראָלעטאַריאַט און צו דערווייטערן זיך פון די געוועזענע „אנשי שלומינו" — אינטעליגענטן און נישט קאָמוניסטן. ערשטנס צו־ליב דעם, וואָס זייער קלאָגן זיך און די טענות זייערע האָבן איצט, ביי אים אַרויסגערופן אַ צערייצטקייט, צווייטנס, וואָס עמעץ פון זיינע פריערדיקע „מיינונגס גענאָסן" האָבן אויף זיין אַדרעס געקאָנט זאָגן, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען דורכקומען מיט די קאָמוניסטן טראָצדעם, וואָס יענע דעקלאַרירן אָפן באַשטימטע אידייען, און, דריטנס, — וואָס די קאָמוניסטן קאָנען זיך דערוויסן וועגן זיינע צווייפלהאַפטע באַציונגען מיט פרעמדע עלעמענטן. און דאָס איז געווען נישט באַקוועם.

פריער, באַגעגנענדיק זיך מיט עמיצן מיט וועלכן ס'האָט פּאַסירט אַן אומגליק, האָט ער געקאָנט האָבן אויף יענעם רחמנות און אויסדריקן אים זיין מיטלייד-געפיל, ווערן אויפגעבראַכט פון דער אָרדענונג, ביי וועלכע עס זענען מעגלעך אַזעלכע עוולות א. א. וו. און זיך אוקקגיין ווייטער, ווייל אַליין האָט ער זיך אויך נישט געפונען אין קיין גלענצנדיקער לאַגע. איצט אָבער, אויסהערנדיק אַזאַ אומגליקלעכן, וואָס שטייט ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, האָט ער געקלערט, וואָס יענער וועט ביי אים בעטן: געלט, אָבער ער זאָל זיך פאַר אים אָננעמען?

ס'איז דאָך אָבער אוממעגלעך אַלעמען צו העלפן! און מ'האָט אפילו נישט געקאָנט אויף זיי רחמנות האָבן און זיי אויסדריקן מיטגעפיל, ווייל זעענדיק, אַז מען באַציט זיך צו זיי מענטשלעך, וועלן זיי דאָך בעטן הילף.

דעריבער האָט קיסליאַקאָוו געפילט ממש אַ פחד פאַר מענטשן פון דער אינטעליגענץ וואָס זענען געגאַנגען שלעכט געקליידט. ווען ער האָט אויף דער גאַס פאַר זיך דערזען אַזאַ איינעם, האָט ער אַליין נישט געבנדיק זיך קיין חשבון, אָנגעהויבן גיין מיט פּאַמעלעכיקע טריט, אָדער ער איז „פון דער עבירה" אַנטלאָפן אויף יענער זייט גאַס. פאַרבייגיין נישט פרעגנדיק וואָס יענער מאַכט, און נישט אויסדריקנדיק אים מיטגעפיל, איז אים, ווי אַ אינטעליגענטן מענטשן, געווען נישט באַקוועם,

בפרט נאָך, ווען יענער איז געווען א גוטער באַקאַנטער. אויס־פרעגן אים ווידער, וועגן זיין לאַגע — הייסט געוויס זיך אַנצו־שטויסן אויף א בקשה וועגן הילף, וועגן א השתדלות אָדער אַ גמילת־חסד.

דעריבער פלעגט אויסקומען, אז ווען מ׳האָט אים דערציילט אַ טרויעריקע מעשה וועגן זיך און דערביי נישט געבעטן קיין הילף, פלעגט זיך ביי אים דערוועקן אַ שטאַרק הייס מיטגעפיל צו יענעם באַשיידענעם מענטשן, וואָס קנאַפער, אורטיילנדיק לויכן אויסזען פונם באַקאַנטן, יענער האָט געקאָנט פאָדערן הילף פון אים, קיסליאַקאָוו, — אַלץ מער מיטגעפיל און רחמנות האָט ער געהאַט מיט יענעם.

קיסליאַקאָוו איז געקומען צום באַשלוס, אז כדי אָפּצוהיטן די לעבנס־פעיקייט אין זיך, דאַרף מען זיך פאַרהאַרטעווען, די ליבע צו נאָענטע אָנווענדן נאָר אין וואָרט און נישט אין טאַט, ד. ה. אז דער נאָענטער זאָל זיין צופרידן בלויז מיט דיין מיט־געפיל אָן־אין־פאַר־זיך צו באַקומען רעאַלע הילף. און אויב די הילף איז נייטיק אין א גרעסערער מדרגה — איז שוין לאַנג צייט זיך צו זאָגן, אַז אַזא ליבע (אוממענטשלעכע) איז ביי אים נישט פאַראַן און ער קלייבט זיך נישט זי צו האָבן.

אויב דו ווילסט לעבן פאַר זיך און פילן אַ אינערלעכן גלייכגעוויכט, דאַרף מען פאַרשטאָפּן די אויערן און זיך נישט אומקוקן יעדע מינוט אויף דידאָזיקע מענטשן, וואָס קומען אום, ווייל דעמאָלט וועט דיין לעבן נישט זיין קיין לעבן, נאָר איין קוועלעניש און אַ מאָראַליש מאַטערניש. אויב דיר איז געלונגען זיך אויפצואַרבעטן און אַרויפצוקלעטערן לערך הויך, איז דאָך דיר עס אָנגעקומען נישט לייכט. זאָלן אַנדערע זיך זאָרגן אַליין וועגן זיך.

מען באַדאַרף אין זיך אַנטוויקלען אַזא האַרטקייט, כדי נישט אַראָפּצוקפּרן פון וועג פאַר יענע, וואָס פאָדערן הילף כדי זיך נישט פילן שולדיק פאַר זיי, וואָס דיר איז גוט, כדי מ׳זאָל קאָנען, קוקנדיק אויף דעם, וואָס בעט הילף, גלייך אין די אויגן אַריין, זאָגן:

גיי צו אַלדע רוחות. וועסט גאָרנישט קריגן, א חוץ אַ פּינ־פּער, און דערצו נאָך וועט נישט יעדער קריגן דעם פּינצער און גיכער וועט אים באַקומען יענער, וועמען ס׳וועט איינפאַלן צו באַגיין דערביי אַ שפּאַס און מאַכן זיך נאַריש, פאַרגעסנדיק אין זיין מענטשלעכער ווירדע, ווי למשל, זיך אַ וואָרף טון אויף די קני אינמיטן דער גאַס אָדער ראַפּטום א שפּרונג טון אויף דיר, אַזוי אַז דו וועסט זיך שוין נישט קאָנען פון אים אַרויסדרייען און פון אים אַזוי גיך פּטור ווערן.

X

די הויפט-פראגע וואָס האָט קיסליאַקאָוון די לעצטע צייט געמאַכט אַזוי אומרויק, איז געווען די מעגלעכקייט, אַז טאַמאַרע וועט פאַרגיין אין טראָגן און האָבן א קינד. זי האָט זיך צו דעם באַצויגן צו לייכטזיניק און אַרויסבאַקומען פון איר א קלאָרע תשובה, וואָס זי רעכנט צו טון, איז געווען אוממעגלעך. דערצו איז נאָך געווען נישט באַקוועם מיט איר וועגן דעם צו רעדן עטלעכע מאָל כסדר: זי האָט נאָך געקאָנט אין איין שיינעם טאָג, פאַרזשמורענדיק מיט פאַראַכטונג די אויגן, אויף אים א קוק טון און זאָגן:

— וואָס האָט איר איינגעלעבט צו זיין אומרויק וועגן דעם? איר האָט מורא, אַז מ'וועט אייך צווינגען צו געבן געלט-מיטלען פאַר א י י ע ר קינד?...

דעריבער איז נייטיק געווען, וואָס עס זאָל נישט געשען, אויפצוקלערן דידאַזיקע פראַגע ביי אַרקאַדין, ד. ה. זיך דערוויסן צי ער האָט געהאַט קינדער.

אין די באַציונגען פון טאַמאַרן צו אים האָט קיסלאַקאָוון געוווּנדערט איר דרייסטקייט. זי האָט אָנגענומען א דאָזע ברייטערלעכע באַציונגען און ווי אויסנוצנדיק אַרקאַדיס ערשטן פאַרשלאַג, האָט זי שטענדיק ביים געזעגנען זיך און ביים באַגעגנען זיך, געקושט קיסליאַקאָוון, אים געזאָגט „דו" און געזעסן, אַרויפלייגנדיק אים די הענט אויף דער פלייצע.

אויב כ'וועל דיר זאָגן „איר", קאָן איך זיך סיי ווי ווען

עס איז אַרויסגעקומען מיט אַ „דו“, — האָט זי געזאָגט קיסליאַקאָוו׳ן ווען אים האָט איר דרייסטקייט זיך אַרויסגעוויזן שוין צו איבער דער מאָס — און ווען איך וועל זיך דערמאָלט האַלטן מיט דיר אָפיציעל, קאָן מען שטענדיק מיט עפּעס אַ נישטיקן זשעסט דער־וועקן אַ חשד, — צום ביישפּיל, ביים אַראָפּכאַפּן די האַנט פון דיין פּלייצע בעת אַרקאַדיס אַריינקומען. און אַזוי, וועט ער זיך צוגעוווינען און אויפהערן צו לייגן אַכט דערויף.

— דו ווייסט, איך פיל אין אים אינגאַנצן נישט קיין מאַנס־פּערשוין, — פלעגט זי טיילמאָל זאָגן וועגן אַרקאַדין קיסליאַקאָוו׳ן מיט אַ פריילעכער באַוווּנדערונג — אָט זיצט ער מיט מיר און איך קאָן אים, ווי אַ ברודער גלעטן איבערן קאָפּ און אַפילו אַוועק־לייגן מיין קאָפּ אויף זיינע קני.

— נישטאָ אויף וואָס זיך צו חידושן — פלעגט אויף דעם אַרקאַדי ענטפערן, — איר זענט ביידע פּשוט ריינע מענטשן מיט זויבערע נשמות. ס׳וואָלט געווען אויסטערליש, ווען עס זאָל זיין פאַרקערט. בפרט נאָך, דו ווייסט דאָך, אַז איך בין פאַר מיר מער ווי אַן אייגענער ברודער.

קיסליאַקאָוו האָט בעת דידאָזיקע געשפּרעכן זיך געפילט, פּונקט ווי מ׳וואָלט אים פון אונטערן קראַגן אַריינגעגאָסן קאַלט וואַסער און ער האָט נאָך דערביי זיך נישט געטאָרט קיין ריר טון, כדי נישט אַרויסצוווייזן זיין צושטאַנד.

אים האָט געחידושט אין טאַמאַרן דאָס, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין געפיל פון שולדיקייט אָדער קיין מאַטערנישן פון געוויסן פאַר איר ליגנט בנוגע אַרקאַדין, פּונקט ווי איר האָט גאָרנישט געבונדן דאָס, וואָס אַרקאַדי איז אַליין געווען אַ מענטש מיט אַן אויסערגעוויינטלעך ריינע כשרע נשמה און האָט זיי ביי־דע געגלייבט אָן אַ שיעור.

פאַר קיסליאַקאָוון זענען דידאָזיקע מעלות אַרקאַדיס און דאָס, וואָס ער איז געווען זיין גוטער פריינט, געווען דער שווערסטער מאָמענט אין זיינע באַציונגען צו טאַמאַרן, ווייל דאָס האָט פאַרניכטעט די אויפריכטיקייט אין זיינע באַציונגען צו אַר־קאַדין. אָט, ווען צווישן אים און אַרקאַדין וואָלט נישט געווע

אזא שטאַרקע און טיפע גייסטיקע נאָענטקייט, וואָלט דאָן אַלץ געווען גאַנץ פּשוט, אָבער איצט איז נישטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך ווי זיין אין קיסליאַקאָווס לאַגע ביי אַזעלכע אומשטענדן. ווען אַרקאַדי נישט האָבנדיק קיין שום אַנונג וועגן אמתן כאַ־ראַקטער פון קיסליאַקאָווס באַציונג צו זיין פרוי, קוקט אויף אים מיט זיינע גוטע אויגן און פרעגט נאָך ציטנווייז זאָרגזאַם אים אויס, וואָס אַזוינס איז געשען, וואָס ער איז אַזוי אומעטיק און נידערגעשלאָגן. און ער איז נאַטירלעך געווען נידערגעשלאָגן צו־ליב דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט רעדן, ווי פריער מיט אַרקאַדין וועגן העכערע ענינים, בעת ער אַליין האָט אים אָפּגע־נאַרט און פאַראַטן.

פאַר אַרקאַדין איז געווען אַ גרויסע פרייד, וואָס טאַמאַרע האָט זיך איצט אַביסל באַרויקט און נישט געזוכט יעדע מינוט אַוועקצוגיין פון דער היים. זי האָט אויפגעהערט צו האָבן יענעם טראַגישן אויסדרוק, מיט וועלכן זי פלעגט אָפּזיצן גאַנצע טעג אויסגעגלאָצט די אויגן, וואָס זענען געווענדט געווען אויף איין פונקט.

— כ׳ווייס אַליין נישט, ווי דיר צו דאַנקען – האָט ציטנ־ווייז אַרקאַדי געזאָגט קיסליאַקאָוון — דו האָסט געהאַט אויף טאַמאַרן אַזאַ גוטע ווירקונג, אַז זי האָט זיך אינגאַנצן געענ־דערט, זיך באַפרייט פון אירע משוגעתן. מיר האָט וויי געטון דאָס האַרץ צוצוזען, ווי זי פלעגט אָפּזיצן גאַנצענע שעהן, ווי פאַרשטיינערט, און סתם קלערן אין דער וועלט אַריין. אָט די זעלבע ווירקונג, נאָר אַ שוואַכערע פאַר דיינע, האָבן געהאַט אויף איר דער פעטער מישוק און ליעוואָטשקע. זיי זענען, וואָס אַן אמת איז, ביידע געווען אַביסל פרימיטיווע מענטשן, דערפאַר אָבער האָבן זיי געהאַט כשרע נשמות.

אויב טאַמאַרע האָט די ערשטע צייט נישט אָפּגעלאָזט פון זיך אַרקאַדין בעת זיי זענען זאַלבעדריט געזעסן אויף דער אָטאָ־מאַנע, און האָט אים אפילו נישט דערלויבט אַרומצושפּריזן איבערן צימער, האָט זי איצט, אונטער פאַרשידענע אויסריידן און תירוצים, זיך באַמיט פּטור צו ווערן פון זיין אַנוועזנהייט.

דערבײַ האָט זי עס געטאָן אַזױ אָפֿן, אַז ס'פֿלעגט צײַטנװײַז דערפֿון װערן אַזױ נישט אנגענעם און נישט היימלעך. אָדער זי פֿלעגט אָנהייבן אויספֿרעגן דעם מאַן, צי װעט ער ערגעץ װוהין נישט אַװעקגיין היינט אין אָװנט, און אויב יאָ, טאָ אויף װי לאַנג.

און װען אַרקאַדי פֿלעגט פֿון ערגעץ קומען און צוגיין צו איר מיט אַ ליבלעכן זשעסט, פֿלעגט זי, מאַכנדיק אַ װײערע מינע, אויסמײַדן זײַן צערטלעכקייט און זאָגן:

— לאָז צו רו. כ'בין מיד.

און װען ער פֿלעגט דאָך איר אַ קוש טאָן אין קאָפּ, פֿלעגט זי מיט פֿאַרדרוס אים אָפּשטויסן פֿון זיך. און קושן פֿלעגט זי איצט שטענדיק אַרקאַדי, און נישט זי אים, װי ס'פֿלעגט פֿריער פֿאָרקומען. זי פֿלעגט נאָר פּאַסיװ אים דערלאָזן דאָס טון.

קיסליאַקאָװ האָט זיך אויסגעװיזן אויסטערליש: צו זעט נישט און באַמערקט נישט אַרקאַדי, דערדאָזיקער קלוגער מענטש די ענדערונג, װאָס אין טאַמאַרן איז פֿאָרגעקומען לגבי אים. װי באַלד נאָר אַ פֿרוי װערט פּאַסיװ אין צערטלען זיך און דולדעט בלויז די צערטלעכקייט פֿון איר מאַן אָדער געליבטן, איז דאָס אַ סימן, אַז עפּעס איז געשען... דאָס איז אַן אַקסיאָמע.

חוצדעם האָט זיך בײַ איר אָנגעהויבן בולט צובאַװײַזן אַ צערײַצטקייט בײַ יעדן אַרקאַדיס װענדן זיך צו איר. פֿריער האָט זי צו אים געהאַט אַ געשטיגענע צערטלעכקייט, װי אויס דאַנקבאַרקייט דערפֿאַר, װאָס ער האָט איר פֿאַרגעשטעלט זײַן גוטן פֿרײַנט און געדינט אַלס פֿאַרבינדונגס רינג צװישן אים און איר.

איצט איז די באַדערפֿעניש אין זײַן פֿאַרמיטלונג פֿאַרשװונדן געװאָרן און צוזאַמען מיט דעם איז אויך פֿאַרשװונדן געװאָרן די צערטלעכקייט צו אַרקאַדין. ער האָט זי איצט שוין געריצט מיט אַלץ.

ס'איז געװען גענוג, אַז ער זאָל נישט דערהערן גוט און איר איבערפֿרעגן, װאָס זי האָט געזאָגט, — זי זאָל צערײַצט מאַכן אַ קרומע העויה און זאָגן:

— אויב דו הערסט נישט גוט, טאָ זעץ זיך אַוועק אַזוי, אַז ס'זאָל נישט אויסקומען איבערצוחזרן צען מאָל וואָס מען וויל דיר זאָגן.

אויב אַרקאַדי פּלגט איר אין עפּעס פאַריכטן אָדער באַמערקן, אַז עס איז נישט אַזוי, ווי זי זאָגט, פּלעגט זי פאַרבייסן די ליפּן און זיך אָפּרופן:

— הייסט עס, אַז איך זאָג ליגן?... מיר האָט מען אַזוי דערציילט.

— נישט אין דעם האַנדלט זיך, צי דו זאָגסט אַ ליגן אָדער נישט, נאָר פּראָסט אין דעם, וואָס מ'האָט דיר נישט ריכטיק דערציילט.

— איך קלייב זיך גאָרנישט צו זיין אַ אינפאָרמאַציע-ביוראָ — פּלעגט זי אויף דעם צערייצט באַמערקן — איך דערצייל וואָס איך האָב געהערט און מער גאָרנישט. און ביי אונדז אין דערהיים, ווייזט זיך אַרויס, טאָר מען נישט עפענען דאָס מויל, מ'זאָל דיך נישט אָפּשטעלן און נישט פאָדערן קיין גענויע באַשטעטיקונג. אַז אַלץ וואָס דו דערציילסט, שטימט מיט דערווירקלעכקייט.

אָבער די סאַמע שווערע סצענעס פּלעגן זיך אָפּשפּילן אויפן באָדן פון עקאָנאָמישע פראַגן.

צייטנווייז פלעגט אַרקאַדי קומען אַ היים, בעת טאַמאַרע האָט געצערעוועט זאָקן. זאָקן — דאָס איז געווען איר שוואַכקייט.

— וואַרף עס אַוועק, געפונען אַן אַרבעט! — פּלעגט ער זאָגן.

טאַמאַרע, פאַרבייסנדיק די ליפּן, האָט לכתחילה גאָרנישט געענטפערט, דערנאָך פלעגט זיך ביי איר אַרויסרייסן:

— ווען איך וואָלט געהאַט נייע, אָנשטענדיקע זאָקן, וואָלט איך דעמאָלט נישט געצערעוועט און נישט פאַריכט קיין אַלטע. מיר וועט אינגיכן אויסקומען צו טראָגן אַ לאַנג קליידל, כדי צו פאַרבאָרגן די לעכער אין די זאָקן. אַלע אָרנטלעכע פרויען...

— נו, מיין טייער טייבעלע מיינס, מיר קאָנען זיך דאָך

נישט דערלויבן ביי אונדזערע פאַרדינסטן און מיטלען צו מאַכן
רובל פאַר אַ פאָר שטרימף.

טאַמאַרע האָט געשוויגן. און קיסליאַקאָוו, וועלכער איז
דאָ, בשעת-מעשה געווען, איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס: זי
מיינט מן-הכתם אים. וועלכער איז קאַרג, ווי אַ גולם. פאַר מי-
טאָקן צאָלט ער צו דרייסיק רובל און קאָן נישט מאַכן קיין
מתנה פון אַ פּאָר זיידענע זאָקן אַ פרוי, מיט וועלכער ער לעבט
און וועלכע פאַראַט איר מאַן צוליב אים.

נעהאַט האָט ער נאָר צוואַנציק רובל אַ דאַנק דער פאַר-
שווענדערישקייט ביי יענעם שלימזלדיקן מיטאָק. און ווי וועט ער
נעמען אויף הוצאות די גאַנצע צוויי וואָכן ביז יעלענע וויקטאָ-
ראָוונע וועט קומען צופאָרן — ווייסט נאָר דער אייבערשטער.

וואָס מער אַרקאַדי האָט געפּרוווט איבערצייגן טאַמאַרן
און זי צו באַרויקן, אַלץ מער איז זי געוואָרן צערייצט.

אויב טאַמאַרע, קומענדיק אַ היים אין אַ גוטער שטימונג,
פלעגט טרעפן ביידע, פלעגט זי, קוים אונטערשטעלנדיק די באַק
אַרקאַדין, פאַרזוגלעך געבן אַ קוש קיסליאַקאָוון. און דערביי
פלעגט זי אַרויסווייזן אַזאַ העפטיקייט, אַזאַ מהירות, אַן אָפענעם
פאַרצוג, אַ גײַסטיגענע צערטלעכקייט און אויפמערקזאַמקייט אין
די אויגן פון איר מאַן, אַז קיסליאַקאָוו האָט נישט ווילנדיק
אַביסל זיך אָפּגעקערט פון איר, כדי מעסיק צו מאַכן איר אַקטיווי-
טעט אין איר באַציונג צו אים. צייטנווייז פלעגט קיסליאַקאָוון
אפילו אויף איר פאַרדריסן און זי פלעגט אים אַרויסברענגען פון
די כלים — וואָס זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן זיין ווי
נישט איז פאַרזיכטיק. זיין פּריווילעגירטע לאַגע אין די באַצי-
ונגען צו אים מצד טאַמאַרן האָט דורכגעפירט צווישן אים און
אַרקאַדין עפּעס אַ נישט-זעבאַרן שטריך פון אומפרייהייט און זיינע
באַציונגען מיט זיין גוטן פריינט.

XI

בעת קיסליאַקאָוו איז געקומען צו אַרקאַדין, איז ער גע-ווען איינער אַליין און, ליגנדיק אויף דער אָטאָמאַנע מיטן קאָפּ אין דער זייט פון פענצטער, האָט ער געהאַלטן אין דער האַנט אַ בוך. ער האָט אָבער געקוקט איבערן בוך, פאַרטראַכטנדיק זיך וועגן עפּעס. ער האָט געהאַט אַ מיד קרענקלעך אויסזען.

דערזעענדיק זיין פריינט, האָט ער אַוועקגעלייגט אין אַ זייט דאָס בוך, אַראָפּגענומען פון די מיד געוואָרענע אויגן די פענסנע און זיך אויפגעהויבן פון דער אָטאָמאַנע.

— דאָס ביסטו!...

ער האָט זיך באַגריסט מיט קיסליאַקאָוון, אַביסל אַרומגע-שפּרייזט איבערן צימער און געזאָגט:

— כ'האָב נאָר וואָס געלייענט און געטראַכט וועגן דעם, וואָס מיר זענען אינגאַנצן אָפּגעוויינט געוואָרן צו האָבן פאַר-זעלבסטשטענדיקע געדאַנקען. מיר האָבן איצט מורא פאַרן אמת, פאַר זיך אַליין. מיר וועלן אינגאַנצן ווערן פוסט. מיר וועלן אויפהערן גלייבן, אַז מיר זענען עפּעס, אַז מיר שטעלן מיט זיך עפּעס פאַר און אפילו אין דעם, וואָס מיר עקזיסטירן, אַלס אַ באַזונ-דער וועלטל. ווייל אַלץ אַרום אונדז לעבט, ווי אַ מאַסע, וואָס האָט נישט אין זיך קיין שום אינערלעכע וועלט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געשוויגן אַ ווײַלע, דערנאָך פאַרגעזעצט:

— איצט קאָן מען נישט לעבן, נישט האָבנדיק ביי זיך

קיין גשמה, וועלכע וואָלט אַליין פאַרשטאַנען ביז זי׳ לעצטע טיפקייטן פון דעם, וואָס דו האָסט אין זיך. דו נייטיקסט זיך שטענדיק אין אַן אויפנעמער, ווען נישט קאָנסטו פאַרלירן די פעיקייט צו אַ גייסטיק לעבן. מיר, ד. ה. די וועלכע זענען נאָך געבליבן גאַנץ צווישן רווישיקן שטראָם, וועלכער איז אונדז אַזוי פרעמד, דאַרפן זיך פאַרייניקן אין אַ מין, לאָמיר זאָגן, „קירך", כדי דורכצוטראָגן אונדזער אמת. די אַלמענטשלעכע וואָרהייט, דורך דערדאָזיקער עפּאָכע און זי צו ראַטעווען פון אונטע גאַנג. און יענער אמת וועט נישט אומקומען. איך גלייב, אַז דעם מענטשנס נשמה, באַגעגנענדיק זיך מיטן אייביקן אמת, פילט דידאָזיקע וואָרהייט, נישט קוקנדיק אויף גאָרנישט, דאָס קאָן מען מיט קיין זאַך נישט דערהרגענען.

זאָגנדיק דאָס, איז ער געשטאַנען און געקוקט ערגעץ ווייט.

— מיר דאַרפן וויסן, אַז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט איז פאַראַן תקופות. ווען דער מענטש גייט אויף לאַנג אוועק פון יענעם געטלעכן, וואָס שטעקט אין אים. ביי אים בלייבט נאָר דאָס אויסערלעכע, דאָס חיהשע — זיין מעכאַנישע קראַפט, פעיקייטן, אָבער אינעווייניק — גאָרנישט. נאָר איך גלייב, אַז גיך, גאָר אינגיכן וועט דער מענטש דערפילן אַ גרויסע בענקשאַפט פון דער נישטיקייט פון די אויסערלעכע זאַכן און וועט זיך צוריקקערן צו זיין פאַרגעסענע נשמה.

אין אַן אַנדער צייט און ביי אַנדערע אומשטענדן וואָלט קיסליאַקאָוו, דערהערנדיק אַזעלכע דיבורים, מיטאַמאָל אויפגעלעבט געוואָרן. נאָר איצט איז ער געזעסן אין אַ געשפּאַנטן צושטאַנד. ער האָט געוואָלט, איידער סאַמאָרע וועט קומען, פרעגן אַרקאַדין, צי ער האָט געהאַט מיט איר קינדער. אָבער יענער האָט פאַרפירט אַזאַ געשפּרעך, אַז ס׳איז געווען אוממעגלעך אַריבערצוגיין אויף אַן אַנדער טעמע און רעדן וועגן קינדער.

ער האָט געהערט אַרקאַדין און אין זיין יעדן וואָרט האָט ער מיט אַן אויסערגעוויינטלעכע בולטקייט געזען זיין אינטעלי־

גײַסטישע אידעאַליסטישע שאַטירונג. ער האָט זיך אַפילו געשעמט בײַם געדאַנק, װי ס'װאָלט אױסגעקומען װען דער זעלבער פּאָ־לוכין װאָלט פלוצלינג געהערט אָט דאָס געשפּרעך װעגן אוּנדזער אמת און דעם אַלגעמײן־מענטשלעכן אמת מיט דער בענקשאַפט נאָך דער פאַרגעסענער נשמה. ער האָט דאָס ערשטע מאָל, מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט דערפילט, אַז אַר־קאַדי איז נישט גאָר געבליבן אויף דער זעלבער פּאָזיציע, אויף װעלכער ער איז געװען פריִער, נאָר ער איז נאָך פיל אָפּגעשטאַנען אין פאַרגלײַך מיט זײַנע פריערדיקע אָנשױיונגען. פון אים האָט זיך געטראָגן אַ ספּעציפישער ריח פון אינטעלי־גענטישקייט, װאָס האָט אין זײַן לעבנס־צוזאַמענברוך פאַרקיער־װעט צו דער רעליגיע.

אָבער זאָגן דאָס אין די אויגן זײַן גוטן פרײַנט. איז גע־װען אוממעגלעך, באַזונדערס, נאָך זײַנע װערטער װעגן דער קירך. ס'איז אַפילו געװען נישט באַקװעם צו שװײַגן, כּדי נישט אויסצוקומען אין זײַנע אויגן װי אַ פרעמדער, װאָס פאַר־שטײט נישט די אינטימסטע געדאַנקען; דעריבער האָט קיסליאַ־קאָװ עטלעכע מאָל זיך אָנגערופן: „ריכטיק", אָדער, כּדי נישט איבערצוחזרן אײנס און דאָס זעלבע: „יאָ דאָס איז טיף ריכטיק".

— דער מענטש װעט זיך אַמאָל דערמאָנען אָן זײַן פאַר־װאָרפענע נשמה, האָט אַרקאַדי װײַטער גערעדט,—נאָר זײַער כּוח איז אַזױ גרױס, אַז מיר (אויב מען זאָל עס דרײַסט אַרויס־זאָגן דעם שרעקלעכן אמת) האָבן שוין פאַרלוירן דעם גלויבן אין יענע אמתן, װעלכע מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַלגעמײן מענטש־לעכע הײליקטימער (דער מאָטאָר פון לעבן — ליבע) אָן אמת, אײנער און דער זעלבער פאַר אַלע, און נישט פון „אײגענע מענטשן" בלויז. אַפילו דאָס גלײַבן אינם זשעני און חכמה זענען בלאָס געװאָרן און אָפּגעבליאַקעװעט אונטערן רוישיקן אָנגעלייף און װירקונג פון זײַערע שטענדיקע באַהויפּטונגען, אַז עקזיסטענץ־רעכט האָבן נאָר זײַערע אידײען, אַז די צוקונפט װעט זײַן נאָר זײַ־ערע.

אָט אין װאָס עס שטעקט די צרה און דער גרויל.

און ווידער האָט קיסליאַקאָוו זיך עפּעס דערמאָנט אָן גאַ־לאַכאָוון מיט זיין טרויעריק נזיריש אויסזען און א קוק טוענדיק אויף אַרקאַדין, האָט ער א טראַכט געטון וועגן דעם, אז אין יעדן אידעאַליסט-אינטעליגענט איז פאַראַן עפּעס נזירישע אייגנשאַפטן פון א פּרוש, וואָס טויג לגמרי נישט פאַרן לעבן און האָט אין איצטיקע צייטן קיין שום ווערט נישט.

— די צרה איז נאָך אין דעם,—האט אַרקאַדי פאַרגעזעצט אַרומשפּרייזנדיק איבערן צימער מיט לאַנגזאַמע גרויסע שריט, — וואָס מיר קומען ווירקלעך אום, וואָס מיר גייען צום גרונט און ווערן דעגענערירט. ס׳רוב פון אונדז האָט פאַרלוירן דעם ווילן צום לעבן אין וויל נישט האָבן קיין קינדער. אונדז איז אַלץ איינס, וואָס עס וועט זיין נאָך אונדז. און אַלצדינג, הייסט עס, איז דערלויבט!

קיסליאַקאָוו. וואָס האָט מיט פאַרגלעזערטע אויגן און שפּאַנונג געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט אויף אַ באַקוועמען איבערגאַנג צו דער פראַגע, וועלכע אים האָט אינטערסירט, האָט זיך ווי א כאַפּ אויף געטון ביי אַרקאַדיס לעצטער פראַזע וועגן קינדער, ווי אָן איינגעשלאָפענער פּאַסאַזשיר, כאַפּט זיך אויף פונם גלאָק, וואָס קלינגט ביים אָפּגיין פונם צוג. אַרקאַדי האָט אפילו מיט באַוווּנ־דערונג א קוק געטון אויף אים.

— און דו... האָסט נישט געהאַט קיין קינדער—האָט קיס־ליאַקאָוו רויט ווערנדיק געפרעגט.

— ניין. טאַמאַרע האָט אַן אויסערגעוויינטלעכן פּחד, זי זאָל נישט האָבן קיין קינד. אָט דאָס איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַנטאַרטונג — די פרוי הייבט אָן מורא צו האָבן פאַר די חבלי־לידה פאַר די נישט באַקוועמע זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן קומען פון קינד אויף דער וועלט ביי שלעכטע וווינונגס־באַדינגונגען. אָט נעמט צום ביישפּיל אונדזער הויז: דאָ וווינען כמעט אויסשליסלעך אינטעליגענטן, מענטשן פונם ווייסנשאַפטלעכן געדאַנק, קינסטלער - און וואָס־זשע? — אויף פינאונצוואַנציק פאַמיליעס איז ביי אונדז פאַראַן איין קינד און אַכצן הינט.

— מיר האָבן אויך הינט, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, און

אזויווי די פראגע איז דאָך פונדעסטוועגן נאָך נישט געוואָרן אינגאנצן אויפגעקלערט, האָט ער געפרעגט:

— און דו האָפסט דען נישט, אז דו קאָנסט נאָך, פונדעסטוועגן האָבן א קינד? אייערע וווינונגס־באדינגונגען זענען דאָך נישקשהדיקע.

— ניין נאָכן אבאָרט, וועלכן זי האָט זיך פאריאָרן געמאכט, האָבן די דאָקטוירים געזאָגט, אז זי קאָן שוין נישט האָבן קיין קינדער.

ער האָט געוואָלט נאָך עפעס זאָגן, נאָר אינדערוועלבער צייט איז צוריק געקומען טאמארע.

XII

זי איז, אזויווי זי איז געווען אין בלאָען קאָסטיום און דעם קאפעליוש אראָפּגערוקט ביז די אויגן נישט אראָפּנעמענדיק זיי, צוגעגאנגען צו קיסליאַקאָוון און אים לעבהאַפטיק עטלעכע מאָל א קוש געטון.

ארקאַדי האָט צערטלעך עטלעכע מאָל זי געקושט.

— ווארט נאָר צו, — האָט זי געזאָגט מאכנדיק אַ קרומ־לעכע העוויה. זי איז אריין אין שלאָף־צימער און זיך צוריקגע־קערט פון דאָרט אין אַ בלאָ יאפּאניש כאַלאַטל. זי האָט זיך גע־זעצט נעבן קיסליאַקאָוון אויף דער אַטאָמאַנע. האָט אָוועקגעלייגט איר האַנט ביי אים אויף דער קני און געקוקט אויף אים אַזוי פּונקט ווי חוץ זיי ביידן, וואָלט אין צימער קיינער נישט געווען. קיסליאַקאָוו האָט איר געמאכט מיט די אויגן אַ צייכן וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז מ׳קאָן זיך נישט אַזוי אָפן אויפפירן און האָט זיך אפילו אָפּגערוקט ווייטער פון איר.

— גיי, קויף עפּעס — האָט טאַמאַרע געזאָגט צו אַרקאַדין.

— וואָס קויפן ?

זי האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען און קיסליאַקאָוו האָט נישט געוווסט, וואָס פאר אַן אויסדרוק ער זאָל צוגעבן זיין פּנים ווייל טאַמאַרע האָט שוין צו דורכזיכטיק, מיט וואָס פאר אַ צוועק — משלח געווען אַרקאַדין. און זי האט נאָך דערצו צוגעגעבן:

— נאָר קויף נישט דאָ אויפן ווינקל, נאר גיי צו אויף

טריעטענקע: דאָרט קריגט מען אַלץ בעסערע פּראָדוקטן און פרישערע.

— ווי וועל איך גיין אַזוי ווייט! חוצדעם איז דאָרט שטענדיק אַזאַ ריי, אַז מ'קאָן זיך נישט דערוואַרטן.

— ווײַבאַלד אַזוי וועל איך אַליין גיין.

— וואָס נאָך?... לאָז שוין זיין ווי דו זאָגסט. איך גיי אַהין.

— דערנאָך... דערנאָך גיי אַריין אין אַפּטײק און קויף געריייניקט קרייד...

זי האָט נאָך עפּעס באַשטעלט, און קיסליאַקאָוו האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וואָס אַרקאַדי איז אַזאַ לעמעשקע און שטויסט זיך נאָך אַלץ נישט אָן: זי האָט דאָך אַלץ אויסגעטראַכט, אַזוי פיל באַשטעלונגען אים געגעבן און אַזוי ווייט אים אַוועקגעשיקט, כדי זי זאָל וואָס לענגער בלײַבן מיט אים אַליין.

ווען אַרקאַדי איז אַרויסגעגאַנגען האָט קיסליאַקאָוו פאַרלײכטערט אָפּגעאָטעמט.

— ווי קאָן מען עס זיין אַזוי נישט פאַרזיכטיק?!

טאַמאַרע האָט אַרומגעוויקלט זיין האַלדז מיט די הענט, שמייכלענדיק און שפּיצעריש איז זי אַ ווײַלע געבליבן הענגען אויף אים און געזאָגט, קוקנדיק אויף אים פון אונטן:

— כ'האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז וואָס אָפענער מיר האַנדלען אַלץ ווייניקער שטויסט מען זיך אָן. און חוצדעם, קאָנסטו זיך נישט פאָרשטעלן, ווי הויך ער שטעלט דיך און שעצט דיך. נו, קום נאָר אַהער...

— דאָס טאַקע איז דאָך שרעקלעך... — האָט קיסליאַקאָוו זיך אָפּגערופן, גייענדיק נאָך איר אין שלאָף-צימער.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? פאַר מיר איז געווען עפּעס היפּנאָטישעס און אַנציִענדיקס אין דעם, וואָס דו ביסט זיין גוטער פריינט און פאַר דיר איז אַרקאַדיס פריינטשאַפט עפּעס גרויס. — האָט טאַמאַרע געזאָגט, ליגנדיק אויפן בעט און גלעטנדיק קיסליאַקאָוון די האָר. — מיך האָט באַליידיקט דיין באַציִונג צו מיר, ווען דו האָסט געזאָגט אַז דו קוקסט אויף מיר ווי אויף

אַ שוועסטער; מיך האָט נאָך קיינער נישט אַזוי באַליידיקט. איך האָב, ווי כ׳דערמאָן זיך, געלייענט אַלטע ראָמאַנען פון אַמאָליקע צייטן, ווו ס׳קומט פאָר ווי אַ גוטער פריינט, נישט וועלנדיק עובר זיין אויף דער געטרייקייט בנוגע זיין פריינט, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד נאָכדעם, ווי ער האָט זיך פאַרליבט אין יענעמס פרוי. הייסט עס, אַז טראָץ דער פריינטשאַפט, קאָן מען דאָך זיך פאַרליבן אינעם פריינטס פרוי.

— דאָס האָב איך נאָר געזאָגט אַז איך קוק אויף דיר ווי אויף אַ קרובה — האָט קיסליאַקאָוו זיך פאַרענטפערט פאַר איר, אָבער פון דער ערשטער רגע אָן האָב איך דערפילט, אַז דו וועסט זיין מיינע.

— כ׳האָב עס געזען, — האָט טאַמאַרע געזאָגט, אַ שמייכל טוענדיק, – זאָג וואָס האָט אויף מיר מער פון אַלץ געצויגן דיין אויפמערקזאַמקייט?

— ס׳הייסט וואָס? — האָט קיסליאַקאָוו איבערגעפרעגט, כדי צו געווינען צייט און זיך באַטראַכטן וואָס איר צו ענטפערן.

— אויף וואָס האָסטו זיך קודם כל אָפּגעשטעלט?

— ווי מיינסטו? טרעף?

— נו, איך ווייס נישט.

— נאַטירלעך, האָבן פריער פון אַלץ באַלד צוגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט דיינע אויגן. אין זיי האָט זיך געפילט אָן אָני־געשטערנגט גרויס גייסטיק לעבן.

טאַמאַרע האָט דאַנקבאַר אַ דריק געטון קיסליאַקאָוון די האַנט און שוין מיט אַן אַנדערן אויסדרוק געזאָגט:

— אָבער ער פילט, אַז איך האָב זיך צו אים געענדערט, ווייל איך קער זיך אָפּ פון אים אויף אַלע אופנים, איך זאָג, אַז איך בין מיד, נישט געזונט א. א. וו. און איך זע אָפּט, ווי ער וויינט.

— פונדעסטוועגן טאָר מען זיך נישט אַזוי באַגיין, ווי דו באַגייסט זיך מיט אים.

— וואָס־זשע זאָל איך טון? ער איז מיר דערווידער — האָט טאַמאַרע צערייצט געענטפערט.

קיסליאַקאָוו האָט, פון איין זייט, הנאה געטון, וואָס זי האָט אָן עקל צו אַרקאַדין. הייסט עס, אַז ער קאָן זיין רויק, אַז זי געהערט אים אַליין. נאָר גלייכצייטיק איז אים איינגע־פאַלן אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז ס׳קאָן נאָך זיין, אַז איר עקל צים מאַן קאָן זיך נאָך פאַרשטאַרקן אויף אַזוי פיל, אַז זי וועט נישט אימשטאַנד זיין צו וווינען מיט אים אונטער איין דאַך. דערי־בער האָט ער געזאָגט:

— נו, אָבער דו דאַרפסט זען מיט אים צו זיין ליבלעכער נישט אַרויסווייזן דיין האַס, מ׳דאַרף זיך קאָנען איינהאַלטן. ער איז דאָך אַ ווילער מענטש. איך האָב אין פאַרגלייך מיט אים, זייער אַ שלעכטן כאַראַקטער.

— פאַר מיר ביסטו אַ ווילער און אַ גוטער אפילו מיט דיין זייער שלעכטן כאַראַקטער. נו, איצט קום, לאָמיר זיך אָני־דערזעצן רויק אויף דער אָטאָמאַנע.

ס׳איז געקומען אַרקאַדי, טראָגנדיק אין ביידע הענט די איינגעקויפטע זאַכן.

— וואָס ביסטו אַזוי גיך געקומען? — האָט טאַמאַרע גע־פרעגט.

— און דיר האָט זיך געוואָלט, איך זאָל וואָס לענגער זיך אַרומדרייען אין שטאָט? — האָט אַרקאַדי געזאָגט, אַ קוק טוענ־דיק אויף איר. און אין זיין טאָן איז דאָסמאָל שוין נישט גע־ווען זיין געוויינטלעכע ווייכקייט.

טאַמאַרע האָט, איבערקוקנדיק די איינגעקויפטע זאַכן, גאָר־נישט געענטפערט. דערנאָך האָט זי פלוצלינג זיך אָפּגערופן:

— אָט איז קלאָר, פאַרוואָס איך וואָלט געוואָלט; קיין קרייט האָט ער נישט געקויפט... כ׳זע נישט קיין קולקעס... כ׳האָב פריער געוווּסט, אַז עפּעס וועסטו שוין פאַרגעסן.

— קיין קולקעס האָסטו גאָרנישט דערמאָנט.

— ניין, כ׳האָב יאָ דערמאָנט וועגן די קולקעס.

— נו, הייסט עס, אַז איך זאָג אַ ליגן — האָט אַרקאַדי באַליידיקט זיך אָפּגערופן. און איז אפילו רויט געוואָרן.

קיסליאַקאָוו האָט זיך איבערגעזעצט פון דער אָטאָמאַנע

צום פענצטער און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער קוקט אַריין אין דעם בוך, וואָס אַרקאַדי האָט פאַר זיין קומען געלייענט.

— עפן די סאַרדינקעס — האָט טאַמאַרע געזאָגט וועגנדיק זיך צום מאַן. נאָר באַלד, ווי ער האָט זיך גענומען צו עפענען דאָס שאַכטעלע סאַרדינקעס, האָט זי עס ביי אים אַוועקגענומען און געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו עס גלייך איבערן טישטוך? צי קאָן מען דען נישט געפונען אַ שטיקל פּאַפּיר אונטערצולייגן אונטערן שאַכטעלע, אויב ס'איז שווער אַריינצוגיין אין קיך.

זי האָט זיך גענומען עפענען אַליין, אַוועקשטעלנדיק דאָס שאַכטעלע אין אַ טעלער. דאָס שאַכטעלע האָט זיך אָבער אַ גליטש טונדיק, זיך אַרויסגעריסן פון איר האַנט, זיך איבערגעקערט מיט דער זייט אויפן טיש און דאָרט זיך צעגאָסן מיט אַ גרויסער אייל-פלעק.

— נו, אַט האָסטו דיר, דו האסט דאָך געוואָלט מאַכן בעסער... — האָט אַרקאַדי געזאָגט.

טאַמאַרע האָט אַ וואָרף געטון דאָס שאַכטעלע און איז אַוועק אין שלאָפצימער.

אַרקאַדי האָט געפּרוווט קורץ נאָכדעם אַריינגיין צו איר, נאָר זי האָט זיך אָנידערגעשטעלט מיטן פּנים צום טואַלעט-טישל און מיטן רוקן צו אים און אים נישט אָפּגעענטפערט קיין איין וואָרט.

— דו וועסט מיך ענדלעך לאָזן צורו! — האָט זי אַ געשריי געטון.

— גיי דו אַריין צו איר — האָט אַרקאַדי געזאָגט צו קיסליאַקאָוון צוריקקערנדיק זיך אינם עס-צימער.

קיסליאַקאָוו איז אַריינגעגאַנגען, ער האָט טאַמאַרן אַוועקגעזעצט אין אַ פאָטעל און אָנגעהויבן איר איינרעדן, זי זאָל זיך נעמען אין די הענט אַריין.

— גאָט אין הימל, צי קאָנען מיר דען נישט אפילו אויף איין טאָג פאַרבלייבן זאַלבענאַנט? — האָט זי געזאָגט — אַזאַ קלייניקייט זאָל זיך נישט לאָזן אויספירן.

— וואָס קאָן מען טון... נו, קום, מחמת, ס'איז נישט באַקוועם.

טאַמאַרע האָט אַרומגעכאַפּט זיין האַלדז מיט די הענט, פון וועלכע ס'האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט די ברייטע אַרבל פון איר כאַלאַט און נישט אָפּלאָזנדיק, האָט זי אויף אים געקוקט מיט שפּאַנונג און מיט עפּעס אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלונג און יסורים אים געקושט אין די ליפּן. קיסליאַקאָוו פילנדיק ווי זי האַלדזט אים, איז רויט געוואָרן פון אָנשטרענגונג און זיך אויף אַלע אופנים באַמיט אַראָפּצונעמען פון האַלדז אירע הענט און איבערפירן איר אויפמערקזאַמקייט אויף עפּעס אַן אַנדער זאַך. און אין זיין מוח האָט אַ שימער געטון אַ געדאַנק, וואָס האָט אים דערשראָקן — צי זי האָט אים טאַקע באמת ליב געקראָגן.

טאַמאַרע האָט אים נאָכאַמאָל אַ קוש געטון און אויף קאַטאָוועס אָפּשטויסנדיק אים, איז זי מיט אים אַריינגעגאַנגען אין עס-צימער.

אַרקאַדי איז איינער אַליין געזעסן ביים פענצטער מיטן בליק אומבאַוועגלעך געווענדט אין דער פינצטערקייט. ווען זיי זענען אַריינגעקומען, האָט ער זיך נישט אומגעקערט.

— נו, וואָס-זשע, לאָמיר עסן אָוונטברויט — האָט טאַמאַרע געזאָגט.

אַרקאַדי האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

און ווען ער האָט אָנגעהויבן צו עסן, האָט ער געטרונקען איין קעלישעקל נאָכן אַנדערן.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס טרינקסטו עפּעס היינט אַזוי פיל. דיר שאַדט עס דאָך — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

— אַרקאַדי האָט גאָרנישט געענטפערט.

ווען קיסליאַקאָוו איז נאָכן אָוונטברויט אַוועקגעגאַנגען אַ היים, האָט טאַמאַרע, וועלכע פלעגט שטענדיק אַרויסגיין אים פאַרזענלעך אַליין באַגלייטן, געזאָגט צו אים אַרויסגייענדיק אין קאָרידאָר:

— צי קאָן מען טאַקע נישט זיך זען ביי דיר אינדער־היים. איך קאָן ווייטער נישט אַזוי.

— וואָס־זשע, מ'קאָן ביזוואַנען ס'ווייב איז נישט געקומען צופאָרן — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט, — קום מאָרגן.

און אַליין האָט ער געטראַכט, אַז אירע פאָדערונגען גייען אַלץ ווייטער און ווייטער. זי קאָן נאָך אין איין שיינעם טאָג זאָגן, אַז זי קאָן ווייטער נישט לעבן מיטן מאַן און וועט קומען צו אים פונקט אינם מאָמענט, ווען יעלענע וויקטאָראָוונע וועט זיך צוריקקערן פון איר רייזע.

XIII

אויפֿן צווייטן טאָג האָט קיסליאַקאָוו אויפֿגערוימט, אויף וויפֿיל ס׳איז געווען מעגלעך, דאָס צימער און אָנגעהויבן וואַרטן אויף טאַמאַרן.

נאָר פּלוצלינג איז אים איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט אים דערשראָקן: וועגן וואָס וועט ער מיט איר רעדן?... בעת זיי פֿלעגן זיך זען אין אַרקאַדיס וווינונג, פֿלעגן זיי דעמאָלט האָבן אין זייער רשות אינגאַנצן עטלעכע פֿרייע מינוט, זיי פֿלעגט נישט אויסקומען צו זיין צוזאַמען אַ לענגערע צייט און אַלע זייערע געשפּרעכן פֿלעגן באַשטיין פֿון קורצע פֿראַזן, מיט וועלכע זיי פֿלעגן זיך איבערוואַרפֿן, איצט אָבער איז פֿאָרגעשטאַנען צו פֿאַרברענגען צוזאַמען דעם גאַנצן אָוונט.

וואָס וועט זיין, ווען ער וועט דעמאָלט פּלוצלינג פֿאַרשוויגן ווערן, זיין שטום ווי אַ קבר, ווען ס׳וועט אים איינפֿאַלן אַ משוגענער געדאַנק און ער וועט נישט געפֿונען קיין טעמע אויף אַ געשפּרעך און ס׳וועט זיך אָנהייבן דער שווערער צושטאַנד ווען מען דאַרף צוטראַכטן פֿראַגן, כּדי צו שטעלן זיי דעם מיטשפּרעכער, אַבי נישט צו שווייגן.

דער הויכער געשפּרעך אויף דער טעמע וועגן דער מענשלעכער פּערזענלעכקייט, וועגן זיינע שטרעבונגען און אידעאַלן איז געווען אוממעגלעך דאָן צו פֿירן מיט איר. זייט זיין לעבן איז

געוואָרן אַ פֿאַלסיפֿיקאַט, זענען פֿאַר אים געוואָרן נישט אָנגענעם אַלע העכערע געשפּרעכן מיט פֿרויען, ווייל זיי, די געשפּרעכן, האָבן אָן איבריק מאָל אים דערמאָנט אין דעם, וואָס ער האָט שטאַרק געוואָלט פֿאַרגעסן און אָן דעם זיך קיינמאָל נישט דער־מאָנען. אָבער די פֿרוי, פֿאָדערט שטענדיק פֿונם מאַנספּערשוין ער זאָל זיין אינערלעך אַ באַדייטנדיקער מענטש, ער זאָל מיט זיך עפּעס פֿאָרשטעלן, ער זאָל מיט עפּעס ברענען, ערגעץ צו וואָס שטרעבן, ער זאָל טון אַ גרויסע זאַך. זי פֿאָדערט שטענדיק אַז אין די באַציונגען זייערע זאָל זיין רעפּרעזענטירט דער גייס־טיקער עלעמענט. דעריבער הייבן זיך שטענדיק אָן די געשפּרעכן מיט פֿרויען אויף טעמעס פֿון גייסטיקער נאַטור. און ווען אים פֿלעגט אויסקומען זיך צו באַגעגענען מיט פֿרויען, פֿלעגט ער, ווי אַן אומפֿאַרמיידלעכע לאַנגווייליקייט אויסהערן זייערע געשפּרעכן וועגן איינזאַמקייט, וועגן דעם, אַז עס פֿעלט איר אַ קרובהשע נשמה, צו וואָס האָט ער געדאַרפֿט זייער נשמה, נאָכדעם ווי ער האָט זיין אייגענע נשמה אַפֿילו שוין לאַנג פֿאַרוואָרפֿן ערגעץ.

און דאָ וועט טאַמאַרע נאָך אָנהייבן צו רעדן וועגן דעם, וואָס זי האָט נישט קיין מעגלעכקייט זיך דורכצושלאָגן צום אמתן לעבן. ער גלייבט אַליין נישט: אַז אַ טאַלאַנטירטער מענטש וועט שטענדיק זיך אַרויסקלייבן אויפֿן וועג צו זיין ציל און באַרוף, מ׳דאַרף נאָר וואַרטן און האָבן געדולד. ער איז געווען זיכער אַז זי האָט נישט קיין שום טאַלאַנט. דאָס האָט ער געזען לויט אירע פֿרוּוון און רעפּעטיציעס, וואָס זי פֿלעגט מאַכן. זי פֿלעגט זיך אָפּט שטעלן אין דער אָדער יענער פּאָזע און קוקנדיק אויף אַרקאַדין, וועלכער פֿלעגט דעמאָלט נישט אַראָפּלאָזן פֿון איר די אָנציקטע אוגן, — אָנהייבן צו לייענען לידער. געלייענט האָט זי שלעכט, זי פֿלעגט זיך אָפּט פֿאַרפּלאָנטערן און איבערחזרן אַ צוויי מאָל און דערביי איז דאָס ביי איר אויסגעקומען אָנגעבלאָזן און אומנאַטירלעך, אַז ס׳איז געווען ממש אַ רחמנות אויף איר און נישט באַקוועם בפֿרט נאָך, וואָס ס׳איז אויסגעקומען פּשוט צוליב אַנשטענדיקייט, זי צו לויבן.

איצט ווען איר וועט ווידער איינפֿאַלן צו לייענען לידער,

וועט אים אויסקומען זי צו ליבן און זאָגן, אז זי האָט אַ גרויסן טאַלאַנט, ווייל ווען נישט, וועט זי ווערן צעטראָגן און מ׳וועט צו איר נישט קאָנען צוטרעטן. און דאָרט וועט געוויס די מיעס־טשאַנקע זיך צוהערן פון יענער זייט וואַנט...

און טאַמאַרע וועט זיך דאַן טראַכטן וועגן דעם, ווי שיין און פּאָעטיש זייער ליבע איז.

דאָס איינציקע מיטל אויסצומיידן אַלע אונטערוואַסער־שטייגער, ד. ה. דאָס נישט וויסן, וועגן וואָס צו רעדן מיט איר, די העכערע געשפּרעכן און דאָס דעקלאַמירן לידער, איז געווען־ווײַן. נעמענדיק דאָס אין אַכט, האָט קיסליאַקאָוו קודם־כּל באַזאָרגט דאָס־דאָזיקע אַרטיקל און אָנגעגרייט ווײַן.

אַכט אַ זייגער איז טאַמאַרע געקומען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן צימער, אַ קוק געטון אויף קיסליאַקאָוון פון אונטער איר קאַפּעלוש און אים אַרומגענומען מיטביידע הענט. פון איר האָט זיך געטראָגן אַ האַרבסט־קעלט. ער האָט פון איר אַראָפּגענומען דעם זשאַקעט און איר אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע פאַר'ן טיש. אויף וועלכן ס׳איז געווען צוגעגרייט אַן אָוונטברויט. ער האָט צו איר גערעדט ליבלעכע ווערטער, וואָס זענען אים איינגעפאַלן אין קאָפּ אַריין, איר געגלעט די פיס און אַרויסגעוויזן אַ סך לעבהאַפטיקייט, כּדי נישט אַרויפצוברענגען אויף אַ לאַנגן געשפּרעך וועגן העכערע ענינים, אָדער נישט פאַרשווייגן צו ווערן פון נישט וויסן וואָס צו רעדן.

— ענדלעך זענען מיר אַליין! — האָט טאַמאַרע געזאָגט — ענדלעך קאָנען מיר זיך דורכרעדן, נישט אומקוקנדיק זיך יעדע רגע.

— אָבער נישט זייער הויך — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט אומקוקנדיק זיך אויף דער וואַנט.

טאַמאַרע האָט אַ וואָרף אָפּ טוענדיק דעם קאָפּ הינטערווײַלעך, אַ טרייסל געטון לינק־אויס אירע געשווירענע העלע פלאַקס־האָר און אַבי זיי זאָלן זיך לייגן אין אַ שיסן שרינט, האָט זי זיי איבערגעקעמט מיט דער האַנט און אַ זאָג געטון:

— דו ווייסט, איך הייב זיך אָן צו אַנטווישן, היינט

בין איך ווידער געווען אויף דער בערזע*) זעקס שעה—און ס'איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. כ'האָב געזען וואָס פאַר אַ גאָרנישטן מען נעמט אָן אויף שטעלעס, ווייל זיי קאָנען זיך באַגיין מיט מענטשן, ווייסן, ווי זיך מיט זיי צו האַלטן און איך האָב זיך דאָס נאָך נישט אויסגעלערנט.

קיסליאַקאָוו האָט אָנגעגאָסן ווייַן. אַזוי־ווי קיין גלעזער איז נישט געווען, ווייל יעלענע וויקטאָראָוונע האָט מיטגענומען מיט זיך די שליסלען פון אייבערשטן טייל קרעדענץ, איז זיי ביידע אויסגעקומען צו טרינקען פון איין טעצעלע, ביי וועלכן ס'איז דערצו נאָך געווען אָפּגעבראָכן דאָס אייערל.

— און וואָס פאַרע געמיינע מענטשן דאָס זענען, — האָט טאַמאַרע פלוצלינג געזאָגט, צונויפקוועטשנדיק מיט ביידע הענט דעם קאָפּ און צעשאָקלענדיק זיך מיט אים:

— פון וועמען רעדסטו עס?

— אַזוי, בכלל וועגן מענטשן.

קיסליאַקאָוו האָט נישט ווילנדיק אַ טראַכט געטון, צי מיינט זי אפשר אים.

טאַמאַרע האָט דערזען אויפן טיש זיין קאַווקאַזער קינזשאַל, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעשניטן די בלייענע קעפלעך פון די פלאַשן און אַ נעם טוענדיק אים אין דער האַנט האָט זי געפרעגט:

— דאָס איז אַן אמתער קינזשאַל?

— נאַטירלעך, אַן אמתער.

— מ'קאָן מיט אים דערהרגענען אַ מענטשן?

— געוויס, ווען מען טרעפט נאָר אין האַרצן.

— ווו איז דאָס האַרץ?

— אָט דאָ, — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט, ווייזנדיק איר אַ פונקט אונטער דער לינקער ברוסט.

טאַמאַרע האָט אַ זיפץ געטון און אַוועקגעלייגט דעם קינזשאַל.

— אַך, ווי ס'ווילט זיך לעבן! אָבער אַ שיין און פול לעבן

---

*) אַ זאַמלפונקט פון אַרטיסטן, ס'רוב פון אַזעלכע וואָס זוכן שטעלעס.

ס'זאָל אַריבערפֿלייצן די ברעגעס פֿון כּוס! דער גאַנצער גרויל ליגט אין דעם. וואָס ס'איז גאָרנישט דאָ! — האָט זי ווידער געזאָגט, צונויפֿפּרעסנדיק מיט די הענט דעם קאָפּ — גאָרנישט!

— וואָס פֿעלט דיר דען?

— כ'ווייס נישט ווי עס אויסצודריקן.

נישט וויסנדיק וואָס צו טון נאָר פֿילנדיק, אַז די זאַך האָט זיך אַ קירעווע געטון אויף עפּעס העכערס, האָט קיסליאַקאָוו איר אָנגעגאָסן נאָך ווײַן אין טעצל מיטן אָפּגעבראָכענעם אייערל. און טאַקע באמת: וואָס האָט ער געקאָנט טון, ווען אין אים אַליין איז אויך גאָרנישט געווען.

טאַמאַרע האָט לאַנג אויף אים געקוקט. זי האָט אפֿילו אים אַ נעם געטון מיט די הענט פֿאַרן קאָפּ און אַ דריי געטון אים מיטן פּנים צו זיך. ער האָט נישט געוווסט וואָס זי וויל, וואָס טוט מען, ווען זי נעמט באַלד אים דערקלערן: „איך האָב דיך ליב און מאָרגן וועל איך, פֿון דײַן הנאה וועגן, זיך איבערציִען צו דיר".

— מאָרגן וועט וואַרשייִנלעך צו מיר קומען צו פֿאָרן מײַן ווײַב — האָט ער פּלוצלינג געזאָגט.

די ווערטער זענען בײַ אים אַרויסגעפֿלויגן אַליין פֿון זיך, ער האָט אפֿילו נישט באַוויזן אַ טראַכט צו טון, צו וואָס ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט.

— קום מיט מיר אויפֿן שפּאַציר כאָטש איינמאָל, אַזוי ווי דו האָסט גערעדט מיט אַרקאַדין, — האָט זי ענדלעך זיך אָפּגערופֿן.

קיסליאַקאָוו האָט זיך פֿאַרלוירן.

— נו, הער שוין אויף, טרינק! וואָס ביסטו עפּעס הײַנט אַזאַ צערודערטע? — האָט ער געזאָגט.

טאַמאַרע האָט פּלוצלינג פֿאַרביסן די ליפּן, מיט אַ מאָדנעם שמייכל האָט זי אַ קוק געטון אויפֿן טעצל מיטן צעבראָכענעם אייערל און אַ מאַך טוענדיק אַ האַלבן קרײַז, מיט דער האַנט, האָט זי עס אַראָפּגעשטויסן אויף דער פּאָדלאָגע. דאָס טעצל איז צעבראָכן געוואָרן אויף שפּליטערן.

און פון יענער זייט וואָנט האָט עמיץ אָנגעהויבן צו וואָרטשן. מסתמא האָט די מיעסטשאַנקע געמיינט, אַז ער האָט אין אַפּוועזנהייט פון דער פּורי געבּרענגט צו זיך אַ מויד און יענע ליאַרעמט און „גיט אָן מעשׂים".

טאַמאַרע האָט אַ שפּרונג אויף געטון פון שטול. אירע אויגן האָבן געבּלאָנדזשעט און בּענקשאַפט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אומבּאַוווּגלעך פאַר זיך אין איין פּונקט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט קיסליאַקאָוו געזירעגט.

זי האָט, נישט ענטפערנדיק, פאַמעלעך איבּערגעפּרט אויף ים איר בּליק, דערנאָך אָפּשטופּנדיק אים פון זיך, האָט זי זיך אנגעטון דעם זשאַקעט און איז נישט געזעגנענדיק זיך אַרויסעגאַנגען.

פאָלוכין האָט מיט ענערגיע און גראַדליניקייט, מיט וועל־כע ער האָט זיך אויסגעצייכנט שטענדיק, דורכגעפירט די רעאָר־גאַניזאַציע פון מוזיי, אים פאַרוואַנדלט פון א „קבר״ אין אַן אָנווייזער פון א היסטאָרישן און רעוואָלוציאָנערן פּראָגרעס.

דער גאַנצער מוזיי איז געווען איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. אַלע שענק זענען געווען אָפּ־גערוקט פון זייערע ערטער און געשטאַנען מיט אָפענע טירן. און גיך האָט זיך פון דאָזיקן כאַאָס אָנגעהויבן אַרויסווייזן א קלאָרע ליניע, לויט וועלכע עס זענען געווען אויסגעשטעלט די עקספּאָנאַטן.

פאָלוכין האָט זיך דערביי לגמרי נישט אינטערעסירט מיט דער פאַרגאַנגענהייט, ער האָט די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט איבער־געלאָזט פאַר קיסליאַקאָוון, ער זאָל זיך מיט דעם פאַרנעמען. פאַר פאָלוכינען האָט, א חוץ דער רעוואָלוציע גאָרנישט עקזיס־טירט. פאַר אים זענען אַלע זאַכן און דערשיינונגען געווען אויף אַזויפיל אינטערעסאַנט, אויף וויפיל ס׳האָט זיך אין זיי אָפּגע־שפּיגלט דער רעוואָלוציאָנערער פּראָצעס, — אויף ווי ווייט זיי זענען געווען נייטיק פאַר דער רעוואָלוציע.

נאָר פאַר אים איז די גאַנצע געשיכטע א מין הקדמה צו דער רעוואָלוציע, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אַזעלכעס, וואָס פאַרהאַלט זי און לאָזט זי נישט גיין ווייטער.

יעדן טאָג פלעגט ער פאַרשווינדן ווערן אויף עטלעכע

שעה, אַרומלויפן איבער די מוזייען, עפּעס טראַכטן און פאַר זיך אַליין איבעררעדן:

– צום טייוול!

אָדער:

– צו גאָרנישט!...

אין מוזיי אַריין פלעגט מען, כמעט יעדן טאָג ברענגען צו פירן, לויט זיינע אָנווייזונגען, אַלץ נייע און נייע זאַכן, אָפטמאָל זענען די זאַכן געווען אַזעלכע משונהדיקע, אַז די אַלטע מיט־אַרבעטער האָבן נאָר געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

טרעפן אַצינד פאָלוכינען אין קאַבינעט איז געווען אוממעגלעך. ער פלעגט אַרומפליען איבער די זאַלן, ווי אַן אָנפירער פון מיליטער אינם ברען פון דער שלאַכט, אינגאַנצן פאַרגעסנדיק אגב, אַז ער איז דער דירעקטאָר. ער פלעגט אונטערכאַפּן צוזאַמען מיט די אַרבעטער וואַסער נישט איז שווערע זאַך, וועלכע יענע האָבן געקאָנט אַראָפּלאָזן ביים איבערטראָגן זי און שרייען:

– אַט אַזוי! שלעפּ נאָך אַ מאָל!...

די האָר זענען ביי אים געווען נאַס פון שווייס און צוגויפגעפּלאָנטערט אויפן שטערן, דאָס פּנים פול מיט שטויב.

אָפטמאָל פלעגט עפּעס אַן אַרבעטער, וואָס האָט מיט איין האַנט אונטערגעהאַלטן אַ משא, זיך אומקוקן און שרייען צום דירעקטאָר:

– דערלאַנג נאָר דעם האָק! נישט דעם — אַט דאָרט יענעם אַהער!

און דער דירעקטאָר פלעגט דערלאַנגען דעם האָק, מיט פּחד זיך צוקוקן, ווי מען שטעלט אַוועק די עקספּאָנאַטן און אַליין יעדער רגע זיך וואַרפן אונטערצוהעלפן די אַרבעטער.

פאָלוכין האָט געהאַט אַ פעיקייט אַזוי זיך איינצווזייגן אין דער זאַך מיט וועלכער ער האָט זיך באַשעפטיקט און מיט וועלכער ער איז געווען פאַרנומען אינם געדאַנק, וועלכן עס האָט אים אין דעם מאָמענט באַהערשט, אַז ער פלעגט אים אויסזייגן ביז אין דער לעצטער מעגלעכקייט אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך גע־

לאזוס; וואס ער זאל נישט האבן געטון, איז זיין געדאנק געווען פארנומען בלויז מיט איין זאך. און ווען ער האט מיט עמיצן גערעדט אין אזא צייט, איז נאר פון יענער זאך, וואס האט אים גראד פארכאפט. — פונקט ווי אלע וואלטן געדארפט זיך אנצינדן און ברענען מיט דעם זעלבן, פונקט אזוי ווי ער.

ער איז אין דעם זין גארנישט געווען קיין דיפלאמאט און האט זיך קיינמאל נישט גערעכנט מיט דעם, אז זיין געשפרעך קאן זיין נישט אינטערעסאנט פאר זיין מיטשפרעכער. פאר אים איז געווען וויכטיק דאס, וואס דערדאזיקער געשפרעך איז געווען אינטערעסאנט פאר אים, ד. ה. פארן ענין. און ער פלעגט ממש איינגעמען כמעטשן דורך זיין אייגנשאפט זיך צו ווארפן מיט היץ און ברען צו זיין ציל, דורך זיין שטרעבונגס־קראפט, וואס האט נישט געוווסט פון קיין שום קאמפראמיסן און דורך זיין פערזענלעכע נישט פאראינטערעסירקייט אין דעם, צו וואס ער האט געשטרעבט.

אזוי ווי ער איז אנגעקומען אין מוזיי אין זיין מארינאר־קע, וואס מ׳האט געקאנט פארשעלעווען פון ביידע זייטן, און אין גרויסע שווערע שטיוול — אין אזא הולך איז ער אזוי דארט ווייטער פארבליבן און זיך נישט אנגעקליידט אין בעסערע קליי־דער, ווי דאס וואלט פאסן פאר א דירעקטאר. פאר אים איז, ווי ס׳ווייזט אויס, געווען אלצאיינס, ווי אזוי זיך צו קליידן, אלצאיינס אין וואס פאר א דירה צו וווינען — אבי ס׳זאל אים נאר נישט שטערן צו ארבעטן. וועגן דער שיינקייט פון זיין אנצוג, דירה און אנדערע אזעלכע זאכן האט ער זיך לגמרי נישט געזארגט (מיין באבעס דאגה), ווייל ער האט זיך אינגאנצן נישט פארשטאנען אויף שיינקייט, נישט געוווסט מיט וואס מען עסט עס, און עס נישט געהאלטן פאר א נייטיקן סאציאלן עלעמענט. ער האט עס אנערקענט בלויז אויף אזויפיל, אויף וויפיל עס האט געדינט דער רעוואלוציע, — ער האט, למשל, געשעצט די ארבעט פון די קינסטלער בעת די רעוואלוציאנערע ימים־טובים. דא האט ער אויף באצירונגען און דעקא־

ראַציעס נישט געזשאַלעוועט קיין געלט און אָפט אויסגעגעבן מער ווי ער האָט געהאַט רעכט דרויף, זאָגנדיק דערביי:

— שיט, איך בין פאַר דעם פאַראַנטוואָרטלעך!...

צו בילדער, באַזונדעס פון דער אַלטער שול, האָט ער זיך באַצויגן גאַנץ גלייכגילטיק, כמעט מיט שנאה, די זעלבע באַציונג האָט ער אויך געהאַט צו אַ פייזשאַזש-בילד און בכלל צו מאָלעריי.

— צוואָס עס מאָלן, ווען מ'קאָן פשוט גיין און קוקן אויף דעם, — פלעגט ער זאָגן, באַגרינדנדיק זיין נעגאַטיווע באַציונג צום פייזשאַזש און מאָלעריי -- און דידאַקטיקע אויסלענדער, צו וואָס דאַרפן מיר זיי?—האָט ער אַמאָל געזאָגט צו קיסליאַקאָוון—אָט יענער, איז אַ כיטרער קינסטלער, פאַר זיין ווערק זאָגט מען וועט מען אין אויסלאַנד צאָלן אין טאָג אַריין.

— וועלכער איז אַ כיטרער קינסטלער?

— אָט יענער, וואָס הענגט אין ווינקל זאַל.

— רעמבראַנט?

— נו, יאָ. צוואָס דאַרפן מיר אים? איך פאַרשטיי אים נישט; א בילד, ווי אַ בילד. די אַרבעטער וועלן אים אויך נישט פאַרשטיין.

— און לערנען זיך אויף אים?

— אַלס מוסטער קאָן מען איין בילד לאָזן הענגען אין מוזיי.

XV

ווען קיסליאַקאָוו איז געקומען אין מוזיי נאָכן נישט געלונגענעם באַגעגעניש, מיט טאַמאַרן, האָט פּאַלוכין אים באַגעגנט מיט די ווערטער?

— כ'בין אַקאָרשט געווען אין מוזיי.

נו, און וואָס?

— ער טויג אויף כּפּרות. ביי זיי איז דאָרט די גאַנצע רעוואָלוציע פאַרגעשטעלט אין פאָטאָגראַפיעס, בילדער און דיאַגראַמעס. ווער וועט עס זיין אַ בעלן, אַרומגייענדיק איבערן מוזיי, צו אַנאַליזירן די דיאַגראַמעס. דו גיב אַזוינס און אַזעלכעס, ביי וואָס איך זאָל זיך אַדורכגייענדיק אָפּשטעלן און מיטאַמאָל דערזען אַלץ, וואָס ס'איז בייטיק. אַז די זאַכן זאָלן שלאָגן איבער די אויגן — האָט פּאַלוכין געזאָגט, אַ האַק טוענדיק אינדערלופטן מיטן עק פון דער דלאָניע אינדערברייט.

— זאָרג זיך נישט האט פּאַלוכין ענטוויקלט זיין אָריגינעלן געדאַנק — ויען מ'וועט אָנהייבן אויסצושטעלן די געשיכטע פון די צאַרן, וועט מען שוין אויסהענגען גענוג שמאַטעס. דאָרט שטייט ביי אונדז אַ קאַטש, וועמעס איז זי?

— פּיעטער דעם ערשטנס.

— נו, אַט, וואָס האָב איך געזאָגט?... און דאָ וואָלט מען כאַטש אויפגעהאָנגען אַלטע הויזן פון אַ רעוואָלוציאָנער, זיין טיניטער כאַטש... אַז נישט קומט אויס, ווי ס'זאָלן האָבן געלעבט נישט מענטשן נאָר גייסטער. נאָך זיי זענען געבליבן בלויז פּאַ־

טאַגראַפיעס. און איך, ברודערקע, האָב געפּאַקט אַ מציאה! אַ ווילדע זאַך.

— וואָס פאַר אַ מציאה? — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט, צוגעבנדיק שוין באַצייטנס זיין פּנים אַן אויסדרוק פון אַ לעבּ־האַפטן אינטערעס, ווייל ס׳איז געווען נישט באַקוועם זיך צו באַ־ציִען גלייכגילטיק צו דעם און דערמיט פאַלוכינען אַנטוישן.

פאַלוכין איז שווייגנדיק צוגעגאַנגען צום שאַנק און אויפ־געפּראַלט די טיר.

— טו נאָר אַ קוק!

קיסליאַקאָוו איז צוגעגאַנגען צום שאַנק און דאָרט דער־זען עפּעס אַן אָפּשניט פון אַ הילצערנעם קלאָץ מיט אַ האָק, וואָס איז אים אין געווען אַריינגעשרויפט.

— וואָס איז דאָס?

— זייער שיין: „וואָס איז דאָס?״ טרעף.

קיסליאַקאָוו האָט זיך געמאַכט אַז ער ברעכט זיך כּלומרשט דעם קאָפּ איבער דער פראַגע, וואָס דער קלאָץ מיטן האָק זאָלן באַדייטן עפּעס, און האָט גאָרנישט געענטפערט.

— אויף דעם האָט מען געהאָנגען! פון אַ תּליה האָט מען דאָס אויסגעזעגט...

ביי קיסליאַקאָוון, איז אַריבער איבערן רוקן נישט קיין אַני־גענעמער ציטער און ער האָט מיט אַ אומפאַרשטענדלעך צוציִענ־דיקער אויפמערקזאַמקייט זיך איינגעקוקט אנם דאָזיקן האָק.

— וואָס? ס׳פּילט זיך?

— יאָ, ס׳פּילט זיך... — האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט און נישט באַוווסטזיניק פאַרלענגערט און איבערגעטריבן זיין געפיל, כּדי נישט צו אַנטוישן פאַלוכינען.

— אט וואָס מ׳דאַרף זאַמלען פאַר דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציע, אָבער נישט קיין בילדלעך. באַלד וועל איך דיר ווייזן נאָך א זאַך.

אין קאַבינעט איז אַריינגעקומען אַ טעכנישער אָנגעשטעלטער און געזאָגט:

— חבר פאַלוכין ס׳האָט געבראַכט צו פירן,

— אַ, גוט, גוט! קום, שלעפּט אַהער! — האָט ער גע־שריגן צו די פּורמאַנעס, אַראָפּלויפנדיק איבער די שטיגן אונטן־צו.

די פּורמאַנעס, האָבן אַרויפוואַרפנדיק אויף די פּלייצעס אַ גראָבע בעלקע, זי אַרויפגעטראָגן אינדערהייך. דאָס איז געווען אַ בוידעם־בעלקע דורכגעשלאָגן אין דריי ערטער פון קוילן. מ׳האָט זי אויסגעזוכט פון בוידעם אין איינעם פון די מאָסקווער הייזער.

— אָט האָסטו דיר דעם מאָסקווער אויפשטאַנד, קאָנסט אים אָנטאַפּן מיט די הענט!

פּאָלוכינען האָט הנאה געטון די דיקע בעלקע, ווי עס טוט הנאה אַ אַרכעאָלאָג, ווען ער געפינט אַן אַלטערטימלעכקייט פון אַ 5000 יאָר צוריק.

— פּאַרשטייסטו כאָטש, וואָס מ׳האָט אַהערגעבראַכט צו שלעפּן? — האָט ער געפרעגט אַ פּורמאַן אין אַ ברעזענט, וואָס זיינע עקן פּאָלעס זענען געווען אַביסל אַריינגעשטופּט אין גאַרטל.

— מ׳האָט עס געבראַכט פון פּריעסנע. מ׳זעט דאָך וואָס דאָס איז — האָט דער פּורמאַן געזאָגט.

— אָט אַזוי טאַקע דאַרף מען טון, אַז יעדער זאָל וויסן, וואָס ס׳איז.

און אויפן צווייטן טאָג, האָט מען אין מוזיי אַריין געבראַכט צו פירן אמתע קראַטן פון שליסלבורגער פעסטונג, און מ׳האָט איינגעאָרדנט אַן אמתע צעל מיט אַרעסטאַנטן פון פּאַפּיר־מאַסע. די צעל האָט מען איינגעאָרדנט אין נידעריקן קעלער־רוים, אַ בכוון שוואַך און בלאַס באַלויכטענעם יעדער וואָס איז אַהין גע־גאַנגען, האָט געפילט דעמדאָזיקן שוואַכן שיין, די שטיקנדיקע געוועלבן און די קאַלטקייט פון די שטיינערנע ווענט, ווי אַ פּרוזדור צו עפּעס אומהיימלעכס. און דאָס אומהיימלעכע האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר זיינע אויגן אין אַ פאָרם פון אַן אייזערנע שטייג, וואָס איז געווען באַלויכטן מיט אַ שוואַכן שיין פון אַ נאַפט־לאָמפּ מיט אַ פאַרקאָפּטשעטע גלעזל. דאָ האָט געהערשט די שטילקייט פון אַ קבר. דער באַזוכער, וואָס האָט אַהין אַריינגע־קוקט, איז נישט ווילנדיק פאַרשווינגן געוואָרן און מיט אַן אומ־באַשטימט אומהיימלעך געפיל באַקוקט דאָס שמאָלע אייזערנע בעט

בײַ דער וואַנט, אַ טיש און הויך אונטערן סופיט — אַ דורכגע־בײַערט לאָך מיט אײַזערנע קראַטעס, וואָס האָט געדינט אַלס פענצטער.

ווען מ׳האָט פאַרן טיש מיטן פאַרקאָפּטשעטן לעמפּל אַוועק־געזעצט אַ פיגור פון אַ מענטשן אין אַ גראָען כאַלאַט, מיט אַ פּנים, געמאַכט פון וואַקס, האָט פּאָלוכין אַ געשריי געטון:

— מיטן רוקן צו אונדז זעץ אים אַוועק!

און ווען מ׳האָט אים טאַקע אַזוי אַנידערגעזעצט און שוין נישט געזען זײַן וואַקסן פּנים מיט זײַנע גלעזערנע אויגן און נישט נאַטירלעך־גלײַכע קינסטלעכע האָר און וואָנסן און מ׳האָט נאָר געזען דעם שטאַרק אײַנגעבויגענעם רוקן און אַ טייל באַק, בײַ אַ שוואַכן קבר.שײַן — האָט זיך באַקומען כמעט דער זעל־בער אײַנדרוק, ווי בײַם אָנבליק פון תּליה־האָק.

פּאָלוכין האָט נישט איבערגעקליבן קיין זאַך, קיין שום קלײניקײט. ער האָט גיך אויפגעכאַפּט קיסליאַקאָווס געדאַנק און איז אַוועק מיט דעם ווײַטער, ווי קיסליאַקאָוו אַלײן האָט זיך עס פאַרגעשטעלט. און קיסליאַקאָוו איז געווען אָנגעגנעם וועגן דעם צו זאָגן פּאָלוכינען. פּאָלוכין האָט מיט דער גרעסטער האָרט־נעקיקײט אַרומגעזוכט אַלע געוויינטלעכע קלײניקײטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צום לעבן פון די באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערן.

— איך האָב בדעה אויף אַלע מײַנע קאָמיסאַרן אַרויפצו־לייגן אַ מין קאָנטריבוציע — האָט ער אַמאָל געזאָגט — טו וואָס דו ווילסט, נאָר גיב אַרײַן אין מוזיי דײַנע הויזן, דײַן היטל, דײַן טינטער.

דאָס מוזיי איז געוואַקסן. דאָס פּאָרצעליי וואָס איז פֿריער געשטאַנען אין גלעזערנע שענק, האָט מען אַרויסגעטראָגן אין די שפּייכלער, געבליבן איז נאָר יענץ, וואָס האָט געקאָנט ווייזן, וויאַזוי און מיט וואָס די באַלעבאַטים, קסרים און גוטבאַזיצער האָבן אויסגעפּוצט די טישן אין דער אָדער יענער עפּאָכע. און דאָ האָרט בײַ דעם איז געשטאַנען אַ פּויערישער טיש,

XVI

צוריקקומענדיק נאָכן אמט אַ הייס, האָט קיסליאַקאָוו דערזען, אַז די טיר אין זיין צימער איז געעפנט. ביי אים איז פאַרגליווערט געוואָרן דאָס הארץ. ער האָט געמיינט, אַז מ׳איז צו אים געקומען אוועקנעמען ביי אים דאָס צימער אין צוזאַמענהאנג מיט די ארויסטרעטונגען פון דער פיאָנערן-אָפּטיילונג אויף בורעניס נאָמען.

נאָר ווען ער איז אריין אין צימער האָט ער זיך באַגעגנט פנים לפנים מיט יעלענע וויקטאָראָוונע.

זי האָט זיך צוריקגעקערט אויף גאַנצע צוויי וואָכן פריער ווי זי האָט געהאַט אויסגערעכנט. יעלענע וויקטאָראָוונע, איבערגעטון זיך פון וועג אין א שטוב-קליידל אָן ארבל, איז געשטאַנען, איינבייגנדיק זיך איבער א געעפנטער וואַליזע און זיך געגריבלט אין די זאכן. און דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך קיסליאַקאָוון געוואָרפן אין די אויגן, זענען געווען אירע הענט — גראָבע, פליישיקע און רויטע מיט א גענדזן-הויט פון דער אונטערשטער זייט, העכער פון די עלנבויגנס.

דער הונט דזשערי, אָנהייבנדיק בילן מיט פרייד, האָט זיך א וואָרף געטון צו אים, ארויפוואַרפנדיק זיינע פאָדערשטע לאַפּעס אים אויפן בויך. דער בולדאָג האָט נאָר קרום א קוק געטון און זיך אָפּגעקערט, פונקט ווי ס׳וואָלט געקומען נישט דער בעל-הבית, אויף וועמעס מיטלען ער ווערט אויסגעהאַלטן, נאָר

זייערער און יעלענע וויקטאָראָוונעס עפעס א קעסט-קינד, מיט וועלכן מ'דארף זיך נישט אזוי צערעמאָנירן.

אויף איר מאנס טריט האָט יעלענע וויקטאָראָוונע זיך שנעל א קער אום געטון, זיך צו אים א וואָרף געטון און, אָפּ-שטויסנדיק דזשערין, האָט זי ארומגענומען דעם מאן מיט אירע גראָבע הענט.

— ענדלעך! נו, וואָס מאכסטו? געזונט? נו, געליבטע דער אייבערשטער, געלויבט דער אייבערשטער!

זי האָט נאָך אלץ נישט אָפּגעלאָזט דעם מאן און ווי, שוין אָפּגעווייִנט אביסל, אָנגעשפּארט אויפסניי איר גראָבן בויך, פון אונטן ארויף אָן זיינעם און געשטערט אים זיך באוועגן. פריער האָט ער ס'דאָזיקע נישט באמערקט.

— כ'ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געוואָרן! — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע געזאָגט, אנידערזעצנדיק זיך מיט ברייט פאנאנדערגעשטעלטע קני אויפן שטול, ווי עס זיצן באלעבאָס-טעס מיעסטשאנקעס (דאָס האָט קיסליאַקאָוו אויך באמערקט, הגם פריער האָט זיך עס אים קיינמאָל נישט געוואָרפן אין אויג) — כ'ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געוואָרן. מיך האָבן אָנגע-הויבן מאטערן פאַרגעפילן. ס'קריכן מיר אין די מחשבות מאָדנע זאכן. מיך האָט באהערשט אזא פחד פאר דיר, אז איך האָב נישט געקאָנט בלייבן ווייטער קיין מינוט. כ'האָב אלץ איבערגע-לאָזט און מיך אהערגעקליבן צוריק אהיים אין שטוב.

און אין אויפגערעגטקייט פון איר דערציילונג, האָט זי זיך איבערגעזעצט פון שטול אויף דער אָטאָמאַנע, וווּ קיסליאַקאָוו האָט זיך געזעצט און פאַרגעזעצט:

— וועסט מיר גלייבן צי נישט, — נאָר ווען כ'בין געפאָרן פון וואָקזאָל, האָב איך געציטערט ווי אין פיבער און ווען אי-בער אונדזער גאס איז אַטקעגן אונדז דורכגעפאָרן דאָס קעטשל פון דער פּאָגאָטאָוויע, האָב איך אזש א געשריי געטון.

— ס'אַרע נאַרעלע דו ביסט, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, גלעטנדיק דעם ווייבס דיקע האַנט, אלס דאנקבארקייט פאַר איר ליבע און ווי באַרעכנענדיק איר תמימות.

— מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט — האָט יעלענע וויקטאָ־ראָווגע ווייטער דערציילט — ווי דו קערסט זיך צוריק אַהיים פון דעם גוטן פריינט אַרקאַדי שפעט אינדערנאַכט און ס׳באַפאַלן דיך אין דער פוסטער גאַס באַנדיטן.

— כ׳בין ביי אים געווען נאָר איינמאָל און חוצדעם בין איך א געניג געשיקטער און וואָלט זיך געקאָנט אַן עצה געבן מיט באַנדיטן. געדענקסט ווי אין 19־טן יאָר האָב איך זיך אַרויס־געדרייט פון דריי באַנדיטן און זיי מכבד געווען מיט פייערדיקע פעטש?

יעלענע וויקטאָראָווגע האָט אויף אים געקוקט שמייכלענדיק, זי, אפנים, האָט נישט געהערט וואָס ער האָט גערעדט און איז נאָר געווען גליקלעך ביים באַוווסטזיין, אַז דער געליבטער מענטש זיצט פאַר איר לעבעדיק און ס׳האָט אים פאַר דער צייט פון איר אָפוועזנהייט גאָרנישט געשאַדט.

— זאָג מיר, האָסטו עפּעס געבענקט נאָך מיר? טוט דיר הנאה וואָס איך בין געקומען?

— נאַטירלעך. א גוטע שאלה, כ׳לעבן.

— ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך האָב זיך צוריקגעקערט און וואָס מיר זענען ביידע ווידער צוזאַמען. איך האָב געטראַכט וועגן דעם, אַז מיר וועלן אַלע אָונטן זיין צוזאַמען, מיר וועלן גיין אין טעאַטער. אין אָפוועזנהייט האָב איך ערשט געפילט שטאַרקער מיין ליבע צו דיר. און דאָרט אייגנטלעך איז דאָך אַלץ אַזוי העסלעך: אומעטום „צמך" א אָרדינערער עולם, באַזונ־דערס אין די ימים־טובים. קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי איך האָב פיינט דעם המון.

יעלענע וויקטאָראָווגע האָט אויך דערציילט, אַז זי האָט געזען די פרוי זוויעגיגאָראָדוקע. זי האָט געוווינען דעם פּראָצעס מיטן מאַן און ער האָט איר געמוזט אָפּגעבן דאָס צ׳מער, פון וואַנען מ׳האָט אים שוין עקסמיסירט.

דערנאָך האָט זי דערציילט, אַז זוויעגיגאָראָדוקע מאַן האָט צוגענומען — ריכטיקער געזאָגט — אַרויסגענומען פון דער קאָמאָדע אַלע גילדענע און בריליאַנטענע חפצים, וועלכע האָט

געשאַנקען דער פרוי און אַז איצט קעמפן זיי פאַר דעם מעבל און די איבעריקע שטוב-זאַכן, ווייל ער האָט איינגעגעבן אין געריכט אַז דאָס אַלץ איז זיינס.

— צי שטעלסטו זיך פאָר דעם גאַנצן שרעק דערפון? זיי זענען דאָך אינטעליגענטע מענטשן, גוט דערצויגענע. ס'ווערט ממש שרעקלעך צו לעבן אויף אַזאַ וועלט. כ'פאַרשטיי עס נישט! גיי בעסער און ווער אַ וועשערין, אַ גאַסן-קערערין, נאָר נישט באַגראָב אין בלאָטע דיין נשמה מיטן דאָזיקן משפטן זיך צוליב עפּעס שטוב-זאַכן.

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט צונויפגעלייגט די הענט אויף דער קני און, אויפגערעגט, אַ געוויסע צייט געשוויגן.

— נו, שוין-זשע איז שוין גאַרנישט געבליבן, וואָס טייערס אַ חוץ חפצים? איך געדענק, מיך האָט איבעראַשט די פראַזע אין „אננאַ קאַרענינאַ", ווען זי טראַכט מיט שרעק וועגן דעם, אַז וראָנסקי קאָן איר נאָך זאָגן ביים גט:

— וויפיל דאַרפט איר האָבן געלט?

און איצט זענען די מענטשן פון זעלבן קלאַס און אָפּשטאַמונג געוואָרן אַזעלכע קליינלעכע: זיי גנבענען, רייסן אַרויס איינער ביים אַנדערן געשאַנקענע זאַכן, משפטן זיך איבער אַ צימער... וואָס איז דאָס? ווי קאָן מען עס אָנרופן?

נאַטאַנסאָן האָט געקויפט זיין ווייב אַ סויבל-זשאַקעט. אויף וואָס פאַרע מיטל — וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו וויסן. און ווייטער: ביי זיי זענען היינט פאַראַן געסט, מ'האָט אָנגעקויפט פאַרבייסעכצן, קאַוויאַר וואַלגערט זיך כמעט אין קאַמער, די טייערסטע פיש, איינדיטשקעס. און פאַר דעם צימער צאָלן זיי דאָסזעלבע וואָס מיר...

קיסליאַקאָוו האָט צוגעהערט זיין פרויס רייד, צוגעשאָקלט איר לעבהאַפט מיטן קאָפּ און אין דערזעלבער צייט זענען אים די געדאַנקען געהען באַשעפטיקט מיט דעם, אַז מ'דאַרף ווי עס איז וואָרגען טאַמאַרן, אַז צו אים איז געקומען צוריקצופאָרן זיין ווייב. דערנאָך האָט ער דערפילט אַ געוויסע צערייצטקייט קעגן זיין פרוי, דערפאַר וואָס זי איז געקומען צו פאָרן צוליב וואָס

און זי קלײַבט זיך נאָך צו גײן מיט אים אין טעאַטער און זיצן אין די אָוונטן אין שטוב. הײסט עס, אַז ס'וועט אויסקומען צו מאַכן אויסערגעוויינטלעכע אָנשטרענגונגען, כּדי אויסצוטראַכטן און געפינען אויסריידן און תּירוצים, כּדי צו טרעפן זיך מיט טאַמאַרן.

— דו ווייסט, כ'בין גאַנץ ערנסט געווען אומרויִק וועגן די זאַכן, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אויף צו באַוואָרענען. ווער ווייסט?... איצט קאָן מען גאָר דערוואַרטן. אַן אַנדער וועלט גאָר געוואָרן. נאָר געבליבט דער איבערשטער: ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זאַכן זענען גאַנץ, זי האָט מיר זיי איצט אָפּגעגעבן אָן שום טענות און פֿונדעסטוועגן ביז איך דאָרט זייער מאָגער געוואָרן, וואָס זאָגסטו? — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע, שוין מיט אַן אַנדער טאָן, איבערגעפֿרעגט.

זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך אַ דריי געטאָן. — מאַריע סעמיאָנאָוונאַ האָט נאָר־וואָס מיך באַגעגנט און זיך אַפֿילו געוווּנדערט, וואָס איך בין אַזוי אָפּגעצערט.

קיסליאַקאָוון האָט שטענדיק שטאַרק געוווּנדערט די צוטרויִלעכקייט, מיט וועלכער זי פֿלעגט זיך באַציִען צו די באַמערקונגען און ווערטער פֿון אירע באַקאַנטע, אַז זי איז יונג און אָפּגעצערט געוואָרן. שוין צײַט, דאַכט זיך, זי זאָל וויסן, אַז דאָס איז פּשוט אַ פֿליכט פֿון קעגנזײַטיקער העפֿלעכקייט, באַזונדערס בײַ די פֿרויען, ווען מען באַגעגנט זיך, צו זאָגן:

— אָך, ווי שיין איר זעט אויס! איר זענט אויף צען יאָר יונגער געוואָרן.

זי אַליין האָט אויך עטלעכע מאָל דאָסזעלבע געזאָגט עפּעס אירע אַ באַקאַנטע, כּדי דערנאָך, קומענדיק אַהיים, צו זאָגן דעם מאַן:

— כ'האָב באַגעגנט מאַריע סעמיאָנאָוונע, זי איז געוואָרן דיק ווי אַ דבר־אחר, ס'נעמט אַזש אָן אַן עקל צו קוקן אויף איר. כ'האָב איר געזאָגט: ווי שיין איר זעט אויס, איר זענט שטאַרק אָפּגעצערט געוואָרן, — כ'האָב זיך אַפֿילו אַליין דערשראָקן, אַז זי וועט עס אָננעמען פֿאַר אַ שפּאַס. ס'הייבט זיך נישט אָן. זי

האָט ליבלעך אַ שמייכל געטון און ווייזט אויס געבליבן שטאַרק צופרידן פון מיינע ווערטער.

— נו און איך — ווי מיינסטו, ווי זע איך אויס?

— דו ביסט וווּנדערבאַר יונגער און פרישער געוואָרן.

— דאָס איז פון דער פרישער לופט — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע באַמערקט — און צוגעגעבן גאָר מיט אַן אַנדער טאָן:

— נו, אָט בין איך שוין אינדערהיים. אַך, וואָס פאַר אַ הנאה עס טוט מיר, וואָס מיר זענען צוזאַמען. און וואָס הערט זיך ביי דיר מכּוח געלט?

קיסליאַקאָוו האָט געוווּסט, אַז אים דערוואַרט דידאָזיקע פראַגע און מ׳דאַרף זיך צו דעם צוגרייטן מיט אַ כּלומרשטן צו־געטראַכטן תּירוץ, ווי ער האָט פאַרוועגדעט די הוצאות, וואָס ער האָט געמאַכט. באַציענדיק זיך לויט דער אינטעליגענטישער געוווינ־הייט, מיט פאַראַכטונג צו געלט, האָט ער בשום־אופן נישט גע־קאָנט זיך באַצווינגען אויסצובאַלאַנסירן זיינע הוצאות אַזוי, אַז דער אומגעלומפּערטער מיטאָק, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דרייסיק רובל, זאָל אַריינגערעכנט ווערן ביי אים מיט אַנדערע פּאָזיציעס. און איצט האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט עס טון שפּעטער. נאָר ער האָט נישט דערוואַרט פון יעלענע וויקטאָראָוונען דידאָזיקע פראַגע אַזוי גיך, בפרט נאָך באַלד נאָך אירע ווערטער וועגן די פרייד אירע, וואָס זיי זענען ווידער צוזאַמען.

דעריבער האָט ער אַביסל צעשטרייט זיך אָנגערופן.

— נישט פויגלדיק... כ׳האָב סך־הכּל פופצן רובל.

— פ׳הייסט, פופצן רובל? כ׳האָב דאָך דיר איבערלאָזט גאַנצע הונדערט רובל.

אויף איר פּנים האָט זיך באַלד באַוויזן אַן אויסדרוק וואָס האָט געוויזן, אַז זי איז נישט אָנגענעם פאַרוווּנדערט.

— נו, טאָ וואָס איז דען, אַז הונדערט רובל? און וויפיל צייט איז אַריבער?

— צייט איז אַריבער נישט זייער פיל... צוויי מאָל ווייי

ניקער פון דעם, אויף וויפיל דיר איז איבערגעלאָזט געוואָרן: צוויי וואָכן.

און איר פנים איז פון אַ ליבנדיקס און פריידיקס פ.ר-וואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַלט פאַרחידושט פנים פון אַ בעל-באָסטע.

— צוויי וואָכן איז אויך נישט קיין קליינער טערמין — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט דערפילנדיק פּלוצלינג אַ צאָרן און צע-רייצטקייט קעגן דערדאָזיקער פרוי, וועלכער ער דאַרף האָבן אייף כפרות און וועלכע גיט אויס פאַר זיך זיין געלט און נעמט נאָך אָפּ ביי אים אַ חשבון וועגן יעדער קאָפּיקע, וואָס אים קומט אויס אויסצוגעבן.

— דו האָסט עפּעס געקויפט?

— ניין, כ׳האָב קיין שום באַזונדערס נישט געקויפט.

— וויבאַלד אזוי פאַרשטיי איך נישט, ווי קאָן מען עס, גאָרנישט קויפנדיק, אויסגעבן אין צוויי וואָכן פינפאונאַכציק רובל, — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע געזאָגט, אַ צוג טוענדיק מיט די אַקסלען.

און אַזוי ווי זי האָט אין יעדער זאַך קודם-כל ליב געהאַט קלאָרקייט, האָט זי זיך גענומען אויסרעכענען:

— עסן האָט דיך געקאָסט נישט מער, ווי צוויי רובל אַ טאָג, אין צוויי וואָכן מאַכט עס אויס אַכטאונצוואַנציק רובל אין איין טאָג.

— ווהין-זשע האָסטו אַהינגעטון דאָס איבעריקע געלט? פאַרלוירן? — האָט שוין אומרויק און אויפגערעגט, יעלענע וויקטאָראָוונע איבערגעפרעגט.

קיסליאַקאָוו האָט זיך באַמיט צו דערמאָנען אָדער כאָטש אויסטראַכטן, אויף וואָס מ׳קאָן בכלל אויסגעבן געלט. נאָר פון צערייצטקייט האָט זיך אים בשום-אופן נישט איינגעגעבן זיך צו דערמאָנען אין עפּעס וואָס, אָדער גאָר צוצוטראַכטן עפּעס גע-העריקס.

ער האָט זיך נאָר דערמאָנט אָן דעם מיטאָג וואָס האָט אים אָפּגעקאָסט אַזוי פיל געלט, נאָר מורא געהאַט וועגן אים

צו דערציילן זיין ווייב, ווייל יענע וואָלט זיכער פּאַרגליווערט אָדער פאַרשטיינערט געוואָרן פון איבעראַשונג און באַוואונדערונג, ווען זי וואָלט פון זיין מויל געהערט ארויסרעדן, אַז ער האָט אויף איין מיטאָג געקאָנט אויסגעבן דרייסיק רובל.

— שוין־זשע קאָן איך נישט קוים איינמאָל אַ לעב טון אַזוי, ווי מיר ווילט זיך ? — האָט ער אַ זאָג געטון· פילנדיק, אַז ער ווערט בלאַס, און אַז באַלד וועלן פאָרקומען ערנסטע געשעענישן, מעגלעך, אַזעלכע, וואָס וועלן אים שווער אָנקומען זיי צו פאַריכטן.

— ביטע, לעב זיך ווי דו ווילסט, ווער לאָזט דיך נישט?— האָט יעלענע וויקטאָראָווגע זיך אָנגערופן, נישט באַמערקנדיק דעם געענדערטן אויסדרוק פון זיין פּנים — נאָר ווייס, אויף וואָס דו גיסט אויס דאָס געלט. און דו ווייסט עס נישט. ווען דעם רעד איך טאַקע.

קיסליאַקאָוו האָט יעדעס מאָל אין אַזעלכע פאַלן זיך געוואָלט אַנטשולדיקן... ...פילט אַנטוואָפּנט, ווייל ער האָט ווירקלעך נישט געקאָנט זאָגן אויף וואָס ער האָט אויסגעגעבן דאָס געלט. נאָר ער האָט עס נישט געקאָנט זאָגן, נישט מחמת דעם, וואָס ער האָט נישט געוווסט, נאָר דערפאַר, וואָס ער פלעגט שטענדיק אויסגעבן געלט אויף נישט לעגאַלע פּאָציצעס, ד. ה. אויף זאַכן, וועגן וועלכע דאָס ווייב זיינס האָט נישט געדאַרפט וויסן. ס׳איז אים דעריבער אויסגעקומען נישט ווילנדיק צו שפּילן אַ ראָל פון אַ קונע־לעמל און טיפּוש, וועלכער ווייסט אַליין נישט, אויף וואָס ער גיט אויס זיין געלט.

און ווייבאַלד אַזוי, האָט זי געהאַט אַ פולן גרונט, צוליב זיין טובה וועגן טאַקע אַוועקצונעמען ביי אים דאָס געלט אינגאַנצן און צו פאָדערן פון אים אַ דין־וחשבון דערוועגן. און אַ דאַנק דעם, פלעגט אים אויסקומען, אַ סך פריער פאַרן אָפּגעבן דעם ווייב אַזאַ דין־וחשבון, אויסצוטראַכטן פאַרשידענע תירוצים, אויב ער האָט גראַד געדאַרפט האָבן געלט אויף עפּעס אומלעגאַלס.

— כ׳האָב דיר שוין נישט איינמאָל געזאָגט, אַז איך בין נאָר קעגן דעם, אַז דו זאָלסט אָן שום טאַלק און אָן שום זין אויסגעבן געלט. דאָס ברענגט שטענדיק צו אומגעריכטע קאָמפּלי־

קאַציעס. איך פֿיר זיך אַזוי, אַז נאָך מיט אַ חודש פֿריִער וואָלסט יעדע קאָפּיקע איר אָרט און בײַ דיר זענען פּיפּציק רובל נישט מיר, נישט דיר אַוועקגעפֿלויגן. דער רוח ווייסט עס ווו. דו קאָנסט אַזוי לײַכט אויסגעבן געלט און שפּעטער וווּנדערסטו זיך, הלמאי איך זאָג זיך אָפּ צו פֿאָרן קיין יעסענטוקי.

אָט ווו דער הונט ליגט באַגראָבן — האָט מיט צאָרן קיסליאַקאָוו באַלד אַ טראַכט געטון — זי באַמיט זיך פֿון איר עט־וועגן, כּדי זי זאָל האָבן מיט וואָס צו פֿאָרן קיין יעסענטוקי, צו אָטעמען מיט לופֿט און אָפּגעצערט צו ווערן. דאָס, לפּחות, איז אָפֿנהאַרציק און לאָגיש.

נאָר פּלוצלינג איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק:

— נו, אָט האָסטו דיר, אײַנגאַנצן אַרויס פֿון קאָפּ! אינגאַנצן זיך פֿאַרגעסן! — האָט ער געזאָגט, — כ׳האָב באַגעגנט אַ שול־חבר, דערזען אים אין אַ שרעקלעכע לאַגע און האָב אים געגעבן אַכטאונצוואַנציק רובל.

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט אַ געוויסע צײַט געשוויגן. זי האָט נאָר אַ צוק געטון מיט די אַקסלען. דערנאָך האָט זי זיך אָנגערופֿן:

— איצט איז נישט אַזאַ צײַט, מ׳זאָל קאָנען אַוועקגעבן מענטשן גאַנצע דרײַסיק רובל אויף איינמאָל. איצט דאַרף מע זען, מ׳זאָל אַליין ווי עס איז נישט אומקומען. דו האָסט זיי אים אַוועקגעגעבן און איצט ווייס איך נישט, פֿון וואַנען מיר וועלן נעמען געלט ביזן סוף חודש!

קיסליאַקאָוו האָט זיך געוואָלט איר אָפּענטפֿערן אויף דעם געניוג גיפֿטיק — איר זאָגן, למשל:

— געוויס, הי׳ קאָנסטו עס וויסן. ווען דו ווייסט נאָר צו באַקומען פֿון מיר פֿאַרטיק געלט, מער נישט. און פֿאַרוואָס עפּעס בין איך מחויב דיר צו געבן? דאָס ווייסט קיינער נישט. און דעם פֿאַל וואָלסטו בעסער געדאַרפֿט דאַנקבאַר זײַן מײַן „טיפּשות". נאָר אַ דאַנק דעם בלויז גיב איך דיר אָפּ מײַן געלט. און דו דאַרפֿסט אַפֿנים, נישט מיך, נאָר מײַן געלט.

ער האָט אָבער דאָס נישט געזאָגט, נאָר זיך ווי אַ ריס

אויף געטון פון דער אָטאָמאַנע, זיך איבערגעזעצט צום שרייבטיש און צונויפגעפרעסט מיט דער האַנט דעם קאָפּ, ווייזנדיק דערמיט, אַז ביי אים וועט באַלד פּלאַצן דער שאַרבן חלילה פון אַזעלכע נישט אָנגענעמע געשפּרעכן.

יעלענע וויקטאָראָוונע, שטייענדיק אינמיטן צימער, האָט פאַרפאָלגט מיט די אויגן זיינע באַוועגונגען און העוויות.

— וואָס ווילסטו דערמיט באַווייזן? ווילסטו באַווייזן, אַז דו ווילסט נישט הערן ווען מען רעדט צו דיר?

קיסליאַקאָוו איז שווייגן געבליבן. און בלויז אויפגערעגט צעשויבערט זיינע האָר.

— כ׳וועל דיך בעטן אויעקצוואַרפן דידאַזיקע מאַניער פון א היסטערישער דאַמע, וועלכע דו האָסט די לעצטע צייט איבערגענומען. איך פיר די ווירטשאַפט און האָב דאָס רעכט צו פאָדערן פון דיר א דין-וחשבון, כדי צו וויסן, אויף וואָס איך קאָן יעדן חודש אויסרעכענען.

קיסליאַקאָוו האָט באַשלאָסן, אַז וויפיל זי זאָל נישט רעדן וועט ער אַר נישט אָפּענטפערן מער קיין איין וואָרט. נאָר ער האָט זיך נישט איינגעהאַלטן און זיך אָפּגערופן מיט אַ בריונדיקער אכזריות:

— ווי גוט איז געווען, ווען דו ביסט נישט געווען! גאַנצע צוויי וואָכן האָט מען נישט געהערט קיין געשריי.

ער האָט אַנערקענט אַז ער האָט געזאָגט אַ ליגן, ווייל יעלענע וויקטאָראָוונע האָט קיינמאָל נישט געשריגן און גערעדט כמעט רויק, נאָר אים האָט זיך געוואָלט איר פאַרטשעפּען אַזוי, אַז ס׳זאָל איר וואָס מער וויי טון.

ווען די מומע איז צוריקגעקומען פון געוועלבל, זענען שוין מאַן און ווייב געזעסן אין פאַרשידענע צימער-ווינקלען און געשוויגן. קיסליאַקאָוו האָט, אַרומכאַפּנדיק מיטביידע הענט דעם קאָפּ. אָנגעשרענגט און מיט אויסגעשפּיצטע אויגן אָנגעקוקט די סטאַטועטקע פון קאַרל מאַרקס, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים אויפן שרייבטיש, און יעלענע וויקטאָראָוונע מיט רויטע

אויגן, האָט נערוועיש אויף די קני פֿאַנאַנדערגעצויגן פֿאַר די עקן דאָס שנופּטיכל, נאַס פֿון טרערן.

מיט דער מומע האָט קיסליאַקאָוו זיך נישט באַגריסט אפֿילו. און זי האָט זיך מיטאַמאָל צוזאַמענגעצויגן און אַוועק פֿון יענער זייט שפּאַנישע ווענטלעך.

קיסליאַקאָוו איז געזעסן און אָנגעשרעגט, פּונקט ווי ער וואָלט געהאַט צו לערנען זייער אַ שווערע אויפֿגאַבע, האָט ער זיך געמוטשעט, וואָס פֿאַר אַן אויסרייד אויסצוטראַכטן, כּדי אַוועקצוגיין היינט צו באַזוכן צרקאַדין. אים האָט באַאומרויִקט טאַמאַרעס אויפֿפֿירן זיך: זי האָט אים נאָך קיין איינמאָל נישט אָנגעקלונגען נאָך זייער באַגעגענען זיך. און אים האָבן שוין אָנגעהויבן צו קריכן אין קאָפּ אַריין מוראַדיקע אייפֿערזיכטס-געדאַנקען.

פּלוצלינג, אַליין נישט דערוואַרטנדיק פֿון זיך אַזעלכעס, האָט ער זיך אַ הייב אויף געטון און רוישיק אַ רוק אָפּ געטון פֿון זיך דעם פּאָטעל, אַזוי, אַז דזשערי, וואָס איז געזעסן נישט ווייט פֿון אים האָט זיך איבערגעשראָקן, געכאַפּט אויף אים בילן און אַרונטערגעלאָפֿן אונטערן שטול, און דער בולדאָג, וואָס איז געלעגן אויפֿן פּאָטעל, האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און פֿאַרדעכטיג אויף אים אַ פֿיר געטון מיטן בליק.

קיסליאַקאָוו האָט גענומען דאָס היטל, דעם פּאַלטאָ, און נישט אַרויסרעדנדיק קיין איין וואָרט, איז ער אַרויס פֿון צימער.

אין קאָרידאָר האָט אים דעריאָגט יעלענע וויקטאָראָוונע.

— אויב דו ווילסט מאַכן אַ סקאַנדאַל אינעם ערשטן טאָג פֿון מיין קומען צוריק, — האָט זי געזאָגט מיט פֿולשטענדיק טרוקענע אויגן און מיט אַ סאַמען רויִקן טאָן, — איז ווי דו ווילסט: מאַך זיך דיר אַ סקאַנדאַל, נאָר צוערשט זיי זיך מטריח מיר איבערצולאָזן געלט.

קיסליאַקאָוו האָט „פֿון דער העלער הויט“, נישט פֿאַרטראַכטנדיק זיך וועגן די פֿאָלגן פֿון אַזאַ שריט, איר געגעבן צען רובל איבערלאָזנדיק זיך נאָר פֿינף.

— נאַט, נעמט...

און איז אַוועק צו צרקאַדין.

XVII

מיט אַרקאַדיען איז אין דער לעצטער צייט פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג, ער איז איצט געווען צומייסטנס שווייגעדיק און דורך עפּעס נידערשלאָגן. צו ער האָט זיך אָנגעשטויסן, ווי עס האַלט אין דער אמתן צווישן זיין פרוי און גוטן-פריינט, אָדער נישט — איז שווער געווען צו וויסן.

קיסליאַקאָוו האָט יעדנפאַלס נישט געקאָנט, ווי פריער, מיט אַ ריין געוויסן פרעגן, וואָס מיט אים איז, פאַרוואָס איז ער אַזוי נידערגעשלאָגן. ס'איז אויסגעקומען צו מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער באַמערקט עס גאָרנישט. נאָר דאָס האָט אויך געקאָנט פאָרקומען אַרקאַדין פאַרדעכטיק: פאַרוואָס איז עפּעס זיין פריינט געוואָרן אַזוי נישט עמפּינדלעך, אַז ער באַמערקט נישט די ענדערונג וואָס מיט אים, אַרקאַדין, איז געשען?...

און אָט איצט, יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען צו אַרקאַדין האָט ער געשפּירט אַ קוועלנדיקע אומבאַקוועמלעכקייט פון דער נייטיקייט אונטערצוהאַלטן מיט אים דאָס געשפּרעך.

לויט דעם, וואָס אַרקאַדי האָט אָנגעהויבן צו טרינקען, לויט זיין געצוווּנגענעם שמייכל האָט קיסליאַקאָוו געזען, אַז אַרקאַדי שטויסט זיך מסתמא אָן, ווי עס האַלט... נאָר היות ער האָט געשוויגן, האָט קיסליאַקאָוו געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט נישט אין זיין פריינט קיין שום ענדערונג.

צו פאַרבלייבן איינער אַליין מיט אַרקאַדין, איז פאַר אים איצט געווען ממש אַן אָפּקומעניש, אונטערצוהאַלטן מיט אים די

געשפּרעכן וועגן אומקומען, האָט ער נישט געטראַכט, ווײַל, אַ דאַנק זיין פריינטשאַפט מיט פּאָלוכינען איז נישט געוועזן אַרויס־צוזען, אַז ער זאָל אומקומען... און אפילו קעגן זיין ווילן זע־נען אים איצט איינגעפאַלן אַזעלכע געדאַנקען וועגן זיין פריינט, וועלכע קאָנען נאָר איינפאַלן אַ מענטשן, וואָס האָט דער־פאָלג און עס גייט אים גוט, בנוגע עפּעס איינעם אַ שלימזלניק.

חוץ דעם איז אין אַרקאַדיס וועלטאַנשויאונג געווען צו באַמערקן זייער אַ גרויסן רעגרעס: ער איז שטאַרק אַוועק אויף רעכטס, מיט אַ נייגונג אפילו צו רעליגיע. אויב קיסליאַקאָוו האָט מיט אים תחילת געקאָנט רעדן, ווען ער בעצ: האָט זיך געפילט, אַז ער גייט אונטער און זיך אָנגעכאַפּט פאַר יעדער נעגאַטיווער חקירה. האָט ער עס איצט אפילו נישט געקאָנט ערנסט הערן. אָבער זאָגן וועגן דעם אַרקאַדין, איז געווען נישט באַקוועם. איין זאַך איז נאָר געווען קלאָר, ער איז שוין איצט נישט מיט אַרקאַדין. חוץ דעם האָט ער אויך צוליב אַנדערע טעמים נישט גערעדט אויף הויכע טעמעס: אַר־קאַדי קאָן זיך צופעליק דערוויסן וועגן זיינע באַציונגען מיט טאַמאַרן (אויב ער ווייסט עס נישט שוין... און אויפן כאַמען באַ־גייסטערטן אָרט זאָגנדיק צו אים, למשל, אַזאַ פראַזע:

— וואָס פאַר אַ געמיינער יונג דו ביסט אָבער: רעדסט וועגן הויכע אכן און אליין לעבסטו ווייטער אונטער מיט מיין ווייב... ז

דעריבער האָט ער זיך אינסטינקטיוו געהאַלטן ווייטער פון העכערע טעמעס, כדי ער זאָל, ווען ס'זאָל עפּעס געשען, נישט האָבן זיך פאַר וואָס אַזעלכעס צו שעמען.

געוויסנסביסן צו האָבן פאַר זיין פריינט האָט ער אויפגע־הערט פילן זייט דעם מאָמענט, ווי ס'איז, אונטערן איינפלוס פונם איבערברוך אין קיסליאַקאָווס אינערלעכן און אויסערלעכן לעבן, פאַרשוווּנדן געוואָרן די געמיינזאַמקייט פון זייער לאַגע.

ער האָט קעגן זיין ווילן אָנגעהויבן צו זע בײַ אַרקאַדין אַלע שטריכן פון אַן אינטעליגענט, וואָס איז פאַרמשפט אומצוקו־

מען און פאַרשווונדן צווערן. קיסליאַקאָוו האָט אַפילו בכּיוון אַנטוויקלט אין זיך אַזאַ פּאָרשטעלונג וועגן זיין פּריינט, ווייל, וואָס ווייניקער מען אכט אַ מענטשן און וואָס ווייניקער מ'האָט מיט אים געמיינזאַמס, אַלץ ווייניקער פילט מען זיך שולדיק קעגן אים.

קיסליאַקאָוו האָט זיך איצט באמת נישט צוקומען. ווען טאַמאַרע איז נישט געווען אינדערהיים, ווען ער פלעגט שוין יאָ קומען, פלעגט ער אָנהייבן אייפערדיק צו זוכן אויף זיין פריינטס פּנים סימנים פון זיין שטימונג: אויב ער איז געווען אין אַ גע־דריקטער שטימונג, פלעגט קיסליאַקאָוו לייכטער אָפּאָטעמען: הייסט עס, אַז ארקאַדי קווילט זיך צוליב דעם, וואָס טאַמאַרע איז געוואָרן צו אים אָפּגעקילט און דאָס הייסט אויך, אַז ער, קיסליאַקאָוו, קאָן זיין רויק מכּוח טאַמאַרן.

ווען קיסליאַקאָוו איז אַריינגעקומען אין וווינונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טאַמאַרע איז נישט געווען אינדערהיים אין אַר־קאַדי איז געווען איינער אַליין. ער איז געווען אָנגעטון אין אַן אַלטער היימישער קורטקע, אַ קורצע לויט זיין וווקס, מיט קורצע אַרבל, אָפּגעריבן אין די עלנבויגנס. ער איז געשטאַנען ביים פענצטער און פּאַנאַנדערמישנדיק עפּעס אַ פליסיקייט אין אַ גלעזערנע פּראָבירקע, האָט ער געקוקט אויף דעם קעגן שיין פּונם טאָגליכט.

— גוט מאָרגן — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

אַרקאַדי האָט שווייגנדיק אים דערלאַנגט די פרייע האַנט און אָנגעהויבן ווייטער פּאַנאַנדערצומישן די פליסיקייט און קוקן דערויף קעגן שיין. קיסליאַקאָוו האָט דערשפּירט פון אים אַ ריח פון וויין, נאָר זיך געמאַכט, אַז ער האָט עס נישט באַ־מערקט.

— זי איז דען נישט אינדערהיים? (איצט האָבן זיי עפּעס געערדט וועגן טאַמאַרן, נישט אַרויסרעדנדיק איר נאָמען, נאָר באַנוצנדיק זיך מיט „זי", „איר").

— ניין, זי איז נישט געקומען...

— דאָס מאַכסטו נאָך אַלץ דיינע עקספּערימענטן? — האָט

קיסליאַקאָוו געפרעגט, נעמענדיק פון פענצטער אַ בוך און באַ־קוקנדיק עס, כדי זיך נישט צו באַגעגנען מיט אַרקאַדין אויג אויף אויג.

— יאָ.

אַרקאַדי האָט אַוועקגעשטעלט די פּראָבירקע אויף דער פּאָליצע און זיך אַנידערגעזעצט אין פאָטעל, קוקנדיק אויף דער פּאָדלאָגע און גלעטנדיק מיט דער האַנט די קני.

זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן.

— זי איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען? — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט.

— איך בין געקומען — איז זי שוין נישט געווען. זי גייט אַוועק יעדן אָוונט...

אַרקאַדי האָט פּלוצלינג, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אַליין בײַגעקומען, אַ קוק געטון זײַן פרײַנט אין פּנים אַרײַן און זײַן פּנים איז געוואָרן פאַרשוואַרצט אומגליקלעך ‎— פאַרשולדיקט אַנלאָקנדיק און גלײַכצײַטיק האָט אין אים אַ בליץ געטון די אַנטשלאָסנקייט צו זאָגן עפּעס וויכטיקס, וואָס זאָל אים פאַרשאַפן ענמת־נפש.

בײַ קיסליאַקאָוון האָט שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ בײַם געדאַנק, אַז אַרקאַדי האָט זיך פון אַלץ דערוווסט.

— מיט מיר, ברודערקע, האַלט עס שלעכט...

זאָגנדיק דאָס, האָט אַרקאַדי, מאַכנדיק אַן אָנשטרענגונג אַ שמייכל צו טון, אַ קוק געטון אויף זײַן פרײַנט.

— וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? — האָט קיסליאַקאָוו פאַרחידושט געפרעגט, אַראָפּנעמענדיק די פּענסנע, פּונקט, ווי אַרקאַדיס דערקלערונג איז פאַר אים געווען אומגעריכט און נישט פאַרשטענדלעך, און האָט דרייסט אויפגעהויבן אויפן פרײַנט די אויגן, ווײַל לויטן וואָרט „ברודערקע” האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַרקאַדי איז ווײַט פון יעדן חשד אויף זײַן, (קיסליאַקאָווס) אַדרעס.

— שלעכט ברודערקע — האָט אַרקאַדי איבערגעחזרט — איך פיל, אַז מיטן איבערציִען זיך קיין מאָסקווע האָט זיך עפּעס צעבראָכן: דאָרט אין דער פּראָווינץ (איצט באַנעם איך ערשט,

ווי גליקלעך איך בין דאָרטן געווען) איז זי ג ע ו ו ע ן) אַ סך רויקער. איך בין געווען גליקלעך פון איר ליבע, פון דער פריינטלעכער באַציונג מצד ווילע מעגטשן — פונם פעטער מישוק און לעוואָטשקען. וואָס אַן אמת, פלעגן זיך מיט איר פריער אויך טרעפן אַטאַקעס פון שאַרפער בענקשאַפט נאָך אַ גרויס לעבן, וואָס גייט פאַר איר פאַרביי. נאָר דידאָזיקע אָנפאַלן פון בענקשאַפט פלעגן ביי איר גיך אַריבער. נאָכן קומען אַהער קיין מאָסקווע האָט דידאָזיקע בענקשאַפט ביי איר זיך פאַרשטאַרקט און פאַרשאַרפט פון דער אוממעגלעכקייט אַריינצוגיין אין לעבן און צו באַווייזן דאָרט איר פערזענלעכקייט. די רעזידענץ־שטאָט רייצט איר אויף, זי פאַרדרייט איר דעם קאָפּ מיט חלומות, וואָס קאָנען קיינמאָל נישט מקוים ווערן און גאָענטע פאַרפירעניש. אַרום איר דרייען זיך אַרום אירע חברטאָרינס, צוואָנציק־יאָריקע מיידלעך וועלכע האָבן נישט קיין שום מאָראַלישן און גייסטיקן אָנהאַלט, קיין שום שטיץ־פונקט. דו פאַרשטייסט, איך רעד מיר נישט איין און נאָר מיך אַליין נישט אָפּ — האָט אַרקאַדי געזאָגט, רויט ווערנדיק — איך מאַך מיר נישט קיין אילוזיעס און בין נישט שטאַרק זיכער, אַז טאַמאַרע וועט מיך שטענדיק ליב האָבן, ווי זי האָט מיך איצט ליב; איך געדענק גוט דעם ערשטן אָקטאָבער, ווען איך בין אַלט געוואָרן פ ע ר צ י ק י אָ ר, בעת זי איז אינגאַנצן דאַן אַלט געווען פינף און צוואָנציק יאָר.

איך ווייס, אַז עס קאָן אויך געשען אַזעלכעס, אַז זי וועט ווען עס איז באַגעגענען עפּעס איינעם און פון מיר אַוועקגיין. איך בעט נאָר דעם אייבערשטן, אַז דאָס זאָל געשען וואָס שפּעטער. זי וועט, לויט איר ערלעכקייט און קלאָר טראַכטן מיר וועגן דעם זאָגן און זיך אפילו באַמיען דאָס צו טון, ווי ווייט מעגלעך ווייכער. אָבער... דאָ וועט קיין שום ווייכקייט נישט העלפן — האָט ער געזאָגט, אַ שמייכל טוענדיק ביטער און פאַנאַנדערפירנדיק די הענט.

— דו ווייסט דאָך, אַז פאַר אַ רוסישן אינטעליגענט. ווען זיין אידייאיש לעבן הייבט אָן חרוב ווערן, ווען ער זעט שוין נישט

קיין גייסטיקן מקלט פאַר זיך, אויף דער ערד איז דאָס איינציגע, וואָס בלייבט אָ ם איבער — די פרוי מיט איר הייליקער ליבע, אין אונדזער צייט פונם אונטערגאַנג פון די בעסטע געבאָטן און אידעאַלן, מיט וועלכע ס׳האָט זיך אויסגעצייכנט די רוסישע אינטעליגענץ, איז דאָס זיין לעצט הייליקטום... יאָ, דאָס לעצטע.

ער איז פאַרשוויגן געוואָרן.

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז זי קאָן זיך פאַרליבן אין אַן אַנדערן... דאָס האָב איך געזאָגט, כדי דו זאָלסט נישט לאַכן פון מיר, איבער מיין איינבילדונג, נאָר וואָס זאָל איך טון, אַז איך האָב אַ געהיימען טיפן גלויבן אין דעם, אַז זי וועט מיך נישט פאַרראַטן, נישט אוועקנעמען ביי מיר דאָס לעצטע. איך גלייב שטאַרק אין דעם, אַז אויפהערנדיק צו שטרעבן צו פאַרווירקלעכן דאָס פערזענלעכע לעבן, וועט זי מיך פלוצלינג דערזען נעבן זיך, אַלס ציל פון לעבן. גרויס איז געווען דער העלדן-רום פון דער רוסישער פרוי, און דאָך קאָן געשען דווקא אַז מיין ווייבל זאָל דערזען דעם העכסטן ציל אינם טראָגן די דאָזיקע לאַסט: צו לעבן מיט אַן אַלטן מאַן, ביי וועלכן ס׳איז איבערגעבראָכן דער גייסטיקער חוט-השדרה, און אים פאַרגעלטן מיט איר וואַרעמקייט דאָס, וואָס ער האָט פאַרלוירן. יאָ זי וועט מיר פאַרגעלטן און איך וועל דאַן קאָנען זאָגן: איך האָב נאָך אַ גלויבן אין דער מאַיעסטעטישקייט פון דער נשמה פון דער רוסישער פרוי, וועלכע בלייבט זיך טריי ביי אַלע באַדינגונגען פון לעבן.

ביי אַרקאַדין זענען ראָזיק געוואָרן די באַקן און ס׳האָבן זיך אים אָנגעצונדן די אויגן.

— איך לעב מיטן געדאַנק וועגן דעם, אַז מיר ביידע וועלן צוזאַמען פאַרענדיקן אונדזער לעבן. חוץ אַ פרוי, האָב איך נאָך אַ פריינט, דו וועסט גאָרנישט גלייבן, וואָס פאַר אַ וווּנדערבאַרע מינוטן איך האָב איבערגעלעבט, ווען מיר זענען געזעסן אויף דער אָטאָמאַנע, איך און איר ביידע אויף ביידע זייטן. און זי האָט זיך שוין געהאַט באַרויקט, האָט שוין גע-

האט אויפגעהערט אוועקצוגיין פון דערהיים. ביי איר האט זיך ווידער באוויזן א צערטלעכקייט צו מיר. כ׳האב געזען, ווי ס׳האבן געברענט אירע אויגן, ווען זי האט זיך צוגעהערט, ווי דו האסט גערעדט.

און איצט איז ווידער... אלץ ערגער און ערגער... און דער עיקר — ערגער פון אלץ איז, וואס זי איז ארומגערינגלט מיט נישט קיין געזונטע אטמאספערע פון א דעגענערירטן קלאס און פון מענטשן, וואס האבן נישט קיין שום אידייע און קיין שום סאציאלע צוקונפט.

— מיט וואס כאראקטעריזירט זיך די ענטארטונג ? — האט ארקאדי ווייטער גערעדט, אויפהייבנדיק זיך און נעמענדיק ארומ־שפרייזן מיט גרויסע שריט.

אין קארידאר האט זיך דערהערט האסטיקע פרויען־טריט און שנעל אויפפראלנדיק די טיר, איז אריינגעקומען טאמארע.

XVIII

— א, איר זענט דאָ? — האָט זי געזאָגט, דערזעענדיק קיסליאַקאָוון, פּונקט ווי דאָס וואָלט פאַר איר געווען אומגעריכט.

— יאָ, מיין ווייב איז צוריקגעקומען צו פאָרן — האָט ער צוגעגעבן אַזוי אומגעלומפּערט און אָן אַ שום „סמיכת הפרשה".

קיסליאַקאָוו, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געטראַכט וועגן דעם, אַז מען דאַרף טאַמאַרן וואָרענען וועגן זיין ווייבס קומען צוריק, איז אַזוי פאַרנומען געווען מיטן דאָזיקן געדאַנק, אַז אומגעריכט פאַר זיך אַליין, האָט ער עס אַרויסגעזאָגט אין דער ערשטער רגע און ביי דער ערשטער, אפשר נישט גאָר גינסטיקער געלעגנהייט.

— אַזוי, — האָט טאַמאַרע געזאָגט — קיינער האָט נישט געקלונגען? — האָט זי זיך געווענדט צו אַרקאַדין מיט אַ האַסטיקן טאָן פון אַ מענטשן, וואָס איז שטאַרק באַשעפטיקט, וועלכער, קומענדיק אַהיים, אינטערעסירט זיך קודם-כל דערמיט, צי איז נישט פאַראַן עפּעס נייעס אין זיינע געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן.

— ניין. ווער האָט דען געדאַרפט קלינגען?

טאַמאַרע האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט און איז אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער, ווו זי איז געבליבן זייער לאַנג, בעת ביידע פריינט זענען געזעסן שווייגנדיק, פאַרלירנדיק דעם פאָדעם פונם געשפּרעך און פילנדיק, יעדער אויף אַן אַנדער שטייגער, טאַמאַרעס אָנוועזנהייט נעבן זיך.

— ס'האָט אַ קלונג געטון דער טעלעפאָן. טאַמאַרע איז שנעל געקומען אַרויסצולויפן פון שלאָפצימער אין איר קורץ קליידל און אוועקגענומען די טראָמבקע ביי אַרקאַדין, וועלכער איז געהאַט צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

אָנלענענדיק זיך מיטן רוקן צו דער וואַנט און שטייענדיק מיטן פּנים צו אַרקאַדין און קיסליאַקאָוון, האָט זי אָנגעהויבן רעדן, שאָקלענדיק מיטן שפּיץ פונם לאַטש, וואָס איז געשטאַנען פעסט אויפן אָבצאַס און אָן וואָסער מיין געקוקט אויפן מאַן און קיסליאַקאָוון, מיט יענעם „אָפּוועזנדיקן" בליק, מיט וועלכן מען קוקט געוויינטלעך, ווען מ'איז פאַרנומען מיט אַ געשפּרעך דורכן טעלעפאָן. דערדאָזיקער בליק באַליידיקט שטענדיק, — שווער צו זאָגן פאַרוואָס אייגנטלעך, — דעם, אויף וועלכן דער בליק פאַלט דעמאָלט גראָד, ווייל אים ווייזט זיך עפּעס אויס, אַז אין דערדאָזיקער מינוט הערט ער אויף צו זיין אַ אינטערעסאַנטער און נעליבטער מענטש פאַר דעם, וועלכער קוקט אויף אים אַזוי.

— נו, גוט, — האָט טאַמאַרע געזאָגט, איינגייענדיק אויף עפּעס — דו האָסט מיר אפילו יאָ פאַרזיכערט מיט אַ טאָג צען צוריק, אַז דאָס וועט זיין אויסגעצייכנט... גוט, מיר וועלן זען. כ'וועל קומען.

— וואָס איז דאָס? עפּעס אַ פּראָפּאָזיציע? — האָט אַרקאַדי איבערגעפרעגט.

— אַזוי, קיין שום באַזונדערס,—האָט טאַמאַרע געענטפערט, נישט אַ קוק טוענדיק אויף אים. זי האָט אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער מיט יענעם אומבאַשטימטן באַשעפטיקן אויסזען, מיט וועלכן מען שפּרייזט אַרום געוויינטלעך, כדי נישט צו קוקן דעם מיט־שפּרעכער אין די אויגן אַריין און אויסצומיידן אַ געשפּרעך מיט אים.

אַרקאַדיען האָט מען עפּעס אַרויסגערופן אין אינסטיטוט.

אויף טאַמאַרעס פּנים האָט אַ שימער געטון אַ אומרויקער אויסדרוק און זי האָט אָפּגעהאַקט אַ זאָג געטון.

— גיי נישט. כ'וויל נישט, דו זאָלסט אוועקגיין.

— מיין טײַערע, כ'קאָן דאָך נישט, װיבאַלד מען רופט זיך—האָט ארקאַדי געזאָגט.

ער איז אַװעקגעגאַנגען.

קיסליאַקאָװ האָט לאַנג שװײַגנדיק געקוקט אויף טאַמאַרן, װעלכע איז געשטאַנען בײַם פענצטער און זיך געגריבלט אין אַ שאַכטעלע צו דער ארבעט. ער האָט געמײנט, אַז זי װעט זיך װוּנדערן, װאָס ער שװײַגט און אַז זי װעט אים פרעגן, פאַר־װאָס ער שװײַגט. נאָר זי האָט נישט געפרעגט.

— װאָס ביסטו עפּעס הײַנט אַזאַ צעטראָגענע?

— כ'בין הײַנט אַזעלכע, װי שטענדיק.

— נײן, נישט װי שטענדיק.

קיסליאַקאָװ איז צוגעגאַנגען צו איר און איר אַ קוש געטון אין באַק. זי איז געשטאַנען פאַסיװ, נישט אָפּקערנדיק זיך פון אים און נישט מאַכנדיק קײן שום באַװעגונג צו אים.

— װאָס איז מיט דיר? װעגן װאָס האַנדלט זיך עס? — האָט ער געפרעגט.

— װאָס איז דען? פאַרװאָס מײנסטו, אַז ס'האַנדלט זיך װעגן עפּעס?

— װײַל דו האָסט זיך געענדערט.

און צו אים האָט זיך פלוצלינג אַרײַנגעגנבעט אַן אײפערזיכטיקער חשד.

— צי ליבסטו מיך שוין נישט? — האָט ער געפרעגט.

בײַ אים האָט אפילו אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ פון דערדאָזיקער פראַגע.

— פונװאַנען האָסטו עס גענומען? — האָט טאַמארע געזאָגט פויל און רויק, כמעט מיט א שאַטירונג פון א געװיסער אומגעדולדיקײט. — כ'בין פשוט מיד און חוצדעם, פיל איך זיך נישט עפּעס מיט אַלעמען.

— פאַרװאָס־זשע קערסטו זיך אָפּ פון מיר?

טאַמארע האָט אַ גלעט געטון קיסליאַקאָװן איבערן קאָפּ און אַ זיפץ טוענדיק געזאָגט:

— פאַרװאָס װילסטו נישט פאַרשטײן, אַז עס האַנדלט זיך

גאָרנישט אין דעם, וועגן וואָס דו טראַכטסט, נאָר מיר איז פשוט שווער אויפן האַרצן: מ׳האָט מיר יענע וואָך צוגעזאָגט דורכצופירן אַן אַנגאַזשאַמענט און איצט איז ווידער פון דעם גאָרנישט אַרויסגעקומען. און חוצדעם טוט מיר אַרקאַדי זייער לייד: ערליידט און קווילט זיך אַזוי שטאַרק. איך פיל זיך בנוגע אים זייער שולדיק. כ׳האָב צעשטערט אייער פריינטשאַפט.

— מיך אַליין קווילט עס אויך, נאָר אויט ליבע צו דיר האָב איך זיך אויף דעם באַשלאָסן — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, פילנדיק אַ אומגעדולד און צערייצטקייט פון איר גלייכגילטיקער פוילקייט און פון די העכערע חרטה-מאָטיוון, וואָס האָבן זיך ביי איר באַוויזן, וועלכע האָבן אים אַליין אָן דעם אויך געמאַטערט.

— איך האָב נישט געוווסט און זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז מיין קאַלט ווערן צו אים, וועט אויף אים אַזוי ווירקן. און איצט האָב איך מורא, אַז דאָס זאָל אים נישט אומברענגען.

קיסליאַקאָוו, זעענדיק, אַז ווערטער ווירקן נישט אויף איר, האָט איר געוואָלט אַרומנעמען, נאָר זי איז געשטאַנען נישט געשיקט ביים פענצטער און האָט בשום-אופן נישט געוואָלט אַוועקגיין פון דאָרט, פונקט ווי זי וואָלט געוואָרן צוגעקלעבט דאָרטן.

— לאָז געמאַך... מ׳דאַרף נישט... ער קאָן נאָך באַלד אָנקומען — האָט טאַמאַרע געזאָגט, ווען ער האָט זי געוואָלט אָפּפירן פון פענצטער.

— דו האָסט מיך דען שוין נישט ליב?

— פון וואַנען האָסטו עס גענומען? — האָט טאַמאַרע מיט פאַרדרוס געזאָגט, — כ׳האָב פשוט אַ סך דאגות: היינט האָט מען מיר צוגעזאָגט צו באַקאָנען אין טעאַטער מיט אַ קינאָ-רעזשיסער. אפשר וועט פון דעם כאָטש עפּעס אַרויסקומען. פאַרוואָס ווילסטו נישט פאַרשטיין, ווי איך קוויל מיך.

— הייסט עס — אַז דו האָסט מיך דאָך ליב? — האָט ער געפרעגט, באַמיענדיק זיך אַריינצוקוקן טאַמאַרן אין די אויגן.

— געוויס האָב איך דיך ליב — האָט טאַמאַרע געענטפערט.

דערהערנדיק דידאָזיקע ווערטער, האָט קיסליאַקאָוו זיך באַרויקט.

ער האָט באַשלאָסן אַראָפּצוגיין קויפן ווײַן: פאַר די פינף רובל, וואָס זענען בײַ אים געבליבן, קאָן מען קויפן דרײַ פלאַשן — דאָס וועט צעשטרייען די טרויעריקע שטימונג און דאַן וועט אַלץ אַוועק ווי עס געהער צו זײַן.

— פירט מיך אָפּ אין טעאַטער, — האָט טאַמאַרע געזאָגט — איך דאַרף זיך דאָרט באַגעגענען מיטן קינאָ-רעזשיסער.

— בײַ קיסליאַקאָוו איז געוואָרן וואַרעם אונטער די האָר: פאַר פינף רובל איז דאָס געוועזן שווער צו טון.

— גוט האָט ער געזאָגט — אין דערפילט, אַז אונטער די האָר איז אים שוין געוואָרן כמעט הייס.

— כ'וועל גיין זיך אָנטון.

טאַמאַרע איז אַרײַנגעגאַנגען אין שלאָפצימער. דערנאָך איז זי פון דאָרט אַרויסגעלאָפן מיט אַ שעכטעלע נאָדלען און פאָדעם. קיסליאַקאָוו איז געבליבן זיצן אַליין, דערנאָך, לויט די רעכט פון אַ נאָענטן מענטשן, איז ער צוגעגאַנגען צום שלאָפצימער אין האַלב אויפגעצפּנט די טיר. נאָר טאַמאַרע, וואָס איז געזעסן בײַם טואַלעט-טישל מיט זאָקן אין די הענט, האָט פלוצלינג באַהאַלטן אַ זאָק הינטערן רוקן אין כמעט היסטעריש אַ געשריי געטון:

— מ'טאָר נישט אַהער אַרײַנגיין!

אין איר שטים איז געווען אַ צערײַצטקייט, מיט וועלכע זי פלעגט טײַלמאָל שרײַען אויף אַרקאַדין.

קיסליאַקאָוו האָט פון אירע ווערטער דערשפּירט אַ שטאָך פון באַליידיקונג. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז זי צערעוועט מסתמה אירע זאָקן און וויל נישט, אַז ער זאָל זי זען בײַ דער-דאָזיקער באַשעפטיקונג.

— דערלאַנגט מיר אַ שערל אָדער אַ מעסער — האָט טאַ-מאַרע אַ געשריי געטון.

קיסליאַקאָוו האָט נישט געפונען, נישט קיין מעסער און נישט קיין שערל, און איר דערלאַנגט דורך די שפּאַרינע פון דער האַלב געעפנטער טיר זײַן קינזשאַל.

זי איז אַרויסגעגאַנגען פון שלאָפצימער, שוין אָנגעטון.
קיסליאַקאָוו האָט זיך בכיוון געשטעלט מיטן פּנים צום

פענצטער און זיך נישט אומגעקוקט אויף איר, כדי זי זאָל פילן, אַז זי האָט אים באַליידיקט. נאָר טאַמאַרע, נישט צוגייענדיק צו אים, האָט פשוט געזאָגט:

— נו, לאָמיר פאָרן.

ער האָט זיך נישט אָפּגערופן.

זי איז צו אים צוגעגאַנגען, און אים אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ.

— הייסט עס, אַז דו האָסט מיך, פונדעסטוועגן, ליב? — האָט ער געפרעגט נישט איינהאַלטנדיק זיך.

— נו געוויס, האָב איך דך ליב. כ'בין פשוט מיד און אויסגעמאַטערט פונם דאָזיקן גראָ-וואָכעדיקן לעבן, — האָט זי צוגעגעבן, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך פאַרענטפערן פאַר איר שאַרפקייט.

XIX

ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון דערהיים, האָט קיסליאַקאָוו אַרומגעכאַפּט אַ פּחד צוליב דעם, וואָס ער האָט געהאַט בײַ זיך אינגאַנצן פֿינף רובל און עטלעכע קאָפּיקעס קליינגעלט. דאָס קאָן קוים קלעקן אויף בילעטן אין די מיטעלע שטולרייען אין טעאַטער און מ׳וועט אפֿילו נישט קאָנען פֿאָרן אויף אַ דראָזשקע.

אין אַן אַנדער צײַט וואָלט ער וועגן דעם געקאָנט זאָגן, וויצלענדיק זיך. אָבער איצט, ווען טאַמאַרע איז אַזוי שלעכט געשטימט און צערייצט, וועט זי אפֿשר גאָרנישט פֿאַרשטיין זײַן שפּאַס און וויץ. ס׳וועט אויסקומען, אַז לויט איר „נישט יום-טובדיקע זאָקן, די פֿאַרצערעוועטע און אָפּגעטראָגענע איז איר קאַוואַלער אויך אַזעלכער...

די גאַנצע קראַפֿט פֿון קיסליאַקאָווס געדאַנק איז געווען געווענדט אָפּצוהיטן דאָס גלײַכגעוויכט פֿונם בילאַנס און ער זאָל זיך נישט צוריקקערן מיט חרפּה פֿון דער קאַסע אַהיים.

— ס׳אַרע לופֿט! — האָט ער געזאָגט, אײַנאָטעמענדיק מיט פֿולע לונגען די פֿרישע אָוונט-לופֿט. דאָס האָט ער געטאָן צוליב דעם, כּדי צו באַרעכטיקן דאָס, וואָס זיי גייען צופֿוס און האָבן נישט גענומען קיין דראָזשקע. — איצט איז גאָך פֿרי. און פֿאָרן מיט אונדזערע דראָזשקעס איז אַן עקל.

— אָט שטייט אַן אויטאָמאָביל, — האָט טאַמאַרע געזאָגט.

קיסליאַקאָוו האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט. בײַ אים האָט

זיך אזוי אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ. נאָר באַלד האָט ער פאַר־לייכטערט אָפּגעזיפצט.

— דאָס איז אַ מלוכהשער.

אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ צאָרן און צערייצטקייט קעגן זיין פרוי, וואָס צוליב איר איז ער אַריינגעפאַלן אין אַזאַ סיטואַציע.

באַלד ווי די מכשפה איז געקומען — האָט ער זיך גע־טראַכט, כמעט קריצנדיק מיט די ציין, — זענען אירע ערשטע ווערטער געווען באַלד וועגן געלט. ווען ער וואָלט געהאַט ביי זיך יענע צען רובל, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן דער פרוי, וואָלט ער זיך דען אַזוי געפילט, ווי ער פילט זיך איצט!... איז דען איצט דאָ עפּעס אַ פאַרגעניגן? נישט קיין פאַרגעניגן איז עס, נאָר צרות מיט האַרצווייטיק — יעדע מינוט צו וואַרטן, אַז אָט אָט גייט דיר אויס דאָס געלט און דו בלייבסט אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה. און זאָגן וועגן דעם טאַמאַרן, איז דאָך נישט באַקוועם.

און טאַמאַרע טראַכט זיך מסתמא: „ווען ער וואָלט געווען אָן אמתער מאַנספּערשוין, וואָלט ער צוגערופן דעם אויטאָמאָביל מיט די שפּיגל־פענצטער, אויפן וועג, פאָרנדיק, איז דאָך אַזוי פריילעך צו פּלוידערן.

און ער האָט זיך ווייטער געטראַכט: פאַר דער רעוואָלוציע פלעג איך זיך דאָך באָדן אין געלט. כ'האָב באַקומען זעכצן טויזנט רובל אַ יאָר פּענסיע. אַ קלייניקייט צו זאָגן, אָבער וואָס פאַר אַ געוואַלטיקע פּענסיע דאָס איז געווען אין יענע צייטן. ווען ער וואָלט נעווען אַליין, וואָלט ער אפילו איצט אויך גע־קאָנט אָפּשפּאָרן געלט און פאַרלעבן ווייניקער, ווי ער פאַרדינט: אויף עסן איז גענוג צוויי רובל אַ טאָג, דירה־געלט 25 רובל אַ חודש, דער וועשין — 10 רובל, קלייניקייטן — 25 רובל און 80 רובל וואָלטן אים אַזויערנאָך געבליבן יעדן חודש.

ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט זיינע געלט־אויסרעכ־נונגען און מיט די טריבע געדאַנקען, וואָס זענען אין זיין קאָפּ אַנטשטאַנען קעגן זיין ווילן, אַז ב'זן טעאַטער זענען זיי ביידע דערגאַנגען שווייגנדיק.

בילעטן האָט ער געקוקט צו צווייפופציק אַ שטיק און חוצ־ דעם, זענען ביי אים אין פּאָרטמאָנע געבליבן אַ ביסל קליינגעלט — אַרום אַ רובל, לויט ווי ער האָט געקאָנט מיינען, איבערציילנדיק דאָס קליינגעלט, אָנטאַפּנדיק יעדע מטבע. ער האָט אַהין אַריינ־ געלאָזט די האַנט, ווען זיי זענען פאַרן אָנהייב פונם ספּעקטאַקל אַרומגעגאַנגען איבערן פאָיע און דעריבער האָט ער צעשטרייט און נישט צו דער זאַך אָפּגעענטפערט טאַמאַרן אויף אירע פראַגן. פאַרטיפט אין דידאָזיקע וואָכעדיקע געדאַנקען, האָט ער אַרויס־ געטרעטן אויף די פּיעטעס פון די, וואָס זענען געגאַנגען פאַר אים און דערנאָך זיך פאַרלוירן אימגעקוקט און געזוכט מיט די אויגן טאַמאַרן.

ער האָט אויסגערעכנט טאַפּנדיק די מטבעות אין בייטעלע, אַז ער האָט נאָך אַ רובל מיט פערצן קאָפּיקעס, אויב נאָר די מטבעות, וואָס ער האָט אָנגעטאַפּט, זענען צוואַנציק־קאָפּיקאָוועס. וואָס וועט אָבער זיין, ווען אַ טייל פון זיי זענען קאָפּיקאָוועס?...

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פאָרשטעלונג, האָבן טאַמאַ־ רעס אויגן גיריק זיך צוגעשמידט צו דער סצענע און זי האָט זיי נישט געקאָנט פון דאָרט אָפּרייסן. זי איז געזעסן, צוקוקנ־ דיק זיך צו יעדער באַוועגונג פון די אַקטיאָרן און איינבייגנדיק זיך דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס, כדי בעסער צו זען איבערן קאָפּ פון איינעם, וואָס איז געזעסן אין דער פאָדערשטער, ריי אַ מענטש מיט דיקע פלייצעס און מיט אַ גרויסן פליך.

אויף דער סצענע האָט מען פאָרגעשטעלט אַ פּאַריזער בולוואַר מיט אַ שענקל אויף רעכטס מיט אָנגעשמינקטע מיידן און און אויסגעפוצטע פרויען פון דער „האַלבער־וועלט״, אין אויסער־ געוויינטלעכע קאָפּעלושן. זיי זענען אַרומגעגאַנגען אָדער געזעסן, פאַרוואָרפנדיק אַ פוס אויף אַ פוס, מיט פּאַפּיראָסן אין די אויס־ געכאַליעטע הענט, אויסגעצויגן די קליינע פינגער. מ׳האָט, אפנים, פאָרגעשטעלט דאָס פוילנדיקע אייראָפּע.

און ס׳איז געווען צו זען, ווי טאַמאַרע האָט אין אַ גרויסע מדרגה איבערגעלעבט וואָס זי האָט געזען אויף דער סצענע.

זי האָט זיך אפילו איינמאָל צוגעטוליעט צו קיסליאַקאָווס פּלייצע און געזאָגט:

— מיר ווילט זיך קיין פּאַריז... איר וועט מיך אַהין אַוועקפירן?...

— יאָ... — האָט קיסליאַקאָוו שטיל געענטפערט. — נאָר נאָר פּאַרוואָס עפּעס „איר" וועט מיך אַוועקפירן און נישט „דו" וועסט מיך אַוועקפירן?...

— וועסט מיך אַוועקפירן... — האָט טאַמאַרע איבערגעחזרט.

קיסליאַקאָוו האָט איר אַ דרוק געטון די האַנט, ווי ער וואָלט דערמיט געזאָגט, אַז נישט נאָר קיין פּאַריז, נאָר וווהין זי וועט נאָר וועלן.

— איך וויל פאָרן אין עקספּרעס, — האָט טאַמאַרע געזאָגט, — אין פּאַריז, האָב איך געהערט, זענען פאַראַן וווּנדער־באַרע האָטעלן, אויסגעשטאַט, ווי פּאַלאַצן און אַלע פרויען זע־נען אָנגעטון אין זייד און קרעפּ־דע־שין. מיר וועלן דאָרט אַ סך אַ סך אַרומפאָרן און אַרומגיין.

זי האָט זיך ווידער צערטלעך צוגעטוליעט צו קיסליאַקאָוון. יענער האָט איר געענטפערט אויך מיטן זעלבן. און אַליין האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אַז מ'וועט איר דאַרפן פאַרלייגן כאָטש טיי, נאָר פריער זיך איבערצייגן, צי אין בייטעלע ביי אים ליגן צוואַנציק־קאָפּיקאָווע מטבעות אָדער קאָפּיקאָווע. אויב קאָפּי־קאָווע, — איז שלעכט און ביטער. אויב ס'וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דאָס זענען צוואַנציק־קאָפּיקאָווע, טאָ ווען זאָל ער איר פאָר־לייגן: ביים ערשטן אַנטראַקט, אָדער ביים צווייטן, ווייל זי קאָן נאָך, איידער דער ספּעקטאַקל וועט זיך ענדיקן, ווידער וועלן טרונקען, — דאַן וואָלט ממש געשען אַ קאַטאַסטראָפע.

אויף וויפיל טאַמאַ־ע איז פאַר אים געווען „אַלצאיינס" ווען ס'פלעגט זי ציען צו אים, אויף אַזויפיל איז זי איצט, ווען זי איז געווען צו אים אַזוי קאַלט און גלייכגילטיק, געוואָרן פאַר אים אַזוי טייער און קרענקלעך נייטיק.

און כדי כאָטש ווי עס איז אַרויסצורופן ביי איר אַ ניי־גונג צו זיך איז אים אויסגעקומעי צו שטילן איר דורשט נאָך אַ

ברייט לעבן, רעדן וועגן פאריז און דערמיט איר אלץ מער און מער אריינגעבן א געדאנק וועגן זיינע אומבאשרענקטע געלט־מעגלעכקייטן.

ס'האט זיך באקומען א פאטאלע שער, וואס אין איר איין עק איז געווען טאמארעס פאלשע פארשטעלונג וועגן קיסליאקאווס גרויסע געלט־מיטלען, און אויפן אנדערן עק — די טרויעריקעווירקלעכקייט אין געשטאלט פון צוואנציק־קאפיקאוע מטבעות ביי אים אין טאש, וואס קאנען זיך גאר ארויסווייזן אלס קאפיקאוע.

בעתן אנטראקט זענען זיי ארומגעגאנגען געארעמט איבערן פאיע.

טאמארע איז ארומגעגאנגען צעשטרייט, ווי נישט האבנדיק קיין שום באציונג צו איר באגלייטער, ווי ער וואלט געווען פאר איר א ווילד־פרעמדער און געבלאנדזשעט מיט די אויגן איבער די פנימער פון די מענטשן, וועלכע זי האט באגעגנט אויפן וועג.

— טיי רעכן איך טרונקען בעתן צווייטן אנטראקט — האט קיסליאקאוו געזאגט.

— איך וויל איצט נישט קיין טיי, — האט קורץ טאמארע געענטפערט, אינגאנצן פארטיפט אין אבזערווירן דעם גרויסן עולם, וואס האט זיך באוועגט אויף רעכטס און לינקס.

— יא, ס'איז נאך פרי, בעסער בעתן צווייטן אנטראקט — איז קיסליאקאוו מיט איר מסכים כלומרשט.

מ'האט געדארפט לוסטיק פלוידערן, כדי די דורכגייענדיקע זאלן אפילו זיך אומקוקן אויף אים און שמייכלען צוליב זיין שארפזיניקייט. נאר אים האבן יעדער רגע געפייניקט פארשידענע מחשבות. בעת זיי זענען, צום ביישפיל, דורכגעגאנגען פארן בופעט, האט זיך אים געדאכט, אז טאמארע האט א קוק געטון אויף די שאכטלעך שאקאלאד, וועלכע זענען געשטאנען אפן. זי קוקט זיכער אויף זיי און טראכט זיך: טיי לייגט ער פאר, אבער א שאכטל שאקאלאד איז אים א שאד פארצולייגן, האבנדיק אזוי פיל געלט.

און דעריבער האט קיסליאקאוו יעדעס מאל, ווען זיי זענען דורכגעגאנגען פארביי דעם טיש פון בופעט געפונען אן אויסרייד

איר צו ווייזן עפּעס אַ בילד אויף דער וואַנט, אָדער אַן אינטע־רעסאַנט פּנים אינדערזייט קעגן דעם בופעט.

— גאָט מיינער! ווי מיר ווילט זיך ווי עס איז זיך איינ־אָרדענען — האָט טאַמאַרע מיט בענקשאַפט געזאָגט, אומקוקנדיק זיך אין אַלע זייטן. פּונקט ווי ער וואָלט עמעצן געזוכט - ס׳האָט זיך מיר אַזוי דערעסן דאָסדאָזיקע חושכדיקע לעבן.

קיסליאַקאָוו האָבן די ווערטער אירע פאַרדראָסן.

— כ׳האָב געמיינט, אַז דיר האָט כאָטש עפּעס געגעבן דאָס באַגעגענען זיך מיט מיר, — האָט ער באַליידיקט געזאָגט.

— אָך, יאָ, איך מיין דאָ גאָרנישט דאָס. איך זאָג, אַז מיך פּייניקט דאָס נישט זעלבסטשטענדיקע לעבן, ווען ס׳קומט מיר אויס נאָך יעדן רובל זיך צו ווענדן צום מאַן.

אָט דאָ האָט מען געדאַרפט זאָגן:

— ס׳אַרע נאַרישקייט, נעם ביי מיר געלט וויפיל דו באַ־דאַרפסט.

נאָר אים איז אויסגעקומען נאָר צו שווייגן.

ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין זאַל, האָט טאַמאַרע זיך אַלץ אומגעקוקט, זוכנדיק אין די רייען עמיצן.

— שוין־זשע זענען זיי נישט געקומען — האָט זי געזאָגט.

— ווער?

— מיינע חברטאָרינס, וועלכע האָבן צוגעזאָגט, מיך צו באַקענען מיטן רעזשיסער.

באַלד נאָר ווי ס׳האָט זיך געענדיקט דער צווייטער אַקט, האָט קיסליאַקאָוו איילנדיק זיך אָנגערופן:

— נו איצט וועלן מיר גיין טרינקען טיי.

פּונקט ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט פונעם שפּיל געטראַכט נאָר וועגן דעם. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון זאַל, נאָר באַלד ווי זיי זענען אַרויס אין פאָיע, ווי עפּעס אַ דין מיידלישע פיגור איז צוגעלאָפן צו טאַמאַרן און זי אַרומגענומען.

— נו, גוט וואָס דו ביסט דאָ. כ׳האָב דיך אין ערגעץ נישט גנקאָנט געפונען. כ׳האָב דיך געזוכט און אַרומגעזוכט,–האָט טאַמאַרע געזאָגט, פריידיק זיך מיט יענער, מיט נאָר אַן אַג־

דערן טאָן, א לעבעדיקן פריילעכן און נישט מיט דעם, מיט וועלכן זי האָט גערעדט מיט איר באַגלייטער. דערנאָך זענען צוגעגאַנגען נאָך צוויי מיידלעך אין לאַנגע זיידענע זאָקן, געשוירן לויט דער מאָדע, מיט צוגעשמירטע עקלעך האָר, וואָס האָבן זיך פארבויגן ביי די שלייפן. מיט זיי זענען געווען צוויי יונגעלייט פונם פאָקסטראָט־טיפ מיט דינע טאַליעס, אין מאָדנע מאַרינאַרקעס, מיט קנעפּ, וואָס זענען זיך ברייט פאַנאַנדערגעגאַנגען אויף דער ברוסט.

אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, פאַרציימענדיק דעם וועג פאר די דורכגייער, ביזוואַנען טאַמאַרע האָט ענדלעך באַמערקט:

— קומט טרינקען טיי.

קיסליאַקאָוו האָט דערשפּירט, ווי די האָר האָבן זיך אים אָנגעהויבן רירן אויפן קאָפּ ביי דערדאָזיקער פראזע. וואָס וועט זיין, ווען דידאָזיקע גאַנצע חברותא וועט זיך זעצן צום טיש און אים וועט אויסקומען זיי אַלע מכבד צו זיין מיט טיי? דאַן וואָלט געווען א חרפּה און א סקאַנדאַל, אפילו, ווען אין טאַש ביי אים וואָלטן אַלע מטבעות געווען צוואַנציק־קאָפּיקאָווע און נישט איין קאָפּיקאָווע.

— ניין, איך וועל זיך אביסל דורכשמועסן מיט טאַמאַרן, כ'וויל מיט איר רעדן וועגן זאַכן, וואָס דאַרפן פאַר אייך זיין א סוד — האָט געזאָגט דאָס דינע מיידל, וואָס איז פריער פון אַלע צוגעגאַנגען צו טאַמאַרן. און די צוויי פריילינס מיט די פאָקסטראָט־יונגעלייט זענען אַוועק אָן א זייט.

קיסליאַקאָוו האָט פריי אָפּגעאָטעמט און צוגייענדיק צום מיידל, וואָס האָט דערלאַנגט טיי, האָט ער מיט די הענט, וואָס האָבן נאָך געציטערט פונם איבערגעלעבטן שרעק, באַשטעלט א צוויי גלעזער טיי.

— און איר? — האָט טאַמאַרע אים פאַרחידושט געפרעגט.

— ס'ווילט זיך מיר עפּעס נישט.

און האָט א רוק געטון צו זיי דעם קלאַש מיט טשאַסטעס.

דאָס דינע מיידל האָט אַ לייכטן ביס געטון אַ טשאַסטע און מאַכנדיק אומבאַמערקט אַ גרימאַסע, האָט זי די טשאַסטע אַרויפגעלייגט אויף אַ טעלערל. קיסליאַקאָוו האָט אַ טראַכט געטון, אַז מ׳וואָלט געדאַרפט איר פאָרלייגן אַן אַנדער טשאַסטע, נאָר אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויל ביים געדאַנק, אַז דאָס פריילין מיט אַזאַ פיינעם געשמאַק וועט אָנבייסן יעדע טשאַסטע און דאַן — איז אַ קלאָג צו זיינע יאָרן!

נאָר דאָס מיידל האָט זיך אָנגערופן:

— דאָ איז בכלל נישט כדאי צו עסן טשיאַסטעס, זיי זע־נען דאָ שטענדיק האַלבגעבאַקענע.

ביי דערדאָזיקער פראַזע האָט קיסליאַקאָוו דערשפּירט צו איר אַ דאַנקבאַרע אָנערקענונג פאַר איר פיינעם געשמאַק. ער איז געוואָרן מונטערער און לעבעדיקער.

— דאָס איז דיין מאַן? — האָט דאָס דינע מיידל שטיל געפרעגט ביי טאַמאַרן, מיט אַ פאַראינטערעסירטער אויפלעבונג.

— ענלעך צו דעם... — האָט טאַמאַרע געענטפערט אויך מיט אַזאַ אויפלעבונג און קיסליאַקאָוו האָט דערשפּירט, אַז טאַ־מאַרע ווייזט אים, פונקט אַזוי, ווי אַ פרוי ווייזט איר נייע קלייד אַ חברטע ביים באַגעגענען זיך מיט איר.

— אָט איז ער, ער איז געקומען! — האָט פּלוצלינג דאָס מיידל געזאָגט.

זי איז אויפגעשפּרונגען און צוגעגאַנגען צו אַ הויכן קרעפטיקן מאַנספּערשוין מיט ווייסע הויזן און העל־בלאָנדע גוט פאַרקעמטע האָר.

ער איז געשטאַנען אין עק פון פאָיע, ווי אַ טעאַטער־מענטש, וואָס איז געקומען צום סוף פון ספּעקטאַקל און מיט אַן איבעראַשנדיקער נישט צערעמאָנישקייט, האָט ער אָבסערווירט די פּנימער פון די פרויען, וועלכע האָבן זיך באַוועגט איבערן קרייז פונם פאָיע. צייטנווייז האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזן אַ קוים באַמערקבאַרער שמייכל, מיט וועלכן ער האָט געקוקט אין פּנים אַריין די דורכגייענדיקע פרויען. אים איז, ווי ס׳זעט אויס,

גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז זיין אויפמערקזאַמקייט קאָן עמעצן זיין נישט אָנגענעם.

דאָס איז געווען מילער — אַ קינאָ-רעזשיסער, וועלכער האָט גערעדט רוסיש מיט אַ שטאַרקן אַקצענט.

טאַמאַרעס חברטע איז צו אים צוגעלאָפן, און עפּעס אַ שעפּטשע טוענדיק אים אין אויער האָט זי אים אַ ציִ געטון פאַר דער האַנט אין דער ריכטונג צום טיש, ביי וועלכן ס'זענען געזעסן טאַמאַרע און קיסליאַקאָוו.

ער איז, ווי נישט גערן, צוגעגאַנגען מיט פולע טריט און גלייכצייטיק זיך איינגעקוקט אין טאַמאַרן. זי איז אים, ווי ס'זעט אויס געפעלן געוואָרן, ווייל זיין פּנים האָט מיטאַמאָל אויפגעלעבט. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן העפלעך, מעשה סאַלאָן-מענטש און דרך-ארצדיק, ווען ער האָט אַ קוש געטון טאַמאַרן די האַנט און מיט איר גענומען רעדן. (קיסליאַקאָוון האָט ער ווי נישט באַמערקט).

אין טאַמאַרע, ווי פאַרגעסנדיק אין איר באַגלייטער, האָט אויפגעצייטערט פאַרן דאָזיקן וויכטיקן, און זיך אַזוי זיכערן מאַנספּערשוין, דערצו נאָך אַן אויסלענדער.

— כ'וועל בעטן ביי אייך אַ דערלויבניש צו מאַכן פון אייך אַן אויפנאַמע — האָט מילער געזאָגט — איר האָט אַ אינטערעסאַנט פּנים פאַר מיר און אַן אינטערעסאַנט אויסזען. יאָ, איך מיין, אַז אייער פּנים און אויסזען זענען פאַר יעדן אינטערעסאַנט — האָט ער צוגעגעבן, פאַרזיכטיק אַ שמייכל טוענדיק.

טאַמאַרע איז רויט געוואָרן, ווי אַ מיידעלע, בעת אַזאַ וויכטיקער מאַנספּערשוין האָט איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט.

קיסליאַקאָוו האָט דערשפּירט אַ שטאָך און אַ באַליידיקונג פון דעם, וואָס מען באַקוקט אין זיין קעגנוואַרט זיין דאַמע, ווי מען באַקוקט אַ פערד, נישט אינטערעסירנדיק זיך דערביי, צי דאָס איז אים אָנגענעם און נישט באַמערקנדיק אים אפילו. און זי איז צופרידן... מ'וואָלט געדאַרפט באַלד צוגיין צו איר און זי אָוועקפירן פונם דאָזיקן עזות-פּנים, זאָגנדיק אים:

— מיין פרוי נייטיקט זיך נישט אין קיין פאַרדינסטן.

דערנאָך זי אַריינזעצן אין אַן אויטאָמאָביל מיט שפּיגל־גלאָז און אַוועקפירן אַ היים. נאָר די צרה איז געווען, וואָס נישט נאָר אויף קיין אויטאָמאָביל האָט ער נישט געהאַט קיין געלט, נאָר אפילו אויף אַ דראָזשקע אויך נישט. אַ דאַנק דעם האָט ער טאַמאַרן נישט אַוועקגעפירט אין דעם אויסלענדער גאָרנישט געזאָגט ער איז געשטאַנען אָן אַ זייט, געקוקט אויף אַ בילד אויף דער וואַנט און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער לאַנגווייליגט זיך נישט. ער האָט אפילו צונויפגעלייגט די פּויסט אין אַ טראָמבקע און געפּרוווט אויף אַזאַ אופן באַקוקן פֿאַרמרשט דאָס בילד.

— קומט... — האָט טאַמאַרע געזאָגט, אַ צי טוענדיק אים פאַרן אַרבל, ווייל ער האָט נישט באַמערקט, ווי אַלע זענען אַוועק אין זאַל.

נאָכן ענדיקן דעם שפּעקטאַקל, האָט מילער אונטן אויף די טרעפּ ביים שפּיגל זיי דעריאָגט. ער האָט געטראָגן אויף זיך אַ ברייטע אויסלענדישע פּעלערין, אַ קאַפּעלוש און גראָע זאַמשענע האַנטשן. ער האָט זיכער און חוצפּהדיק, ווי קיסליאַקאָוון האָט זיך אויסגעוויזן, גענומען טאַמאַרן אונטער דער האַנט און איז אוועק מיט איר געאָרעמט. זיי זענען זאַלבעדריט געגאַנגען איבערן טראָטואַר. דערנאָך איז דער טראָטואַר געוואָרן שמאָל און קיסליאַקאָוון איז אויסגעקומען צו גיין הינטער זיי.

טאַמאַרע האָט זיך אפילו אויף אים נישט אומגעקוקט, ווייל זי איז אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט מילערן. קיסליאַקאָוו האָט זיך אויסגעוויזן עקלהאַפט איר שאַרפע און אויפגעקאָכטע שטים: פּונקט ווי אַ שילערין רעדט מיטן לערער, פאַר וועלכן זי ציטערט און פלייסט זיך מיט אַלע קרעפטן. ס'וואָלט אַ יושר געווען, איצט צוצוגיין צו דעמדאָזיקן סוביעקט, אַ קלאַפּ טון אים איבערן קאַפּעלוש און זאָגן:

— נו, גענוג, — איר האָט זיך דורכגעשמועסט און אַ סוף איצט גיי אַ היים שלאָפן.

ער האָט געפּרוווט זיך אָפּשטעלן, כדי צו צווינגען טאַמאַרן זיך אומצוקוקן אויף אים. זי האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט. דאַן איז ער אַריבער אויף דער אַנדערער זייט. אָפּ-

שטעלנדיק זיך, האָט ער געזען, ווי מילער האָט גענומען אַן אויטאָמאָביל מיט שפּיגל־גלאָזיקע פענצטער און אָפּגעפירט טאַמאַרן אין איר וווינונג.

אין טאַש ביי קיסליאַקאָוון זענען פאַרבליבן נאָר ניין קאָפּיקעס. איין קאָפּיקע האָט געפעלט אויף אַ טראַמוואַי־בילעט. ס'איז איבּ אויסגעקומען צו גיין אַ היים צופוס.

XX

ער איז געגאַנגען אַ היים און האָט געטראַכט, אַז באַלד וועט זיך אָנהויבן די געוויינטלעכע דראַמע. דאָס טעמע פון דערדאָזיקער דראַמע וועט זיין. וואָס אין ערשטן אָוונט, ווען זיין פרוי האָט זיך צוריקגעקערט פון דער רייזע, האָט ער זיך מיט איר צעקריגט, איז אַוועקגעגאַנגען און פאַרפאַלן געוואָרן ביז נאָך האַלבע נאַכט. הייסט עס, אַז צווישן זיי איז נישט פאַראַן קיין שום ליבע, נישטאָ קיין שום גייסטיקע פאַרבינדונג.

„און אויב אַזוי, האָט דאָך אונדזער צוזאַמענלעבן קיין שום זין נישט".

דאָס פלעגט זיין דער געוויינטלעכער שלוס־אַקאָרד פון יעלענע וויקטאָראָוונע.

און יעדעס מאָל איז אים אויסגעקומען, מאַכנדיק איבער זיך די גרעסטע אָנשטרענגונג און בייקומענדיק זיך אַליין, כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין סקאַנדאַלן אויף אַ גאַנצע נאַכט, צו זאָגן, אַז ער קאָן אָן איר נישט לעבן, אַז זי איז פאַר אים אַ מאָראַלישע שטיצע, און וואָס אָנבאַלאַנגט די מחלוקותן, וואָס קו־מען פאָר צווישן זיי, זענען אין דעם שולדיק דער דערשיטער־טער נערוון־סיסטעם און די סקלעראָזע.

און טאַקע באמת, אויב מ'זאָל גוט אריינקלערן אין דעם, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר זייער צוזאַמענלעבן? וואָס איז דאָס אַ פאַמיליע? קיין שום פאַמיליע נישט, אויב מ'זאָל נישט רע־כענען די הינט.

וואָס־זשע פאַרייניקט זיי? דאָס פאַרזעצן פונם מין? נאָר פאַר די גאַנצע צייט פון זייער צוזאַמענלעבן האָבן זיי זיך פאַר קיין זאַך אַזוי נישט געשראָקן, ווי פאַר דעם געפאַר צו האָבן אַ קינד.

מיט אים וווינט פשוט (און ס'איז נישטאָ פון איר וווהין זיך אַהינצוטון) אַ פעטלייביקע פרוי, וואָס איז פאַר אים אַזוי נישט אינטערעסאַנט. און ער לעבט מיט איר צוליב דעם, ווייל ס'איז עפעס נישט באַקוועם איר צו זאָגן אין די אויגן דאָס, וואָס ער טראַכט וועגן איר, ווען ער איז אין כעס און צערייצט אַזוי, ווי ער וווינט איצט מיט איר, וואָלט ער אַנטשיידן געקאָנט וווינען מיט יעדער איינער, וועלכע ער וואָלט נאָר באַגעגנט. און יענע, וועלכע ער וואָלט באַגעגנט, וואָלט שוין געוויס נישט געווען אַזאַ דיקע און נידעריקע און זי, די בהמה, מיינט, אַז זי איז פאַר אים דער גאַנצער זין פונם לעבן! (הגם אים אַליין קומט אויס אַזוי צו זאָגן).

וואָס אַן אמת, איז געווען אַזאַ צייט אין זיין לעבן, ווען זי איז געווען זיין פריינט, דער סאַמער נאָענטסטער מענטש אויף דער וועלט. נאָר דאָס איז שוין געווען זייער לאַנג, אַז ס'האָט זיך שוין וועגן דעם כמעט פאַרגעסן.

קיסליאַקאָוו איז צוגעגאַנגען צום הויז מיט אַ טריבער אַנטשלאָסנקייט צו ענטפערן אין פאָזיטיוון זין אויף יעלענע וויקטאָראָווגעס פראַזע, אַז זייער צוזאַמענלעבן האָט נישט קיין שום זין. דאָס הייסט: אַז ער איז אויך געקומען צו דער זעלבער איבערצייגונג. אים האָט אפילו הנאה געטון וואָס אים האָט אויסגעפעלט געלט אויף אַ טראַמוואַי און אַז ער וועט, אַ דאַנק דעם, קומען אַהיים מיט אַ האַלבע שעה שפעטער: וואָס שטאַרקער עס ווערט פון איר זייט זיין די אַטאַקע, אַלץ גיכער וועט פאָרקומען דאָס פאַנאַנדערבונדן דעם פלאָנטער און דער סוף.

נאָר טראָץ זייגע דערוואַרטונגען, האָט יעלענע וויקטאָראָוונע אים באַגעגנט מילד און ווייך, זי האָט מיט קיין איין וואָרט ישט געמאַכט קיין רמז, הלמאי ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן

און זיך אזוי שפעט צוריקקערט אהיים און האָט נאָך אפילו געזאָגט:

– עסן ווילסטו? כ'האָב צוגעוואַרעמט.

קיסליאַקאָוו האָט זיך פאַרלוירן, ער האָט זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר זיינע געדאַנקען, מיט וועלכע ער איז נאָר וואָס געגאַנגען אַהער. און אים האָט זיך נישט געוואָלט צוועקלאָזן די בייזע שטימונג קעגן זיין פרוי, וועלכע ער האט אין זיך מיט אַזויפיל מי אָנגעזאַמלט און חוצדעם, איז אים ווידער איינגעפאַלן א געדאנק, אז יעלענע וויקטאָראָוונע האָט מורא צו בלייבן אָן געלט-מיטלען, דעריבער איז זי געוואָרן אזוי גוט און ווייל צו אים.

און וואָס מער יעלענע וויקטאָראָוונע האט אים אַרויסגעוויזן איר אויפמערקזאַמקייט און צערטלעכקייט, אַלץ מער האָט זיך אים געדאַכט, אז זי איז צו אים גוט און נאָר צוליב זיין געלט.

קיסליאַקאָוו, אראָפּלאָזנדיק די אויגן אין טעלער, האט געגעסן באַמיענדיק זיך נישט צו באַגעגענען דעם בליק מיט דער פרוי, און האט געענטפערט אויף אירע פראגן נאָר איינזילביק:

– יאָ... ניין!..

יעלענע וויקטאָראָוונע איז, א זיפץ טוענדיק ענדלעך פאַרשוויגן געוואָרן.

דער בולדאָג וואָס איז געשלאָפן אויפן שטול, איז צו אים צוגעגאַנגען מיט זיין עקלהאפטער טעמפּער מאָרדע און דער אראָפּגעהאָנגענער ליפּ און זיך צוגעקוקט, ווי ער עסט די קאָטלעטן. ביי יעדער באַוועגונג פונם באַלעבאָס, האָט ער געדרייט מיט זיין אָפּגעהאַקטן שטיק וויידל.

קיסליאַקאָוו האָט ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, געמאַכט אַן אָנשטעל ווי ער באַמערקט נישט דעם בולדאָגס בליק. און ער האָט נאָר מיט שנאה א טראַכט געטון, אז דאָסדאָזיקע פּאַסקודסטווע אָנערקענט אים נישט פאַר קיין בעלעבאָס, אָבער ווען ער זעצט זיך נאָר צום טיש, הייבט ער זיך פונדעסטוועגן אָן אים אונטערצולעקן.

אויפן צווייטן טאָג איז יעלענע וויקטאָראָוונע געווען פונקט

אַזוי שטיל, מילד און, דערוועגדיק אויפן מאַנס אָרבל אַ פלעק פון קרייד, האָט זי אפילו גענומען א באַרשט און אליין אים זאָרגזאַם אָפגעפוצט.

קיסליאַקאָוו, באַמיצנדיק זיך דורכויס צו דערשטיקן אין זיך דאָס גוטע געפיל צום ווייב, איז ווייטער געבליבן ביי זיין נישט צוטרעטנדיקן אויסזען. שווייגנדיק איז ער געקומען אַ היים, שווייגנדיק אָפגעגעסן דאָס מיטאָג, וואָס זי האָט אים איבערגע־לאָזט, שווייגנדיק זיך נאָכמיטאָק געזעצט לייענען און אפילו גע־נומען דאָס קישן און זיך צוגעלייגט אויף דער אָטאָמאַנע,—א זאַך, וואָס ער וואָלט פריער זיך נישט דעצידירט צו טון. און אויך שווייגנדיק ווייטער אוועקגעגאַנגען פון דערהיים, זעענדיק גלייכ־צייטיק, אז די פרוי באַגלייט אים מיט אַן אומרויקן בליק.

די מומע איז שוין איצט ארומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, זי האט שוין אויפגעהערט צו רעדן שעפּטשענדיק מיט די הינט און נאָר שווייגנדיק אויף זיי געקוקט בייז און דראָענדיק.

XXI

אויפן דריטן טאָג האָט ער פּאַרשפּעטיקט צו מיטאָג. יעלענע וויקטאָראָווגע, דערלאַנגענדיק אים אַ טעלער זופּ און זעצנדיק זיך אַנטקעגן אים, האָט געזאָגט:

— מאַך מיר קלאָר, כ'בעט דיך, וואָס איז געשען?... נאָך אינם ערשטן טאָג פון מיין קומען צו פאָרן ביסטו אַוועקגעגאַנגען און פאַרפאַלן געוואָרן ביז האַלבע נאַכט. כ'האָב געמאַכט דערויף אַ שווייג, דיך נישט אויסגעפרעגט איך בין געווען (און בין איצט אויך) גוט, מילד, אויפמערקזאַם, כ'האָב מורא צו שטערן דיין רויקייט. מיט איין וואָרט, אין משך פון עטלעכע טעג גיי איך אַרום ווי אַ פאַרברעכערין.

די מומע, ווי שטענדיק ביי זייערע מחלוקתן, איז באַלד אויף די שפּיץ פינגער אַוועק פון יענער זייט וועגטל און דאָרט געזעסן שטיל. נאָר, נישט איינהאַלטנדיק זיך, האָט זי אַ ניס געטון.

— מיר אַלע לעבן ווי עפּעס אונטער אַ טעראָר, מיר האָבן מורא אָטעם צו לאָזן, כדי דיר נישט צו שטערן. (קיסליאַקאָוון, טראַך דעם, וואָס ער איז געווען צערייצט, האָט הנאה געטון, וואָס זיי האָבן מורא צו אָטעמען) און אַלס ענטפער אויף זעם — האָט יעלענע וויקטאָראָווגע ווייטער גערעדט — באַקום איך נאָר אַ קאַלט פאַרשלאָסן שווייגן.

איר האַלדז און ברוסט האָבן שוין, אינם איינשניט פון

איר קלייד, זיך באַדעקט מיט רויטע פלעקן, די אויערן זענען אויך געוואָרן רויט.

— לאָמיר זיך, ענדלעך, אויסטענהן, דורכשמועסן זיך און זען, מיט וואָס איך האָב זיך פאַרשולדיקט, אין וואָס באַשטייט מיין פאַרברעכן... — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע פאַרענדיקט, בעת קיסליאַקאָוו, קוקנדיק האַרטנעקיק אין טעלער אריין, האָט אַלץ געשוויגן, עסנדיק די זופּ.

נאָר ער האָט זיך געפונען געטראָפן פון אירע ווערטער „געמאַכט דערויף אַ שווייג" און „פאַרפאַלן געוואָרן". וואָס זאָגט איר אויף איר? זי האָט געמאַכט דערויף אַ שווייג, ווען ער איז אוועקגעגאַנגען ביז איינס באַנאַכט, פונקט ווי ער וואָלט געווען איר לייב-קנעכט; שוין בלויז זיין אוועקגיין פון דערהיים, נישט בעטנדיק אויף דעם קיין דערלויבניש איז פאַר איר אַזאַ פאַרברעכן, אַז איר קומט אויס זיך איינצוהאַלטן, מאַכן אָנשטרענגונגען צו שווייגן און זיך נישט בייזערן.

— מיר האָט שוין דערעסן דיין שטענדיקע אפטרופּסות איבער מיר, — האָט ער בייז געזאָגט — אַלע מענטשן גייען אוועק נישט נאָר ביז איינס באַנאַכט, נאָר ביז דריי אפילו און ווארשיינלעך פאַלט קיינעם נישט איין צו מיינען, אַז זיי „ווערן פאַרפאַלן".

— יאָ, נאָר געוויס גייען זיי נישט אַוועק ביז איינס אַ זייגער ביינאַכט — אינם ערשטן טאָג, וואָס די פרוי איז געקומען צו פאָרן...

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט זיך ווי שטענדיק אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער לאָגישקייט, און קיסליאַקאָוו, וועלכער האָט געהאַט אָנגעגרייט אַ גאַנצן פאָנטאַן הארבע און יושרדיקע ווערטער אויף דער טעמע וועגן פאַרשקלאַפן איין מענטש דורכן אַנדערן, האָט זיך „פאַרהאַקט" אויף אירע ערשטע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט אים אָפּגעענטפערט אויף זיינע פאַרווורפן, און נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן.

אים האָט אַ זעץ געטון אין קאָפּ און אין האַרצן, ווי אַ שוואַרצע כוואַליע, אַ כעס קעגן זיין ווייב און, פילנדיק זיין

שוואַכקייט און לאָגיק אין גלייכצייטיק אַ פאַרלאַנג איר אַ שטאָך צו טון, אַז ס'זאָל איר וואָס מער ווי טון, — האָט ער געזאָגט:

— איך גיי אַוועק אינם ערשטן טאָג פונם ווייבס קימפּעט צוליב דעם, וואָס איך געפין זיך ביי אוממעגלעכע אַרבעטס-באַדינגונגען, ווייל צוזאַמען מיט מיר געפינען זיך אין צימער פאַרשידענע מומעס און הינט!

ער האָט די ווערטער ווי אַרויסגעשאָסן, זיך אַ ריס אויף געטון ראַפּטום פון אָרט און אָנגעהויבן אויפגערעגט אַרומצושפּרייזן איבערן צימער. די הענט האָבן ביי אים געציטערט, ער איז יעדע רגע אַריבער מיט זיין דלאָניע איבער זיינע קורצע האָר, פאַררייסנדיק זיי אַראָפּ צו.

יעלענע וויקטאָראָוונע, אַ קוק טוענדיק אויף אים, האָט רויק און פעסט געזאָגט:

— וואָס שייך דעם, זאָגסטו אַ ליגן. אַנדערטהאַלבן וואָכן ביסטו געווען אָן מיר און דו האָסט געהאַט די מעגלעכקייט, אַזוי זיך אויסצורוען און אַרבעטן, אַז דורכלאָזן איין אָוונט אינם טאָג פון מיין צוריקקומען פון דער רייזע האָט דיר גאָרנישט געדאַרפט אויסמאַכן. חוצדעם, ביסטו נישט דער איינציקער, וועמען עס קומט אויס צו אַרבעטן ביי אַזעלכע באַדינגונגען. אַלע אַרבעטן ביי אַזעלכע באַדינגונגען. און מיך באַשטראָפן אַזוי האַרב דערפאַר, איז פשוט נישט ערלעך און נישט אָנשטענדיק. און נישט דו דאַרפסט עס מיר זאָגן, ווייל איך פלעג זיך שטענדיק מער פון אַלץ זאָרגן וועגן דיין אַרבעט, צוליב דעם בין איך אַליין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קעכין און אַ געפעס-וואַשערין. איך וואַש אַליין און צערעווע דיינע שקאַרפּעטן. נאָר דו אַרבעטסט דאָך אָבער שוין אַזוי לאַנג סיי-ווי-סיי נישט...

קיסליאַקאָוו האָט אין די געדאַנקען איר אָפּגעענטפערט אויף יעדער פראַזע אירע. וועגן די שקאַרפּעטן וואָלט ער געקאָנט זאָגן, אַז ווען זי וואָלט זיי נישט געוואַשן און געצערעוועט, וואָלט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו קויפן נייע שקאַרפּעטן און דאַן וואָלט נישט געווען קיין נויטווענדיקייט צו גיין אין געצערעוועטע.

— מיט איין וואָרט, איך ווייס נאָר איינס, אז אינם צו־ זאמענלעבן האָב איך פארלוירן יעדע מעגלעכקייט צו ארגעסן איבער זיך — האָט ער געזאָגט, ווייסנדיק, אז קיין זאך קאָן איר נישט פארשאפן אזא ווייטאָק און אזא באליידיקונג, ווי די־ דאָזיקע פראזע.

ביי יעלענע וויקטאָראָווגען איז פון דער אומגעריכטער באַ־ ליידיקונג אַזש ארויסגעשפרונגען א האָר־ווײדעלע פונם צאָפ, וואָס איז געווען צונויפגעפלאָכטן ווי א נוס און ארויסגעטארטשעט אַרויף, שאָקלענדיק זיך ביי איר יעדער באוועגונג. זי האָט עס נישט באַמערקט.

— א אזוי גאָר?... — האָט זי שטיל געזאָגט — הייסט עס, פראָסט רעדנדיק, אז איך דארף מיך אָפּטראָגן? וואָס?...

קיסליאַקאָוו, נישט ענטפערנדיק, האָט נאָך אלץ צערייצט ארומגעשפרייזט איבערן צימער און דערנאָך זיך גאָר אנידערגע־ זעצט צום שרייבטיש מיטן רוקן צו דער פרוי.

ער איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט אליין אוועקגעש־ טעלט דעם פונקט איבערן יאָט; דאָס הייסט, וואָס זי האָט אליין באַרירט די אָנגעווייטאָקטע פראגע, ווייל אים, דעם אינטעלי־ גענטן מענטשן, איז נישט געווען באקוועם צו זאָגן זיין ווייב, זי זאָל אוועק פון אים. איצט אָבער איז פאר אים גענוג, ער זאָל פארשווייגן איר פראגע, שטאַרקער איינבייסן די ליפן און איר גאָרנישט אָפּענטפערן און איינמאָל אין לעבן האָבן אין זיך די קראפט אויסצוהאַלטן די שענדלעכע פּאָזיציע, דידאָזיקע נישט ווירדיקע פּאָזיציע פאר אַן אינטעליגענטישן באַוווסטזיין — ביזן סוף.

פארבייסנדיק ווירקלעך די ציין, האָט ער געשוויגן און נאָר אויפגערעגט נערוועזיש געדרייט מיט די פינגער די האָר איבערן שטערן.

ער האָט געוואָרט, אז דאָס ווייב, נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, זאָל זיך אָנרופן.

— ווי באַלד אַזוי, נעם איך מיט מיט זיך די מומע און די הינט און פארלאָז דיך. איך בין נישט ענלעך צו אַנדערע

פרויעקן און א וואָרט איז ביי מיר א וואָרט: קיין שום פּאָר־ווורפן, קיין שום מאַטעריעלע גון מאָראַלישע תּבֿועות שטעל איך מער נישט: ווי באַלד עס האָט זיך איבערגעריסן דער גייסטי־קער בונד מיטן מענטשן, דאַרף איך שוין פון אים מער גאָר נישט.

נאָך קעגן זיינע דערוואַרטונגען, האָט יעלענע וויקטאָראָוו־נע געזאָגט גאָר עפּעס אַנדערש:

— אַזוי פּאַרדרייסט גאָר די זאַך?...

און אַזוי ווי פון יענער זייט וואַנט, אין צימער פון דער מיעסטשאַנקע, האָט זיך דערהערט אַ שאָרכן — אַ סימן, אַז זי הערט זיך צו, וואָס מען רעדט דאָ, -- האָט יעלענע וויקטאָראָוו־נע איבערגעחזרט די זעלבע פראַזע שטילער:

— אַזוי פּאַרדרייסט גאָר די זאַך? ווי באַלד אַזוי, מיין טייערער, וועל איך אַנדערש אויסוועלן די פראַגע.

איר ווײַדעלע האָט געציטערט אַלץ שטאַרקער און שטאַר־קער און נישט געקוקט אויף דער טראַגישקייט פונם מאָמענט, האָט ער געצויגן אויף זיך קיסליאַקאָווס אויפמערקזאַמקייט.

— ווי באַלד אַזוי — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע אָנגע־הויבן אויסצושטעלן די פראַגע אַנדערש — וועלן מיר געשעפטלעך צוגיין צו אונדזער ענין. אַלזאָ, דאָסדאָזיקע צי־מער געהער מיר! איך בין נישט געווען אַזוי נאַריש און אַלע קוויטונגען אויף דעם אָפּגעצאָלטן דירה־געלט זענען פּאָרויסזעענדיק אויסגעשריבן געוואָרן אויף מיין נאָ־מען. איך האָב באַצאָלט דירה־געלט!

איצט פון דער אומגעריכטקייט פון קלאַפּ, איז ביי קיס־ליאַקאָוון איבערן שטערן אויף אַרויסגעשפּרונגען אַ צוזאַמענגע־פלאָכטן צעפּל פון האָר. ער איז אַפילו פּאַרשטומט געוואָרן פון אומגעריכטקייט און נישט געפונען קיין ווערטער, וואָס צו זאָגן.

און ווירקלעך, אַ פרוי, וועלכע האָט נאָך נישט לאַנג הע־כער פון אַלץ אויף דער וועלט געשטעלט דאָס גייסטיקע לעבן און איז געווען גרייט צו ברענגען יעדן קרבן, האָט ווי עס איז

ווייזט זיך אַרויס, — גלייכצייטיק געטראַכט וועגן דעם, אַז ס'איז יעדנפאַלס בעסער אַריינצוטראָגן און באַצאָלן דאָס דירה־געלט אויף איר נאָמען, אַזוי, אַז ס'זאָל אויסקומען, אַז די דירה איז אירע... און איצט וואַרפט זי אים אַרויס פון צימער צוזאַמען מיטן גייסטיקן לעבן.

— דאָס געלט איז דאָך אָבער געווען מיינס!?

— אָ, ס'קאָן זיין, אַז מיינס?... — האָט יעלענע וויקטאָראָווגע געענטפערט, חוצפהדיק עפּעס פאַנאַנדער־זעצנדיק זיך אויפן פאָטעל.

זי האָט אפילו, ווי אַ מאַרק־הענדלערין, פאַרלייגט און אָנגעשפּאַרט איבערן אָנלען איר דיקע פלייַשיקע האַנט.

קיסליאַקאָוו האָט איבעראַשט, וואָס פון אַ פרוי מיט העכערע בילדונג האָט, ביים ערשטן מאָראַלישן שטויס, געקומען אַרויסקוקן אַ סאַמע עקלהאַפטע מיטשאַנקע.

אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויל.

— אויף דעם סמך — האָט יעלענע וויקטאָראָווגע ווייטער גערעדט — זאָג איך גאַנץ דייטלעך: טראָג זיך אָפּ פון מיין צימער. נעם צו דיינע ביכער, פּאַפּיר — און גיי צו אַלדע רוחות!

זי האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן און גענומען אַראָפּוואַרפן פון טיש אויף דער פּאָדלאָגע זיינע ביכער און פּאַפּירן.

קיסליאַקאָוו האָט דערפילט, אַז אים איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט זיך, ווי אַ טיגריס, אַ וואָרף געטון צום טיש און אַ כאַפּ געטון די פרוי פאַר די הענט. נאָר באַלד האָט זיך דער בולדאָג אַ וואָרף געטון צו פאַרטיידיקן יעלענע וויקטאָראָווגען און איינגעקלאַמערט קיסליאַקאָוון אינם קאַמאַש. קיסליאַקאָוו האָט זיך אָפּגעבריקעוועט פון אים און אָנגעהויבן אָוועקשלעפּן די פרוי פון טיש, דערביי האָט ער צו איר געפילט אַזאַ שאַרפע ליידנשאַפטלעכע שנאה, אַז אים האָט זיך געוואָלט איר אויסדרייען און צעברעכן די הענט.

נאָר זי, פאַרגעסנדיק זיך פון כעס, האָט זיך אָפּגעשלאָגן און זיך געצויגן צום טיש, כדי אַראָפּצוּוואַרפן מיטן פויסט די

ביכער, וואָס זענען געבליבן דאָרט ליגן. און אזוי ווי קיסליאַ־קאָוו, אָנשפּארנדיק זיך מיט אַ פוס אָנם טיש, האָט י געצויגן צוריק, האָט זי זיך פון אים אָפּגעקלאַפּט און אים געטראָפן מיטן עלנבויגן אין אייבערשטן טייל נאָז, צווישן די אויגן.

ביי אם איז אַראָפּגעפלויגן די פּענסנע און זיך צעבראָכן אויף ברעקלעך און פון די אויגן האָט זיך אַ שאָט געטון אַ גאַנצער גארב פונקן. און אין דער זעלבער צייט האָט ער דער־הערט, ווי די ביכער שורשענדיק מיט צעעפנטע בלעטער האָבן אַ פלי געטון צו דער שוועל. דאָ האָט ער מיטן גאַנצן כוח אַ שטויס געטון יעלענע וויקטאָראָוונע מיטן פויסט אין איר ווייכע פּלייצע. זי האָט אָן אָכץ געטון און אַ פאַל געטון צו דער אָטאָמאַנע — מיט דער ברוסט אויפן קיילעכיקן וואַלץ און מיט דער נאָז אויפן לעדערנעם קישעלע:

פון שפּאַנישן וועגטל איז אָפּערגעשפּרונגען די מומע, בלאָס פון שרעק.

— מומע, גייט אוועק — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע רויק געזאָגט, ברענגענדיק אין אָרדענונג די צעשטערטע פריזור (דאָס ווײדעלע איז ווייטער געבליבן).

די מומע איז אַרויס פון צימער. דער בולדאָג, אײנבײגנדיק אָן אַ זייט דעם קאָפּ, האָט ווי פרעגנדיק זיך צוגעקוקט. ער האָט אויף זיין שטום-לשון געפרעגט, וואָס קומט דאָ פאַר אַזעלכעס.

— דו האָסט מיר אַ קלאַפּ געטון... — האָט יעלענע וויק־טאָראָוונע געזאָגט שטיל אָבער דראָענדיק אין בייז.

— ניין, דו האָסט מיר אַ קלאַפּ געטון...—האָט קיסליאַקאָוו געענטפערט, צודריקנדיק די נאָז מיטן פאַציילעכל, פונקט ווי פון איר וואָלט אַ זעץ געטון בלוט ווי אַ פאָנטאַן.

— דו האָסט מיר אַ קלאַפּ געטון?... — האָט יעלענע וויק־טאָראָוונע איבערגעחזרט, נישט אויסדרוקנדיק קיין שום רחמנות, קיין שום זאָרג איבער זיין צעקלאַפּטער נאָז. — מער וועל איך קיין איין מינוט נישט לעבן מיט דיר...

— אויסגעצייכנט! — האָט זיך קיסליאַקאָוו געטראַכט, האַלטנדיק נאָך אַלץ דאָס פאַציילעכל אויף דער נאָז און איבער־

דרייענדיק עס ארויף און אראָפּ, פונקט, ווי ער וואָלט אָפּגעזאָגט פון בלוט.

— גיי, וווהין די ווילסט, זוך זיך אַ צימער, נאָר זיין מיט דיר צוזאַמען קאָן איך שוין קיין איין מינוט נישט מער.

— דאָס קאָנסטו דיך אָפּטראָגן צו אַלדע רוחות — האָט ער געזאָגט, בכיוון באַנוצנדיק אַזאַ גראָבן אויסדרוק, כדי וואָס מער צו באַליידיקן זיין ווייב, און אינדערזעלבער צייט האָט ער זיך ווידער דערמאָנט וראָנסקען און אננאַ קאַרענינאַ: צי זיי האַלטן אויך אַזוי געצערעדט בעת דער לעצטער טראַגישער מחלוקה?

— אָך, געמיינער יונג, די געמיינער יונג איינער, — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע עפּעס קאָנצענטרירט און ווי נישט גלייבנדיק נאָך זיך אַליין, געזאָגט.

איר הויכע ברוסט, וואָס איז דערגאַנגען ביז דער סאַמער גאָמבע, האָט אָנגעהויבן אויפציטערן פון שלוכצן און געוויין. זי האָט זיך אַ וואַרף געטאָן מיט איר דיקן גוף אויף דער אָטאָמאַנע און אָנגעהויבן צו העשען. די קורצע דיקע פיס אין זאָקן האָבן ווייט נישט דערגרייכט צו דער פּאָדלאָגע. אין אָנהייב האָט זי קראַמפּהאַפט און שטיל געטאָמערט מיט אַ שלוכצן, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן זיך צו פאַרכליננען, מיט אַ העשעריי אויפן קול, זיך געוואָרפן איבער דער אָטאָמאַנע פון איין עק ביזן אַנדערן, צוצודריקן דאָס מויל און צובייסן מיט די ציין דאָס טיכעלע, חי ווילנדיק ווייזן, אַז זי קאָן נאָך אָט באַלד שטאַרבן.

און קיסליאַקאָוו איז צוגעגאַנגען צום וואַש-געשטעל און באַנעצנדיק מיט וואַסער דאָס פּאַטשיילעכל, האָט ער עס מיט ביידע הענט צוגעדריקט צו דער נאָז, פונקט ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט זאָגן דער פרוי, אַז זי זאָל זיך נישט מאַכן, אַז זי איז מפורשט אַ קרבן, בעת ער געפינט זיך נישט אין קיין בעסערער לאַגע נאָך דער מחלוקה צווישן זיי.

בעת זי האָט קוים געכאַפּט דעם אָטעם, געשעפּט מיטן מויל לופט, אַראָפּלאָזנדיק מאַכטלאָז די הענט לענגאויס דעם גוף

און אינגאַנצן אויפגעציטערט מיט א פנים, אינגאַנצן באַגאָסן מיט טרערן, איז קיסליאַקאָוו אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און אין די געדאַנקען געזאָגט:

— גוט, פיין. איצט, לפחות, אַלץ איז אויפגעקלערט געוואָרן. א גט — ביטע זייער.

און דאָס ערשטע, וואָס איז אים דערביי אײַנגעפאַלן אין קאָפּ איז געווען דער געדאַנק וועגן דעם בולדאָג: אז איצט וועט ער פּטור ווערן פונעם דאַזיקן שרץ.

קיין זאַך קומט און געשעט נישט מיטאַמאָל. פריער האָט ער נישט געקאָנט נישט אויפציטערן דערביי, א טראַכט טון וועגן דעם, אז צווישן אים און יעלענע וויקטאָראָוונע קאָנען אַנטשטיין ווען עס איז קרעמערישע סכסוכים וועגן געלט. ער האָט מורא געהאַט אפילו מיט א רמז צו באַליידיקן יעלענע וויקטאָראָוונען, צו זאָגן איר, אז זי לעבט אויף זײַן רעכענונג און מען בינדט נאָך דערביי זײַן פרייהייט. און איצט אָט, איז ער אומגעריכט איבערגעטראָטן דעמדאָזיקן פּאַס אָן שום אָנשטרענגונג און אפילו מיט היץ און ברען פונעם אכזריותדיקן קאַמף.

ער איז געשטאַנען פאַר יעלענע וויקטאָראָוונען און מיט א קאַלטער גרויזאַמקייט, וועלכע ער האָט אַליין אין זיך באַוווּנדערט, געקוקט אויף איר, ווי ער וואָלט דערוואַרט ווייטערדיקע פאַרשטעלונגען.

פלוצלינג האָבן יעלענע וויקטאָראָוונעס צעביסענע אויפגעשוואָלענע ליפּן זיך אָנגעהויבן באַוועגן און נישט אינגאַנצן פאַרמאַכנדיק זיך, האָבן זיי נישט דייטלעך אַרויסגערעדט:

— גיי אַוועק... גיי אַוועק כאָטש אויף א צייט... איך בעט דיך.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגען, — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

ער האָט גענומען דאָס היטל און א שטופּ געטון די טיר אין קאָרידאָר. די טיר האָט אויפגעפּראַלט און אין דער זעלבער רגע איז פון דער טיר א שפּרונג אָפּ געטון די מומע און צוקוועטשנדיק מיט ביידע הענט דעם שטערן, אויף וועלכן ס'איז באַלד אַרויסגעשפּרונגען א גוז, ווייל זי האָט בעת דער מחלוקה צווישן

מאן און ווייב, איינבייגנדיק, זיך צוגעהערט און אַריינגעקוקט אין דער שפּאַרינע פונם שליסל. ביי דער אַנטקעגנדיקער זייט זענען געשטאַנען קינדער בודיענים אָפּטיילונג און ביי די טירן פון אַלע צימערן די לאָקאַטאָרן.

XXII

פריער פלעגן די מחלוקתן מיט דער פרוי אריבערגיין אזוי. אין די סאמע שטארקסטע פאלן (ווען ס'פלעגט זיך רעדן וועגן גט, וועגן זעלבסטמארד), פלעגט איפאליט קיסליאקאוו, א קלאפ טוענדיק מיט דער טיר, אוועקגיין פון דערהיים און זיך נישט צוריקקערן ביז שפעט אינדערנאכט און ווען ס'איז געווען ווו איבערצוענעכטיקן ביי באקאנטע, פלעגט ער ביי זיי בלייבן ביז אינדערפרי.

דאן פלעגט יעלענע וויקטאראווגע אנהייבן זיך באאומרויקן; איר פלעגן קומען אין קאפ אריין געדאנקען וועגן דעם, אז ער קאן זיך נאך איצט ארפזוארפן פון זעקסן שטאק אדער אונטערן טראמוואי און אין א שעה ארום וועט מען נאך ברענגען צו איר זיין צעשמעטערטן גוף.

זי פלעגט דאן אוועקלויפן צו די באקאנטע, אין פחד און שרעק פלעגט זי אפילו לויפן צום טייך. און ווען, פארשטעלנדיק זיך, אין דער לעצטער מדרגה פון פחד, דערפאר, וואס זי איז געווען אזוי היציק און נישט איינגעהאלטן — פלעגט זי אים געפינען פריש און געזונט, פלעגט זי זיך פילן זייער גליקלעך און טרערן פון פרייד פלעגן לאנג נישט אויפהערן צו פליסן איבער איר פנים.

און קיסליאקאוו פלעגט איר פון צייט צו צייט זאגן, אז ער איז שוין ווירקלעך געווען נאענט פון זעלבסטמארד, ווייל די מחלוקה צווישן אים און איר האט אים איבעראשט דערמיט, וואס

אין זייערע באַציונגען איז נישט פֿאַראַן קיין העכערער פּרינציפּ, און אים האָט זיך מיט זיין זעלבסטמאָרד געוואָלט איר דערווייזן ווי שווער ער האָט אויפגענומען דידאָזיקע מחלוקה, אין דעם פֿאַרלוסט פון איר ליבע, און ווי שרעקלעך דאָס האָט אויף אים געווירקט.

אינדערעמתן איז ער קיינמאָל נישט געווען גאָענט צו אַ זעלבסטמאָרד, אפשר נאָר כּדי זיך אַליין אויפצושרויפן, פלעגט ער צו זיך אַליין זאָגן. גייענדיק פון דער היים איבער דער גאַס אין אַן אומבאַוווסטער ריכטונג:

— „אַט וועל איך זיך אַראָפּוואַרפן פון זעקסטן שטאָק, וועט זי זיך שוין דעמאָלט כאַפּן, — ס'וועט שוין אָבער זיין צו שפּעט.

און דאָ פלעגט זיך אָנהייבן אַ רחמנות אויף זיך אַליין, און דערויף אַ רחמנות אויף דער פרוי, אויף איר פאַרצווייפלונג און איינזאַמקייט נאָך זיין טויט. אין אַזאַ מאָמענט, פלעגט ער גיין אַ היים און דערציילן דער פרוי וועגן דעם געפּלאַנטן זעלבסטמאָרד זיינעם, כּדי זי זאָל להבא זיך אָפּהיטן פון אַזעלכע אַרויסטרעטונגען אין חוצרעם — כּדי אַרויסצורופן איר רחמנות צו אים און צו פאַרשטאַרקן דאָס שלום מאַכן.

— נאַרעלע! — פלעגט יעלענע וויקטאָראָוונע דעמאָלט אויסשרייען דערשראָקן און גלייכצייטיק אַ גליקלעכע פון אַזאַ שטאַרקע ליבע צו איר פון זיין זייט — נו, קאָן מען דען אַזוי האַנדלען ?...

אינם דאָזיקן אָוונט איז געגאַנגען אַ רעגן. גיין אין אַן „אומבאַוווסטער ריכטונג", איז געווען צו נאַס. קיסליאַקאָוו, כּדי נישט דורכגענעצט צו ווערן פונם רעגן, האָט זיך אַנידערגעשטעלט אונטערן טויער פון שכנותדיקן הויז און באַשלאָסן דאָ צו שטיין לאַנג, כּדי צו ברענגען זיין ווייב צו דער לעצטער מדרגה פון פחד און מורא, אַז ער גרייט זיך שוין אַראָפּשפּרינגען פון זעקסטן שטאָק. אָבער דער ווינט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען שטאַרק בושעווען, האָט אָנגעהויבן צו שמייסן מיט שטראָמען וואַסער אונטערן טויער אַריין און אינ-

גיבן האָט קיסליאַקאָוו דערפילט, ווי שטרעמעלעך קאַלט וואַס רינען אים אַראָפּ הינטערן קראַגן איבערן רוקן. דאַן האָט ער נישט ווייסנדיק, ווו זיך אַהינצוטון, באַשלאָסן צו גיין אַהיים דאָ איז געווען שוין צו פיל פאַר דער צייט. דער עיקר צוליב דעם וואָס דאָס האַרץ האָט אים נאָך געקאָכט פון כּעס קעגן דער פרוי און ער האָט נאָך נישט געפילט קיין רחמנות צו איר. פאַרקערט. ס'האָט אין אים נאָך מער געקאָכט דער צאָרן און צעררייצטקייט צוליב דעם, וואָס דאָס רעגנוואַסער האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבער זיין רוקן ביזן גאַרטל, א דאַנק דעם, וואָס ער איז געשטאַנען אין טויער אונטערן רעגן. ער האָט זיך צוריקגעקערט אַ היים, זיך אַנידערגעזעצט פאַרן שרייבטיש און זיך פאַרטיפט אין לעזן אַ צייטונג.

יעלענע וויקטאָראָוונע איז אַרויסגעגאַנגען פון יענער זייט שפּאַניש ווענטל מיט פאַרוויינטע אויגן און האָט צו אים געזאָגט:

— וואָס־זשע, אַזוי וועט עס ביי אונדז זיין אָן אַ סוף?..

— וועגן וואָס האַנדלט זיך עס? — האָט קיסליאַקאָוו רויק געפרעגט און אַליין האָט אים ה:אה געטון וואָס ער איז געווען אַזוי פאַרהאַרטעוועט און וואָס זיין טאָן איז אַזאַ גלייכגילטיקער.

— ס'הייסט, „וועגן וואָס האַנדלט זיך עס?" גאָט מיינער וואָס מיט דיר איז געוואָרן!... כ'האָב זיך דאָך אַזוי אויסגעמאַטערט... דו קוקסט גאָר אויף מיר נישט, רעדסט מיט מיר, ווי מיט אַ הונט... מיט וואָס האָב איך זיך פאַרשולדיקט?

איר אָטעם האָט אַ ציטער געטון, ביי קיסליאַקאָוון האָט אַ שטשיפּע געטון אין דער נאָז פון אַ שטאַרקן און אומגעריכטן מיטלייד צו דער פרוי.

אים האָט זיך געוואָלט צוגיין צו דער פרוי, זי אַרומנעמען און זאָגן:

— „דו האָסט זיך מיט גאָרנישט פאַרשולדיקט, גאָר פּשוט וואָס ווייטער, אַלץ מער גייט צום גרונט מיין נשמה. דאָס האָט זיך אָנגעהויבן פון יענעם סאַמע מאָמענט, ווען איך האָב פאַרוואַנדלט מיין לעבן אין אַ פּאָלסיפיקאַט — אין איר האָט זיך

אַלץ אָפּגעשטעלט. זייט דעם מאָמענט האָב איך פאַרלוירן דעם חוש הריח צו די העכסטע מענטשלעכע ווערטן. מיר איז געוואָרן „אַלץ איינס", וואָס פאַר אַ זין קאָן פאַר מיר האָבן יענע ווערטן, ווען מיין אייגענער ווערט האָט שוין קיין שום ווערט נישט און איז געגאַנגען צו גרונט. איך בין אַזוי ווייט געפאַלן, אַז איך טראַכט וועגן דעם, אַז דו קאָסט מיך טייער און אַז ווען איך וועל פון דיר פּטור ווערן, וועל איך קאָנען מער אויסגעבן געלט פאַר זיך גופא. איך האָב פאַרלוירן יעדער עמפינדלעכקייט צו דעם, וואָס מ'קאָן נישט קריגן געקויפט פאַר געלט: צו דער טרייער נישט פאַראינטערעסירטער ליבע פונם נאָענטן מענטשן. ראַטעווע מיך, איך גיי צו גרונט..."

נאָר ער האָט זי נישט ארומגענומען און דאָס נישט געזאָגט. זאָגן דאָס וועגן זיך דעם נאָענטסטן מענטשן, האָט אים געפעלט מוט אפילו אין אַזאַ ווײַלן און ליכטיקן מאָמענט, ווען די נשמה איז געווען אַזוי ריין און לויטער.

ער האָט נאָר אַ גלעט געטון דער פרוי די האַנט און געזאָגט מיט אַ טאָן, אין וועלכן ס'האָט זיך געהערט אַ גרייטקייט שלום צו מאַכן:

— נו, גענוג...

און ער האָט געוואָרט, אַז זי וועט מיט שטורמישער פרייד צוליב דעם, וואָס ס'זעט אויס, אַז ס'גייט צו שלום מאַכן, — אים אַרומנעמען. נאָר יעלענע וויקטאָראָוונע האָט אים נישט ארומגענומען. איר, וועלכע האָט אַזוי פיל אַריבערגעטראָגן, האָט זיך געוואָלט צוערשט אים ווייזן, ווי ווייט ער איז געווען נישט גערעכט, ווי זינלאָז גרויזאַם בנוגע איר. און דאָס האָט צעשטערט דעם גאַנצן ענין, אַלץ קאַליע געמאַכט.

— דו געדענקסט, מיט וואָס פאַר אַ געפיל איך בין געקומען צו פאָרן? מיר איז געווען אומדערטרעגלעך אָן דיר, איך האָב נישט געקאָנט טראַכטן וועגן מיין געזונט, ווען מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָ האָט מיט דיר פּאַסירט אַן אומגליק.

און זי, שטייענדיק אינמיטן צימער, האָט אָנגעהויבן צו

רעדן, אַרויסשטעלנדיק איר ריינע נישט פאַראינטערעסירטע ליבע צו אים און זיין גלייכגילטיקייט.

קיסליאַקאָוו האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט זיך פון דעם געפילט געטראָפן.

— נו, און אָט האָב איך דער ערשטער זיך אַ קער געטון צו דיר מיט אַ גוט וואָרט, און דו...

— אָבער ווען האָסטו זיך אַ קער געטון מיטן דאָזיקן גוטן וואָרט? ווען איך בין שוין אינגאַנצן אויסגעמאַטערט?... — האָט יעלענע וויקטאָראָווגע געזאָגט.

— יאָ, נאָר דאָך האָב איך זיך אַ קער געטון, און דו...

יעלענע וויקטאָראָווגע, ביז צעזשמורענדיק די אויגן, האָט אַ געוויסע צייט געקוקט אויפן מאַן און געזאָגט:

— אַז דו שטעלסט זיך פאָר די זאַך אַזוי, אַז דו קאָנסט וויפיל דיר ווילט זיך, זיין בנוגע מיר אַ כאַם, שווייגן גאַנצע טעג און באַלד נאָר ווי דו וועסט באַווייליקן מיר מוחל צוזיין — בעת אינדערמתן ביסטו שולדיק!... (זי האָט אַפילו אויף אים אָנגעוויזן מיט אַן אויסזען פון אַ מענטשן, וואָס דערוויזט אַן אַנ־דערן זיין שולד, מיטן פינגער) — קומט אויס, אַז איך דאַרף באַלד זיך שטעלן אויף די הינטערשטע לאַפּעס און שמייכלען נחתדיק?! — האָט יעלענע וויקטאָראָווגע געזאָגט, צוזעצנדיק זיך און מאַכנדיק מיטן פנים און די הענט זיסע העויות.

ביי קיסליאַקאָוון איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, אַז זי איז מחמת דעם אַזוי חוצפהדיק, ווייל זי האָט איינגעטראָגן דאָס דירה־געלט אויף איר נאָמען און די דירה איז דעריבער אירע. אים איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן און ער, פאַרגעסנדיק זיך אינגאַנצן, האָט מיטן גאַנצן כוח אַ געשריי געטון:

— דו ביסט שוין שולדיק דערמיט, וואָס דו לעבסט מיט מיר און איך קאָן בשום־אופן פון דיר נישט פטור ווערן, נישט פון דיר, נישט פון דער מומע און נישט פון די הינט!

דאָ האָט ער דערזען, אַז ס'איז פאָרגעקומען עפּעס שרעקלעכס און אומגלעכס, וואָס לאָזט זיך נישט פאַריכטן. יעלענע וויקטאָראָווגע אויפהייבנדיק די הענט איבערן קאָפּ, פונקט ווי זי

וואָלט זיך באַשיצט פון אַ קלאַפּ, איז אינגאַנצן בלאַס געוואָרן און אויסגעגלאָצט אויפן מאַן אַ פּאָר אויגן, וואָס זענען ווי ברייט געוואָרן פון שרעק. ער האָט לויט איר אויסזען פאַרשטאַנען, אַז פאַריכטן דאָס, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון זיין מויל, מאַכן עס, אַז ס׳איז כלומרשט געזאָגט געוואָרן אויף אַ שפּאַס און דאָס פאַרגלעטן, — איז אוממעגלעך. דידאָזיקע פראַגע קאָן מען נישט פאַרענטפערן, אויסטייטשן און פאַר איר מוחל זיין צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך כלומרשט אַרויסגעכאַפּט פון זיין מויל בעת ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און צערייצט.

זעענדיק, אַז אַלץ איז סיי־ווי־סיי פאַרפאַלן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען:

— יאָ, מיר איז שרעקלעך נמאס געוואָרן צו לעבן מיט דיר אין איין צימער. מיר איז נמאס געוואָרן די שטענדיקע אפּיטרופּסות! כ׳האָב גאָרנישט בדעה צו אַרבעטן, נישט אויסבייגנדיק דעם רוקן, כדי נאָר דיך אויסצוהאַלטן און דיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן. כ׳וועל אַליין לעבן פאַר זיך און מיר איז אפשר אָנגענעמער צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן עמיצן אַנדערש איידער דיר...

ער האָט געזען, ווי יעלענע וויקטאָראָוונע איז נאָך מער בלאַס געוואָרן פון דידאָזיקע ווערטער... נאָר ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט אָפּשטעלן, ווי באַלד נאָר ער האָט אויסגעשאָסן דידאָזיקע שרעקלעכע אוממעגלעכע ווערטער. אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ נייער פלאַם פון צאָרן און וואָס שטאַרקער ער האָט זיך אַזוי צו זאָגן, צונויפגעקאַרטשעט פאַר דערדאָזיקער פרוי װען בעת ער האָט זיך געפילט אַנטוואָפנט פון איר ווירקלעך אָפּערווויליקער ליבע צו אים, אַלץ גרעסער איז געוואַקסן דערדאָזיקער צאָרן זיינער.

— אַך, אַזוי גאָר... — האָט יעלענע וויקטאָראָוונע געזאָגט שטיל, קוים צו הערען, — מען דאַרף מיך נישט, הייסט עס, איך בין איבעריק און נישט געוווּנטשן... דיר איז אָנגענעמער צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן אַנדערע איידער מיר, דאָס הייסט: אַנדערע פרויען אין דעם, ווייזט אויס, שטעקט די סיבה פון אַלץ...

— טראַכט זיך, ווי איר ווילט! — האָט קיסליאַקאָוו גע־
זאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען פון דער היים.

פון דעם מאָמענט אָן האָבן די געשעענישן זיך אָנגעהויבן
צו אַנטוויקלען מיט אַ קאַפּ[illegible]יבדלערישער שנעלקייט

XXIII

צוריקקומענדיק אויפן צווייטן טאָג פון אמט, איז קיסליאַ־קאָוו ממש דערשטוינט געוואָרן.

זיין צימער האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ קראַנקנהויז פאַר געזונטווערנדיקע: ארום אַלע פיר ווענט זענען געשטאַנען בעטן, דערביי האט מען פאַר זייגעטוועגן אַוועקגעשטעלט זיין אַלט שמאָל פעלד־בעטל. אין כּדי, ווי ס׳ווייזט אויס, אים וואָס מער צו דער־נידעריקן, האָט מען דאָס בעטל אַוועקגעשטעלט נעבן דער וואַנט, וווּ ס׳האָט זיך געפונען די אַרויסגאַנגס־טיר.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעלענע וויקטאָראָוונע, האָט, אים אויף צו להכעיס, אַריינגענומען צו זיך, אַלס סובלאָקאַטאָרקע, אירס אַ פּלימיעניצע, וואָס איז געקומען צו פאָרן פון פּראָווינץ. איר געלעגער איז געווען אַוועקגעשטעלט אויפן אָרט, וווּ ס׳איז געשטאַנען קיסליאַקאָווס געלעגער, ביים שרייבטיש. דער פּלימי־ניצע (זי איז געווען אַ שאַרפזיניק מיידל פון אַ יאָר זעכצן) האָט מען אפנים אָנגעזאָגט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זי זאָל זיך נישט צערעמאָניעווען מיטן פעטער, ווייל ער איז אַ געמיינער יונג און אינם דאָזיקן צימער – נישט קיין באַלעבאָס און דערי־בער האָט ער דאָ גאָרנישט וואָס צו באַפעלן.

די מאַטראַצלעך פון די חינט, זענען געווען פאַנאַנדער־געלייגט איבער די ווינקלען, דערביי איז רעם בולדאָגס מאַט־ראַצל געווען נאָענט פון קיסליאַקאָווס געלעגער (אים אויף צע־פּיקעניש).

קיסליאַקאָוו האָט פונם ערשטן אָנבליק אָפּגעשאַצט די לאַגע. ער האָט קודם-כּל דערפילט, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אָן שום באַהעלטערלעך און דיפּלאָמאַטיע און, וויבאַלד אַזוי, האָט ער איצט פרייע הענט אויף אַלע סאָמע אָפענע מעשים אָן שום צערעמאָניעס. די אינטעליגענטישע טראַדיציעס, וואָס האָבן אים ביז איצט געפּענטעט, די דערינערונג וועגן אַננאַ קאַרענינאַ און ווראָנסקין — זענען איצט אָפּגעפאַלן.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטון, איז געווען, וואָס ער האָט אַ שטויס געטון מיטן פוס דעם בולדאָגס מאַטעראַצל אַזוי, אַז ס'איז דורכגעפלויגן איבערן גאַנצן צימער צו דער פולער צופרידנקייט פון די הינט, וועלכע האָבן נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט די לאַגע: זיי האָבן געמיינט, אַז דער באַלעבאָס איז געקומען אין אַ גוטער שטימונג און לייגט זיי פאָר זיך צו שפּילן מיט אים.

נאָר שוין אינם צווייטן מאָמענט באַלד נאָכדעם, האָבן זיי פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס דאָזיקע שפּיל שמעקט און נאָך דעם זעץ, וואָס יעדער פון זיי האָט באַקומען מיטן עק קאַמאַש פונם באַלעבאָס אינם אָחור, האָבן זיי אַלע אין פּאַנישן שרעק זיך אַ לאָז געטון אונטער דער אָטאָמאַנע און דאָרט זיך אויסבאַהאַלטן פונם באַלעבאָס גרימצאָרן.

קיסליאַקאָוו האָט באַלד איבערגערוקט זיין געלעגער אויפן אָרט, וווּ ס'איז איצט געשטאַנען דאָס געלעגער פון זיין פרוים פּלימיאַניצע. דאָס אַלץ איז געווען אָפּגעטון שווייגנדיק, בעת יעלענע וויקטאָראָווגע איז געשטאַנען אינמיטן צימער און פאַרבייסנדיק די ליפּן פונם פולמעכטיקן צאָרן, איז זי געוואָרן רויט, דאָס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט.

קיסליאַקאָוו האָט באַשלאָסן, אַז איצט גייען „ווישטשיגעס" אַ מין געוועט אויף דער שטאַרקייט פון די נערוון און האָט זיך אין די געדאַנקען געזאָגט:

„דער גרענעץ-פּאַס איז איבערגעטרעטן

בעגעסן מיטאָג האָט ער איצט אין אַ רעסטאָראַציע און נישט אינדערהיים. און ווען ער פלעגט קומען אַ היים פלעגט ער

זיך שווייגנדיק אנידערזעצן ביים שרייבטיש און דערנאָך זיך לייגן אין בעט אריין. איצט האָט ער זיך שוין נישט זשעגירט צו ליגן וויפיל אים האט זיך געוואָלט. ער פלעגט אפילו בכיוון זיך לייגן אין די קאמאשן אויף דער קאָלדרע, וויסנדיק, אז יעלענע וויקטאָראוונע קאָן עס שטארק נישט ליידן.

אויב ער איז פריער געווען דעליקאַט, געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, ווען אין צימער איז עמיץ געשלאָפן, אָדער מ׳האט געפירט אַן ערנסט געשפרעך, האט ער איצט אַלץ געטון מיט א טומל און גערויש. ווען ער האט געעפנט דעם קרעדענץ, האט ער בכיוון געוואָרפן מיט די טירלעך. ווען ער איז געקומען אהיים שפעט אינדערנאכט, בעת אלע זענען שוין געשלאָפן, האט ער בכיוון אָנגעצונדן די גאַנצע עלעקטרי און פון העלן שיין האָבן אפילו די הינט געפינטלט מיט די אויגן און זיך געזשמורעט אויף זייערע מאַטראַצלעך.

ווען מ׳האט דערלאַנגט טיי, האט ער זיך אנידערגעזעצט צום טיש און געמאכט צן אָנשטעל, אז ער לייענט, אָבער אינדעראמתן האט ער זיך נישט געקאָנט קאָנצענטרירן און נישט איבערלייענען אפילו קיין איין אָפּזאַץ, ווייל די גאנצע צייט האט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר הינטער זיין רוקן. ער האט געטראכט וועגן דעם, מיט וואָס פאר א שנאה זיכער זיין ווייב קוקט אויף זיין שפּיץ־קאָפּ און ווי זי גרייט צו אַן ענטפער פול מיט גיפט אין פאַל ווען ער וועט זיך צו איר ווענדן. און טיילמאָל פלעגט ער קריגן רחמנות אויף זיך אליין ביים געדאנק וואָס נאָך גאָרנישט לאַנג האט זיין ווייב וועגן אים זיך געזאָרגט, ווען זי פלעגט באמערקן א פולע ענדערונג אין זיין שטימונג, און זאָרגזאם ציטערנדיק פלעגט זי דעמאָלט אים פרעגן, וואָס מיט אים איז, צי איז נישט פאָרגעקומען עפּעס קיין אומאָנגענעמלעכקייטן, צי וויל ער עפּעס עסן. איצט איז ער פאר איר ערגער פאר א הונט, — ווען ער וואָלט אפילו געשטאָרבן פון הונגער, וואָלט זי זיך אפילו נישט קיין ריר געטון פון אָרט אים צו דערלאַנגען עפּעס אין מויל אריין.

אַמאָל איז ביי זיי קאַליע געוואָרן זיין בילקער שוואַרצער

זייגער. דאַן האָט ער באַשלאָסן צו נעמען צו זיך אין טאַש פון קאָמאָדע־שופלאָד זיין גאָלדענעם זייגער. דער זייגער איז שטענ־דיק געלעגן אין אייבערשטן שופלאָד פון דער קאָמאָדע, ווו ס׳זענען געלעגן זיינע זאַכן. נאָר ווען ער האָט געעפנט דאָסדאָ־זיקע שופלאָד — איז דאָרט גאָרנישט געווען. קלאָר ווי דער טאָג, אַז יעלענע וויקטאָראָוונע, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַלע זאַכן. נאָר בעת ער איז אַזוי געשטאַנען איבערן שופלאָד און געטראַכט וועגן דעם תהום פון געפאַלנקייט אין וועלכן זיין ווייב האָט זיך אַריינגעקייקלט, איז זי פונקט אַריינגעקומען.

— ווו איז מיין זייגער?

— דער זייגער איז מיינער, און נישט אייערער.

ער האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. נאָר דערפילט, אַז די הענט זענען ביי אים איצט פאַראַנדערגעבונדן און פריי פון אַלע הכרעה פרינציפן. איצט איז אַ קאַמף.

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט די לעצטע צייט זיך אָנגעהויבן בעסער אָנצוטון, לייגנדיק אַ סך צכט אויף איר קאָסטיום און אייסערלעכקייט. און אַז זי פלעגט ערגיץ אַוועקגיין, פלעגט זי לאַנג פאַרברענגען פאַרן שפיגל, פאַרבן אירע ליפּן און פודערן די נאָז.

קיסליאַקאָוו פלעגט אויף איר קוקן און איר פיינט האָבן מיט אַלע קרעפטן פון דעך נשמה דערפאַר, וואָס זי שטעלט זיך פאָר, אַז זי קאָן נאָך עמיצן געפעלן. נאָר ביי אים האָט זיך אַריינגעגנבעט אַן אייפערזיכטיק געפיל פונם געדאַנק, אַז זי פוצט זיך צו און מאַכט זיך שיין נישט פאַר זיינעטוועגן, נאָר פאַר אַנדערע.

אינדערהיים ווידער, פלעגט זי גייען אין אַ צעכראַשטשעטן קאַפּאָט מיט נישט קיין פאַרקעמטע האָר, נישט אומגעקוקט זיך אויף דעם, וואָס ער איז איצט געווען פאַר איר אַ פרעמדער מענטש.

נאָר דער עיקר, דאָס הויפּטזעכלעכע, איז נאָך פאָרגעשטאַ־נען און נאָך געדאַרפט פאַרקומען.

קומענדיק אַמאָל אַהיים, האָט ער דערזען, אַז דאָס צימער איז צעטיילט דורך אַ פאָרהאַנג פון צוויי ליילעכער אויף צוויי

טיילן. דערביי האט מען אָפּגעצוימט ניש קיין גאַנצע העלפט, נאָר אַ פערטל טייל צימער, אַזוי, אַז אים איז שוין איצט אויסגעקומען צו זיצן ביי זיין שרייבטיש פונקט ווי אין פּראַלניע.

דער מיטאָגטיש אין דער העלפט שטוב פון יעלענע וויקטאָראָווגען, איז געווען פאַנאַנדערגערוקט אויף ביידע ברעטער, און אויף זיי איז געלעגן פאַרשפּרייט פאַרשידנפאַרביקע שטיקער און שטיקלעך שטאָף און עס האָבן אַהערגעטשוויטשעט פון יענער זייט פאָרהאַנג עפּעס דאַמען.

אפנים יעלענע וויקטאָראָווגע האָט באַשלאָסן אין דער פּראַקטיק אויסצונוצן אירע טאַלענטן, וואס איינע פון זיי איז באַשטאַנען אין קאָנען גוט צושניידן און נייען קליידער.

קיסליאַקאָוו האָט דערזען, אַז דאָס לעבן דראָט צו ווערן נישט דערטרעגלעך און אוממעגלעך. ער איז געזעסן אין זיין מיט ליילעכער פאַרהאָנגען ווינקל און צו אים אין אויער איז געקראָכן, רייצנדיק, די פּרויס שטים פאַנאַנדעררייצנדיק אים וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער. זי האָט אַראָפּגעמענדיק אַ מאָס פון די באַשטעלערינס, לעבהאַפּט געפּלוידערט, געלאַכט נישט נאַטירלעך און עקלהאַפט, ווי מען כיכעט אונטער געוויינטלעך, כדי צו חנפענען די קליענטקעס און ביי זיי אויסצונעמען.

אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָסדאָזיקע הויכע און חניפּהדיקע געלעכטער איז דער עיקר געווענדט קעגן אים. זי האָט, ווי ס׳זעט אויס, געוואָלט דערווייזן, אַז זי האט געפונען אַן אויסגאַנג אין איר לאַגע אַלס פרוי, וואָס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיטן מאַן, און שפּייט איצט אויף אים, און האָט אים אין דער ערד!

קיסליאַקאָוו האט זיך פלוצלינג דערפילט ווי אַ מענטש, וואָס האט זיך אָנגעדונגען אויף קעסט ביי פרעמדע לייט, ווען מ׳האט נישט מורא צו באַום־זיקן דורך אַ הויך געלעכטער און צו ווען מ׳ווענדט אָן אַלע מיטלען, אַבי אים צו שיקאַנירן און אַרויסצופּטרן.

בנוגע קיסליאַקאָוון איז איינגעפירט געוואָרן אַ פּאָליטיק, וואָס איז באַשטאַנען אין פולן איגנאָרירן אים. מ׳איז פאַרביי אים

דורכגעגאַנגען, אַרויסטרעטנדיק אים אויף די פיס. מ'האָט געהערט הויך, ווען ער פלעגט זיך צולייגן אַביסל אָפּרוען נאָך מיטאָג. אפילו די מומע האָט איצט גערעדט מיט די הינט. ניעט שעפּטשענדיק שוין נאָר אינדערהייך אויפן קול.

יעלענע וויקטאָראָוונע האָט נישט נאָר קיין איינמאָל אים נישט פאַרגעלייגט טיי, נאָר זי האָט נאָך אָנגעהויבן פאַרשליסן דעם קרעדענץ, ווען זי פלעגט נאָכמיטאָג אָדער נאָכן טיי אַוועקשטעלן אַהין דאָס געפעס און דעם טיי מיטן צוקער.

איר אָטעם פלעגט זיך פסדר הערן דאָ אין קאָרידאָר, און דאָ אין קיך און ווען זי פלעגט פירן א מלחמה מיט די לאָקאַטאָרן, פלעגט זי אַריינקומען אין צימער אַן אויפגעקאָכטע, בייז ווי אַ טיגריס און וולגאַר ווי אַ פּושעקופּקע. שוין אָן דער באַרימטער גרינער שטענגע און אינם אַלטן קאַפּאָט מיט פאַרפּעצטע אַרבל. דער קאַפּאָט האָט זיך ביי איר נישט פאַרשפּילעוועט — און זי האָט אים נאָר אונטערגעהאַלטן מיט דער האַנט אויף דער דיקער ברוסט, און ווען זי האָט עפּעס געטון, האָט זי מיטן עלנבויגן צוגעדרוקט די רעכטע פּאָלע, כדי זי זאָל נישט אויפפראַלן.

ס'איז געווען פיינלעך צו קוקן אויף דערדאָזיקער פרוי. זי איז געוואָרן א אויסגוצערין, א גיריקע, נישט קיין אויפריכטיקע, הארצלאָז און ווען ס'איז נייטיק געווען, צוליב מאַטעריעלע טעמים חנפהריק און נאָכגיביק, מעשה שקלאַווין.

אין איר האָט זיך אַנטוויקלט א אומגעווייטלעכע ענערגיע אין די אָנגעלעגנהייטן פון פאַרטיידיקן אירע חיהשע רעכט. בעת ער האָט נאָכן אויסברוך פון זיין צאָרן אָנגעהויבן צאַפּגעקילט צו ווערן און נאָכגעגעבן, האָט זי להיפוך נישט געוואָלט וויסן פון קיין שום שלום און האָט זיך אַלץ ווייטער געריסן אין קאַמף. זי האָט געפילט און אַרויסגעוויזן אזא שנאה צום מענטשן, וועלכן זי האָט נאָך גאָרנישט לאַנג ליב געהאַט, אז אים איז געווען שרעקלעך צו זען, וואָס פאַר א קראַפט פון צאָרן עס קאָן ליגן פאַרבאָרגן אין א פרוי.

אמאָל, צוגייענדיק צו זיין טיש, האָט ער דערזען אַ פּאַפּיר

פון, פיקסוס מוסטער. איבערלויפנדיק דעם אינהאַלט פונם פאַבירלאַ האט קיסליאַקאָוו · דערפילט, אַז דאס בלוט איז אים ווי צאַפּגעלאָפן פון הארצן. דאָס איז געווען אַ באַשטימונג פונם געריכט וועגן זיין גט מיט יעלענע וויקטאָראָוונען, זי האָט עס געטון נישט ביטלנדיק אים אפילו פריער וועגן דעם. דערנאָך האט מען אים אַרויסגערופן אין הויפט-פאַרוואַלטונג און געזאָגט, אַז זיין געוועזענע פרוי, האט אָנגעגעבן אַ מעלדונג וועגן עקסמיסירן אים פון צימער, מחמת ער האָט אין משך פון דריי חדשים נישט געצאָלט קיין דירה-געלט און זי האט נישט בדעה צו צאָלן פאַר אים און דאס, וואָס ער פאַרנעמט אַ געוויסן פלאַץ אין צימער שטערט איר צו האָבן איר פאַרדינסט, אַ דאַנק דער ענגשאַפט, וואָס שאַפט זיך דורך זיין וווינען דאָרט.

ס'זענען געווען נייטיק פאַרשידענע אינפאָרמאַציעס און באַשטעטיקונגען, נאָך וועלכע קיסליאַקאָוו איז אויסגעקומען ארומצולויפן אַ גאַנצן טאָג; יעלענע וויקטאָראָוונע, איז אויך געגאַנגען ערגעץ נאָך אָנגעהעריקע עסקים אין די נייטיקע אינסטיטוציעס. זי איז געקומען אַן אויסגעמאַטערטע, אַ בייזע און האט אָנגעשריגן אויף די הינט, וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטון זי אַרומצונעמען און זיך צו איר צו לאַשטשען.

און דערנאָך האָבן זיי ביידע, ער ביי זיין שרייבטיש און זי ביים מיטאָגטיש — דורכגעקוקט דידאָזיקע פאַפּירלעך, וואָס זענען געווען אָנגעגרייט איינס קעגן אַנדערן.

די טעריטאָריע, וועלכע קיסליאַקאָוו האָט פאַרנומען, איז בעת די הכנות צום גט, אַלץ מער און מער פאַרקלענערט געוואָרן און די זאַכן זיינע פלעגן איינס נאָכן אַנדערן פאַרשווונדן ווערן.

פאַרשווונדן געוואָרן זענען פון טיש די בראָנזענע קאַנדעליאַברעס, וועלכע ער האט געקויפט, און זיי האָבן זיך באַוויזן אויף איר קאָמאָדע.

ער האט פארשוויגן דידאָזיקע גזלה. דערנאָך איז איפן זעלבן אופן איבערגעגאַנגען פון אים צו איר זיין עטאַזשערקע מיטן פאַרפאָר.

קיסליאקאָוון האָט אַרומגעכאַפּט אַזאַ גרויל פון דער מעגלעכקייט, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען אַזוי טיף פאַלן, אַז ער האָט צונויפגעפרעסט דעם קאָפּ מיט ביידע הענט. ס'איז דאָך ממש אַ גרויל אַ טראַכט צו טון, אַז דאָס אַלץ איז פעיק אָפּצוטון אַ פרוי, וועלכע האָט געענדיקט די העכערע פרויען-קורסן, איז דערצויגן געוואָרן אויף די בעסטע געבאָטן פון דער רוסישער אינטעליגענץ. שוין-זשע איז דאָס אַלץ געווען נאָר פון אויבן-אויף ווי אַ לאַק, וועלכער האָט זיך אָפּגעריבן ביי דער ערשטער געלעגנהייט? זי פילט, זעט אויס, אפילו נישט קיין שום ליידן און פאַרדרוס פון דעם, וואָס זי טוט אָפּ זאַכן, וואָס דערנידעריקן אַזוי אַ אינטעליגענטן מענטשן.

פאַרוואָס-זשע באַציט ער זיך צו דעם אַנדערש: אים כאַפּט בלויז אַרום אַ גרויל פון אַזאַ מאָראַלישער געוואַלטיקער ירידה. זי האָט דאָך ביי אים אַלץ אַוועקגעשלעפּט, ס'איז נאָר פאַרבליבן אַ פאָטעל ביים שרייבטיש, און ער האָט איר אפילו גאָרנישט געזאָגט. פאַרוואָס? הייסט עס, אַז ס'זענען פאַראַן עפּעס גראַדאַציעס פון אָנשטענדיקייט אפילו ביי איינע און די זעלבע לעבנס-באַדינגונגען.

נאָר אין פינף מינוט אַרום האָט ער געטראָפן יעלענע וויקטאָראָוונען ביים איבערשלעפן זיין פאָטעל פון רויטן האָלץ, וועלכן זי האָט אויסגעוועקסלט אויף אַ ווינער שטול.

נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין-וחשבון און דערפילנדיק נאָר אַז אין האַרצן האָט אים אַ זעץ געטון אַ צוגעפּלאָסענער שטראָם פון בלוט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון צו דער פרוי און אָנגעהויבן ביי איר אַרויסצורייסן דעם פאָטעל פון די הענט. נאָר זי האָט זיך אַזוי איינגעקלאַמערט אינם פאָטעל, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען אים אַרויסצורייסן פון אירע הענט. ער האָט אָנגעהויבן אָפּצורייסן אירע הענט, נאָר זיי האָבן געכאַפּט דעם פאָטעל און זיך איינגעקלאַמערט אין אים נאָך שטאַרקער. דערביי איז דער גאַנצער קאַמף פאָרגעקומען ביי אַ פולן שווייגן פון ביידע קעמפנדיקע צדדים. ס'האָט זיך נאָך געהערט, ווי זיי ביידע האָבן שווער געאָטעמט.

אויף איין מאָמענט איז אים געוואָרן דערווידער און אים האָט אַרומגעכאַפּט אַן עקל אויף אַזוי ווייט, אַז פאַרמאַכנדיק די אויגן, האָט זיך אים געוואָלט אַנטלויפן פון דאַנעץ, פון דער פרוי, פון זיך גופא; נאָר אין דער זעלבער צייט האָט יעלענע וויקטאָראָווגע אים אַ ביס געטון אין דער האַנט אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט מיט אַ נייעם צופלוס פון גרימצאָרן אַרויסגעריסן ביי איר דעם פאַטשיל און איר דערלאַנגט אַזאַ שטאַרקן שטויס אין ברוסט, אַז זי האָט זיך אויסגעצויגן ווי גרויס זי איז אויפן היגטישן מאַטראַצל.

ווען ס׳פלעגן קומען באַשטעלערינס אָנצומעסטן זייערע קליידער און זיך אויסטון פון יענער זייט פאַרהאַנג, פלעגט ער בכיוון זיך אויפהייבן פון שטול ביים טיש און אָנהייבן אַרומגיין איבערן צימער.

פון יענער זייט פאַרהאַנג פלעגט זיך באַלד אָנהייבן אַ דערשראָקן קוויטשעריי, די באַשטעלערינס פלעגן כאַפּן פון טיש דאָס טישטוך און זיך דערמיט אַרומדעקן די נאַקעטע פלייצעס.

אין איינעם פון אַזעלכע מאָמענטן איז אין צימער אַריינגעקומען אַ קאָמיסיע פון דער הויז־פאַרוואַלטונג כדי צו מאַכן אַ חקירה־ודרישה פון די וווינונגס־באַדינגונגען. די קאָמיסיע איז געקומען לויט אַ מעלדונג, וועלכע יעלענע וויקטאָראָווגע האָט וועגן דעם אָנגעגעבן.

די קאָמיסיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די לאַגע איז נישט קיין נאָרמאַלע.

איינער פון די קאָמיסיע־מיטגלידער האָט זיך געווענדט צו קיסליאַקאָוון.

— בירגער קיסליאַקאָוו, איר וואָלט אפשר געזעסן אין אייער ווינקל, ביז ויי וועלן זיך אָראָפּנעמען אַ מאָס און צומעסטן די קליידער.

— וואָס־זשע, דאַרף איך אפשר אַזוי, אָפּזיצן אַ גאַנצן טאָג?

— ווײַבאַלד אַזוי, ציט זיך איבער פון דאַנען

— חוהין? אדרבא, גיט מיר אַ לאָקאַל.

— דאָס קאָנען מיר נישט.

— וואָס-זשע, און איך קאָן עס יאָ ז אויב דערדאָזיקער בירגערין איז דאָ נישט באַקוועם, טאָ זאָ, זי זיך איבער־ציִען.

ביי דער געעפנטער טיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט כמעט אַלע שכנים. זיי זענען געשטאַנען אין א געדיכט געזעמל, ווי מען שטייט בשעת מען טראָגט אַרויס א בר-מנן. ווען ס'איז צו־געקומען א נייער נייגעריקער און געפרעגט, וואָס דאָ איז געשען, האָט מען אים געזאָגט.

— זיי מאַכן סקאַנדאַלן. זיי האָבן זיך געגנט און האָבן נישט וועלן זיך פאַנאַנדערצופּאָרן.

נאַטירלעך האָט גישט נאָר עקשנות געשטויסן קיסליאַקאָוון אַזוי צו האַנדלען. דאָ האָט זיך דאָך באמת געהאַנדלט כאָטש וועגן עפּעס א ווינקל אויף צו וווינען. אָדער ער, אָדער זי האָבן געזאָלט בלייבן אָן א דאך איבערן קאָפּ און וויבאַלד צווישן זיי איז געגאַנגען א קאַמף, און א קאַמף א גרויזאַמער, איז שוין נישט אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן איידלקייט אָדער ריטער־לעכקייט. אין אַזאַ צושטאַנד פון פאַרביטערטקייט, ווען דער מענטש איז אש-להבה אויף זיין קעגנער און ריזיקירט נאָך אַרויסגעוואָרפן צו ווערן אויף דער גאַס — פאַרגעסט מען אן דעם סאמע היי־ליקסטן, וואָס עס איז אין הארצן ביי זיך נאָך פאַרבליבן.

ענדלעך איז די דאָזיקע פראַגע געלעזט געוואָרן. אין דער הויז-פאַרוואַלטונג האָט מען אים געזאָגט, אז דאָס צימער נומ׳ 9 האָט זיך באַפרייט. נאָר מ'האט צוגעגעבן, אז ס'איז געקו־מען א פרוי מיט אַן אָרדער פון צע—קו—בו און ס'וועט אויס־קומען איר אָפּצוטרעטן דאָס צימער, הגם על-פי-יושר וואָלטן זי בכירה געדאַרפט האָבן די לאָקאַטאָרן פון אייגענעם הויז. קודם-כל דאַרף מען זען זיי צופרידן צו שטעלן און דערנאָך קאָן ערשט זיין א רייד וועגן נייע לאָקאַטאָרן. פאָרמעל קאָנען זיי עס נישט טון, אויב אָבער ער וויל פּרובירן באַקומען א צימער, טאָ זאָל ער האַנדלען אין דער ריכטונג חאָס אַנטשיי־דענער. אויב ער וועט פריער פארנעמען דאָס באַפרייטע

צימער, וועט זיין שווערער אים פון דאָרט צו עקסמיטירן, ווי אַן אַנדערן און דידאָזיקע פרוי מיטן אָרדער וועט לייכטער באַזייטיקט ווערן, הנם — נישט אויף זיכער, ווייל דאָס איז אַ סך געווענדט פון איר אַנטשיידנקייט. וועט זי מיט אַ שטאַרקער אַנטשיידנקייט זיך שטעלן קעגן דעם און פאַרטיידיקן איר רעכט, וועט דאָס צימער בלייבן פאַר איר, וועט זי אָבער זיין נאָכגיביק און שוואַך, וועט ער אין דעם קאַמף אַרויס אַלס זיגער.

— הערט-זשע וואָס איר דאַרפט טון — האָבן די מענטשן פון דער הויז-פאַרוואַלטונג אים אַן עצה געגעבן — באַלד ווי נאָר מיר וועלן עפענען דאָס צימער, זאָלט איר תיכף אַהין אַריינשטעלן אייערע זאַכן. די פרוי מיטן אָרדער דאַרף אַ ליאַדע רגע שוין אָנגעקומען. אַלזאָ, זעט-זשע וואָס גיכער אַריבערציפּעקלען אַהין אייערע זאַכן.

קיסליאַקאָוו איבערהיפּנדיק גאַנצע דריי טרעפּ, איז שנעל אַרויף אינדערהייך, האָט אַרויסגעכאַפּט פון אונטערן בעט זיין וואַליזע און אָנגעהויבן איינצופּאַקן זיינע זאַכן. אין זיינע באַוועגונגען און אויף זיין פּנים איז געווען אַזאַ איילעניש, פּונקט ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעקליבן פון אַ הויז, וווּ ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ שׂרפה.

אַרויסגייענדיק אין קאָרידאָר, האָט ער דערזען, ווי עס שפּרייזט דאָ אַרום עפּעס אַן אומבאַקאַנטע דאַמע מיט אַ קאַפּעלוש אין אַ שאַכטל און קוקט זיך צו צו אַלע טירן.

קיסליאַקאָוו האָט אַרויספליענדיק אויפן פּורמאַן, וואָס איז אַרייַגעקומען אין קאָרידאָר, זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר פון צימער, וואָס איי יאָר וואָס באַפרייט געוואָרן. די דאַמע, פאַרשטייענדיק אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָט זיך אַ לאָז געטון צו יענעם צימער, נאָר ס׳איז שוין געווען צו שפּעט: קיסליאַקאָוו האָט שוין באַוויזן אַריינצוּוואַרפן אין צימער אַריין זיין וואַליזע און „אַריינשטויסנדיק" אים צימער אַריין צווישן דער דאַמעס הענט, האָט ער באַוויזן אַפילו זיך אַנידערצוזעצן אויף דער וואַליזע שווער אָטעמענדיק און סאָפּענדיק, באַגיסנדיק זיך אינגאַנצן מיט שווייס.

און ווען די דאַמע האָט געוואָלט אויפקשטעלן איר שאַכטל, האָט ער מיט אַ געשיקטן זעץ פונם פוס אַרויסגעשטויסן די שאַכטל אויף יענער זייט טיר און זיך פאַרשלאָסן אינם צימער אויפן שלאָס.

— כ'וועל אייַנגעבן אין געריכט! — האָט פון יענער זייט טיר די דאַמע געשריגן, — כ'וועל באַלד אָנגעבן אין געריכט — דאָס איז דאָך אַ שרעקלעכער געוואַלט-אַקט!

— כ'האָב אייַך דאָך געזאָגט, איר זאָלט זיך נישט פאַרשפּעטיקן, — האָט געזאָגט דער אַרייַנגעקומענער הויז-פאַרוואַלטער.

— דאָס זענען נישט קיין מענטשן נאָר רוצחים! — האָט די דאַמע ווייטער געשריגן — כ'וועל באַלד אייַנגעבן אין געריכט.

דאָס סאַמע הייליקסטע דאָס בעסטע, וואָס איר קאָנט אין דעם פאַל טון, — האָט דער הויזפאַרוואַלטער צוגעגעבן — דאָרט וועט מען שוין בעסער דעם ענין באַהאַנדלען און משפּטן. מיר קאָנען גאָרנישט טון, ווייַבאַלד ער האָט פרייער פאַרנומען דאָס צימער... און צודעם זענען מיר אין דער ערשטער ריי מחויב צופרידנשטעלן אונדזערע אייגענע לאָקאַטאָרן.

קיסליאַקאָוו, נאָך אַלץ זיצנדיק אויף דער וואַליזע, האָט זיך צוגעהערט צום געשריי פון דער באַלעבאָסטע און, אַראָפּנעמענדיק די פענסנע, האָט ער אָפּגעריבן מיטן פאַצייַלעכל דעם שטערן און די פאַרשוויצטע האָר אויפן קאָפּ, וועלכע האָבן אַראָפּגעטאָרטשעט ווי נאָס געוואָרענע פעדערן אין אַלע זייטן. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן, פון שרעק פאַר זיך אַליין צונויפגעפרעסט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ, און אַזוי אָפּגעשטאַנען אַ געוויסע צייט און אַרויסגעגאַנגען.

XXIV

מיד און אויסגעמאַטערט פונם קאַמף, וואָס ער האָט געפירט די לעצטע צייט, איז קיסליאַקאָוו געגאַנגען איבער דער גאַס, אַליין נישט וויסנדיק וווהין. צו אַרקאַדין האָט זיך אים נישט געוואָלט גיין, ער האָט באַשלאָסן איבערצוּוואַרטן אַ געוויסע צייט, ביז טאַמאַרע וועט ווערן אומרויִק, וואָס מען זעט אים נישט. ער איז אַוועקגעגאַנגען איבער די בולוואַרן, פאַרביי דעם סמאָלענסקי-מאַרק, ווו „געוועזענע מענטשן" האָבן געהאַנדלט מיט אַלטע זאַכן מיט באַזונדערע טיילן פון סערוויזן, מיט געל געוואָרענע שפּיצן, מיט אָפּגעקראַכענע סויבל-גאַרזשעטקעס.

דאָס זענען געווען על-פּי-רוב באַיאָרטע אַריסטאָקראַטקעס מיט שמוציקע הענט און נישט געוואַשענע פּנימער. דאָס איז געווען די אַזוי גערופענע דוואָריאַנישע יתר-הפליטה.

קיסליאַקאָוו איז נישט ווילנדיק אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט, אויס מורא צו באַגעגענען דאָ באַקאַנטע, פאַר וועלכע עס וועט זיין נישט באַקוועם, זיך נישט אָפּצושטעלן און נישט אויסצודריקן קיין מיטגעפיל (אַ גוטע באַקאַנטשאַפט, ווען ער וועט, למשל, דערזען פּאַלוכינען).

דערנאָך איז ער אַוועק אויפן אַלעקסאַנדראָווסקין וואָקזאַל און נעמענדיק אַ בילעט האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַ דאַטשטע-צוג.

אויפן ערשטן פרזשיסטאַנעק איז ער אויסגעשטיגן.

ס'איז געווען אינמיטן סעפּטעמבער. אין דער לופט האָט

זיך שוין געפילט דער געווירציקער ריח פונם הארבסט. ארום און ארום האט מען געזען געלע בראזענע וועלדלעך, וואס האבן פארשלעפערנדיק אראפגעווארפן פון זיך די בלעטער, ס'האבן זיך געשווארצט הארבסטיקע שמוציקע שליאכן צווישן די פעלדער, פון וועלכע מ'האט שוין אראפגענומען די תבואות, און אויף די מעזשעס האבן זיך געזען פעדעמלעך פון פעלד-ריאבי־נעס, וואס זענען שוין געווארן רויטלעך.

אויף די צעאקערטע פויערישע פעלדער האט מען געזען אויסגעשטעלטע זעק איבער די בייטן און פון דארט האט זיך דערטראגן א שטארקער ריח פון קארטאפל-גראז, וואס איז פאר־וועלקט געווא־ן פון די פרימארגנדיקע הארבסטיקע קעלטן. און די פייכטע הארבסטיקע גראזן, באשאטן מיט געלע בלעטער, וואס זענען געווא־ן שפיציק און שארסטקע.

ס'האט געשמעקט מיט ערד און הארבסט.

נאכן שטאטישן טומל, געפילדער און הוי־הא איז דא גע־שטאנען א באזונדערע שטילקייט און קלארקייט.

קיסלאקאוון האט זיך אויסגעוויזן משונהדיק, אז ס'איז נאך פאראן ערגעץ דידאזיקע שטילקייט, פון וועלכער ער האט עפעס איינגאנצן פארגעסן.

ער האט געקוקט אויפן הימל. דער הימל איז געווען א רויקער און דער קאליר זיינער איז אומעטום געווען א גלייכער־אזעלכער, ווי דער הימל איז געוויינטלעך אין די הארבסט־טעג.

אינדערהיך האבן זיך ווי אין א פעדעמל, וואס איז קוים געווען צו זען, געצויגן זיך באטשאנעס, אפפליענדיק אויפן דרום און קוים צו הערן, האבן זיך פון אויבן דערטראגן זייער גע־קלאפעריי מיט די שנאבלען. קיסליאקאוון האט זיך פלוצלינג אויסגעוויזן, אז ער האט פארלוירן די פארבינדונג מיט דערדא־זיקער אייביקער באוועגונג פונם לעבן.

דאס לעבן שטעלט זיך נישט אפ און באוועגט זיך אן אן אויפהער. פאריארן איז דא נאך נישט געווען קיין אייזנבאן, ס'זענען אויך נאך נישט געווען דידאזיקע צוויי זאוואדן מיט די

הויכע קוימענס, נישט געזען דעם רעזיקער ישוב, וואָס איז דאָך אַזוי גיך אויסגעוואַקסן.

אים האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדוכט, אַז מ'דאַרף זיך נאָך צונויפגיסן מיטן דאָזיקן באַוועגנדיקן לעבן, וואָס ווערט געבוירן, אפילו כאָטש אין יענעם ענין, וואָס ער פירט איצט דורך צוזאַמען מיט פּאָלוכינען — נישט איילן זיך, נישט קלאַמערן זיך מיט אַלע כוחות בלויז פאַר דער עקזיסטענץ פון א חיה; דאַן וועט אַלץ זיין גוט. מ'דאַרף געדענקען, אַז ער איז דאָך א מענטש, אַז זיין עצם, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער ערד איינמאָל אין מיליאָנען דורות, איז נישט כדאי צו פאַרלירן אויף אָפּצושלאָגן א צימער ביי א דאַמע מיט אַן אָרדער פון „צעקובו”.

אַן אַלט־טשקער, וואָס איז בשעת־מעשה פאַרבייגעגאַנגען מיט א זאַק אויף די פּלייצעס און מיט א פּייקע, האָט זיך אָפּגעשטעלט און געבעטן פאַררייכערן.

— אַה, ווי שטיל איז ביי אייך, אַלטיטשקער, — האָט יוסליאַקאָוו באַמערקט.

— און איר גופא זענט פון דער שטאָט? אָדער איר וווינט דאָ אויף דאַטשע?

— ניין, איך בין פשוט געקומען אַהערצופאָרן אויף א קליין שעהלע.

— אָפּרוען זיך, הייסט עס, האָט זיך אביסל פאַרוואָלט?

דער אַלטיטשקער איז אַוועקגעגאַנגען און קיסליאַקאָוו איז נאָך לאַנג געבליבן שטיין אויף א הויך בערגל. דערנאָך איז ער פּאַמעלעך אַוועקגעגאַנגען א היים אין א נייער העל געוואָרענער שטימונג.

XXV

נאר דורכגייענדיק דעם וואקזאל-פלאץ, האט ער פלוצלינג דערזען פאלוכינען, וועלכער איז געשטאנען בײַם פרושיטשאנעק און געווארט אויף א טראמוואי.

ער האט פלוצלינג קעגן זיין ווילן, קעגן זיין באוווסטזיין, דערפילט עפעס א סוועגדזשען אין די פיס. האסטיק און העכער ווי ער טוט עס געוויינטלעך, האט ער א רוף געטון פאלוכינען, וועלכער האט זיך פארוואונדערט אומגעקוקט און איז אוועק אים אנטקעגן.

קיסליאקאוון פלעגט שטארק הנאה טון, ווען ער פלעגט ווו נישט איז דערזען פאלוכינען אויף דער גאס, א סך מער, ווי ווען ער פלעגט אים זען אין מוזיי, פונקט ווי אלע וואלטן געזען, ווי באפריינדעט זיי זענען, און האבן גאר געקאנט מקנא זיין קיסליאקאוון.

— ווּהין גייסטו? — האט מיט א פרייליכער באוואונדערונג קיסליאקאוו אים א פרעג געטון.

— כ'וויל צופארן צום סטאדיאן, אבער דו זעסט וואס פאר א גרויסער עולם עס ציט זיך אהין, אוממעגלעך זיך פשוט אריינצופאקן זיך אין טראמוואי ארײַן — האט פאלוכין געזאגט, אנווייזנדיק אויף די איבערפולטע טראמוואיען.

פאלוכינס לעבעדיק אויג, האט געקוקט פרײַנטלעך-באגריסנדיק און דאס גלעזערנע אויג — אומבאוועגלעך, שטאר און פארדעכטיק.

— וואָס איז דען היינט אויפן סטאַדיאָן?—האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט, באַמיענדיק זיך נישט צו קוקן אויף פּאַלוכינס גלע־זערן אויג.

— אונדזוערע קאָמפּן מיט די עסטרייכער.

— וויבאַלד אזוי, טאָ קום, לאָמיר גיין צופוס, ס'איז נישט ווייט פון דאַנען.

זיי זענען אוועק.

ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צום סטאַדיאָן, האָט קיסליאַקאָוו גענומען פּאַלוכינען פאַר דער האַנט, כדי זיי זאָלן נישט פאַר־לוירן גיין איינער פונם אַנדערן אינם געדיכטן המון, וואָס האָט באַלאַגערט דעם אַריינגאַנג צו די טריבונעס. דערביי האָט ער געפילט נאָך א גרעסערן צופלוס פון פריינטשאַפט און ליבע צו פּאַלוכינען צוליב דעם, וואָס ער האָט געקאָנט גיין מיט אים געאָרעמט.

קיסליאַקאָוו האָט נישט געהאַט קיין בילעט. נאָר פּאַלוכין איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון א געזעלשאַפט, צו וועל־כער עס האָט אָנגעהערט דער סטאַדיאָן.

— ער גייט מיט מיר — האָט ער רויק געזאָגט דעם קאָנטראָלער.

אַריינגייענדיק אין הויף פונם סטאַדיאָן און אומקוקנדיק זיך אויפן המון, וואָס האָט באַלאַגערט דאָס טויער, האָט קיס־ליאַקאָוו דערפילט זיין אויסנאַמס־לאַגע און זיין העכערקייט אפילו פון די, וואָס האָבן געהאַט בילעטן.

זיי זענען אוועק אין דער ריכטונג, ווו מ'נעמט אַ בילעט, דערביי האָט פּאַלוכין אַליין אַלץ געטון און קיסליאַקאָוו האָט נאָר געוואַרט.

און פון דעם האָט ער ווי געפילט זיין נאָענט שייכות צו דער פּראָלעטאַרישער אָרגאַניזאַציע.

ער האָט נישט געדאַנקט פאַרשמאַיעט פּאַלוכינען, אַלס זיין נאַטשעלניק, וואָס האָט אים אַזועקגעלייגט ממש דורך זיין העפלעכקייט, נאָר רויק און פשוט געפרעגט:

— נו, וואָס, דו האָסט גענומען? איצט קאָן מען גיין?

ער האָט גערעדט רויק און גלײַכצײַטיק האָט אין אים עפּעס געציטערט פֿונעם נישט געוויינטלעכן פֿרײַנטשאַפֿטס־געפֿיל און אויך פֿון דעם, וואָס ער האָט די מעגלעכקייט אָנצונעמען פּאָלוכינס זאָרגזאַמקייט אַזוי פּשוט, פּונקט ווי בײַ זייערע באַציונגען איז דאָס גאַנץ נאַטירלעך.

פּאָלוכין האָט זיך אָפּט באַגריסט מיט עפּעס פּאַרטיי־טוער ווי ס'האָט אויסגעזען, וויכטיקע פּערזאָנען און אָנווייזנדיק אויף קיסליאַקאָוון, האָט ער צו זיי געזאָגט:

— באַקענט זיך.

אָפּט האָבן זיי, אָפּשטעלנדיק זיך אין גאַנצע גרופּן בײַם באַריער, געשמועסט, געלאַכט און קיסליאַקאָוו, כּדי דער עולם זאָל נישט דערשפּירן, אַז ער איז אַ פֿרעמדער, ווײַל ער איז נישט געווען באַקאַנט מיט דעם, וועגן וואָס מ'האָט דאָ גערעדט און דערבײַ נישט געקאָנט אָנטייל נעמען אינם געשפּרעך — האָט זיך אָפּגערוקט נענטער צום באַריער און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער באַקוקט דעם סטאַדיאָן.

די ריזיקע געבײַדע פֿונעם סטאַדיאָן האָט געהאַט אַן אויסזען פֿון אַן אָוואַלן אַמפֿיטעאַטער, וואָס איז געווען פֿאַרנומען מיט טריבונעס, אויף וועלכער ס'איז געזעסן אַ פֿאַרשידנפֿאַרביקער עולם מיט פֿלאַגן און רויטע פּלאַקאַטעס מיט ווײַסע אותיות. ס'האָבן זיך דאָרט געזען קעפּקעס, היטלען, קאַפּעלושן, רויטע פּאַטשיילעס. און פֿון די דורכגאַנגען האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אַלץ נײַע און נײַע מחנות מענטשן, וועלכע האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעשטראָמט איבער די לאַנגע בענק אַרום.

די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט אויף אַ גלאַט גרין יאָנקעלע אין אַן אָוואַלער פֿאָרם, אויף וועלכער ס'האָט געזאָלט פֿאָרקומען דער פֿוטבאָל־קאַמף און איצט האָבן דאָרט פֿאַרענדיקט אַ פּאַרטיע די צווייטע קאָמאַנדעס.

אַלע אַרײַנגייענדיקע, דערזעענדיק לויפֿנדיקע פֿיגורן אין בלאָע העמדלעך און רויטע רעקלעך, האָבן זיך ציטערנדיק איבערגעפֿרעגט:

— וואָס? ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן?...

— נאָך נישט, דאָס זענען די צווייטע קאָמאַנדעס — האָט עמיצער געענטפערט.

און דער וואָס האָט געפרעגט, הגם ער האָט נישט פאַר־שטאַנען וואָס די צווייטע קאָמאַנדעס זענען אַזוינס, איז דאָך געווען צופרידן מיטן ענטפער, וואָס ער האָט באַקומען, און איז אַוועקגעגאַנגען איבער די רייען, זוכנדיק זיין פּלאַץ.

— ווען־זשע וועט זיך שוין אָנהייבן? — האָט מען אומ־געדולדיק געפרעגט אין די רייען.

— פריער דאַרפן אָט די ענדיקן.

— אָבער צו וואָס דאַרפן מיר זיי? לאָזן זיי אַוועקגיין פאַרענדיקן ערגעץ אַנדערשוווּ. מיר דאַרפן האָבן די עסטרייכער.

— האָט קיין מורא נישט, די עסטרייכער וועלן אויך זיין.

אַ באַזונדער אומגעדולדיקייט האָט אַרויסגעוויזן עפּעס אַ מענטש אין אַ היטל פון אַ טעכניק, וועלכער האָט זיך יעדע מינוט אויפגעהויבן פון זיין אָרט, זיך געבייזערט און שטאַרק געווען עמפּערט: הלמאי דער פוטבאָל־קאַמף האָט זיך פאַרשפּע־טיקט, דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַנידערגעזעצט און אומגע־דולדיק אַראָפּגערוקט אויפן קאָרק דאָס היטל.

ענדלעך האָט זיך, איבער דער ריזיקער מאַסע מענטשן, וואָס זענען געזעסן אויף די בענק אַרום די טריבונעס, זיך אַריבערגעטראָגן אַן אויפגערעגטער שאָרך.

עמיץ האָט אַ געשריי געטון:

— מ׳גייט!

און אַלע האָבן אָנגעהויבן זיך אונטערצוהייבן פון די ער־טער און פאַרלוירן זיך ביים אומקוקן זיך, נישט וויסנדיק, פון וואַנען צו דערוואַרטן דאָס אָנקומען פון די קאָמאַנדעס און דער עיקר — די אויסלענדישע קעגנער.

— אָט, אָט גייען זיי פון טונעל.

ס׳האָבן זיך באַוויזן מענטשן אין מאַרינאַרקעס און פאַל־טעס מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן.

— אָבער ניין, דאָס זענען דאָך פאָטאָגראַפיסטן.

פּלוצלינג האָט דער גאַנצער ריזיקער עולם פונם סטאַדיאָן

אַ ציטער געטון פון די אַפּלאָדיסטמענטן, וואָס האָבן זיך דער־הערט: פונם טונעל איז לייכט אַרויסגעשפּרונגען איין פיגור אין אַ רויטן, דערנאָך אין בלאָען אַנצוג, אין שקאַרפּעטן צוגעשפּי־לעט מיט אַ גומקע און לאַטשן און נאָך אים האָבן זיך אָנגע־הויבן לייכט אַרויסשיטן אויפן גרינעם לאָנקעלע די איבעריקע. די רויטע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די גרינע.

— וועלכע זענען אונדזערע? די רויטע? — האָבן זיך דערהערט אייליקע פראַגן.

— ניין, אונדזערע זענען די בלאָע.

— אַזוי גאָר?

די צושויער האָבן זיך דורכגעקוקט, צופרידן דערמיט, וואָס אונדזערע האָבן, אויס גאַסטפריינטלעכקייט מסתמא, אָפּגעטראָטן די צוגערייזטע געסט זייער קאָליר.

די מוזיק האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ טוש. די רויטע און בלאָע פיגורן, וואָס האָבן זיך פונדערווייטן אויסגעוויזן ווי קליי־נע מענטשעלעך, כמעט שפּיל־פיגורן, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ קרייז אינמיטן, די בלאָע קעגן די רויטע. און איין פיגור אין בלאָען האָט אונטערגעטראָגן די קעגנער אַ גרויסן בוקעט בלומען. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויסברוך פון אַפּלאָדיס־מענטן מצד דער אומגעהויערער גרויסער צאָל צושויער (מער ווי פערציק טויזנט מענטשן).

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ סיגנאַל פון דער קאָמענ־דע, און די בלאָע פיגורן האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די רויטע. אייניקע זענען אַוועקגעלאָפן אויף איין העלפט פונם גרינעם לאָנ־קעלע און די אַנדערע אויף די אַנדערע העלפט.

דער פוטבאָל־מעטש האָט זיך אָנגעהויבן.

ווען די גרויסע פּילקע, וועלכע האָט באַקומען דעם אמתן געשיקטן שטויס פון אונדזער זייט, איז אַוועקגעפלויגן אין דער זייט צו די עסטרייכער צו, האָבן אַלע מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איר נאָכגעקוקט, ווי יענע, די רויטע און די בלאָע פיגורן האָבן זיך געוואָרפן ארום איר, ווי מ׳האָט איר אַטאַקירט מיט די קעפּ פיס, זיך וואַרפנדיק און פאַלנדיק איבערן גראָז! די פיגורן האָבן

זיך צוזאַמענגעפּלאָנטערט אינם המון, און פּלוצלינג האָט די פּיל־קע זיך ווידער אַרויסגעריסן און אַוועקגעפלויגן איבער אַלעמענס קעפּ נאָך ווייטער אין דער זייט צו די עסטרייכער, אַרויסרופנדיק ביי זיי אַ מהומה און צעררודערטקייט.

דער מענטש אין היטל פון אַ טעכניקער איז אויפגעשפּרונגען און מיט אַ וויינענדיקער שטים, מיט וועלכער עס שרייען געוויינטלעך די וואָס פירן אָן מיט די הינט ביי אַ יאַגד נאָך אַ וואָלף, האָט זיך צעשריגן:

— גוט! ווויל! יאַג!..

און ווען די פּילקע האָט זיך שוין אָנגעהויבן פּלאָנטערן צווישן די פיס, נישט ווייט פונם „שונאס" טויער, האָט ער מיט אַ רחמנות קול געשריגן:

— נו! נו!

און מיטן גאַנצן קערפּער געמאַכט אַ באַוועגונג פאָרויס, ווי ער וואלט מיט אַן אינערלעכער אנשטרענגונג געהאָלפן די „אונדזערע".

און ווען דער באַלקיפּער פון די קעגנער, וואָס האָט אָפּגעהיטן דאָס טויער, האָט זיך געוואָרפן אויף דער פּילקע, וואָס איז צו אים צוגעפלויגן און, כאַפּנדיק זי אינמיטן פליען אומגעפאַלן און זיך אויסגעצויגן ווי גרויס ער איז אויפן בויך מיטן פּנים אין שטויב, ווייל ביידע הענט זענען געווען פאַרנומען מיט דער געכאַפּטער פּילקע, האָט דער מענטש אין טעכנישן היטל דער ערשטער אָנגעהויבן שטאַרק צו אַפּלאָדירן דעם געשיקטן קעגנער.

און אַלע טריבונעס זענען פאַרטויבט געוואָרן פון הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן.

זיך אומקוקנדיק נישט ווילנדיק צוריק, האָט קיסליאַקאָוו דערזען דעם סעקרעטאַר פון דער יאַטשייקע מאַסלאָוון.

ער איז נישט געזעסן, נאָר געשטאַנען אין אַ געזעמל מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט וווּ צו זיצן, ביי דער הינטערשטער וואַנט פון דער טריבונע.

קיסליאַקאָוו האָט לעבהאַפטיק אים אַ מאַך געטון מיטן קאָפּ

נאָר מאַסלאָוו האָט נישט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג און זיך אָפּגעקערט. צי ער האָט נישט באַמערקט קיסליאַקאָווס באַגריסונג, אָדער אים איז נישט געפעלן געוועזן, וואָס קיסליאַקאָוו זיצט, מעשה גוטער-פריינט, האַנט ביי האַנט מיט פּאָלוכינען — איז נישט באַוווסט געוועזן. נאָר ביי קיסליאַקאָוון האָט זיך באַוויזן נישט קיין אָנגענעם פּחדימדיק געפיל; ער האָט יעדע מינוט געפילט, אַז הינטער אים שטייט מאַסלאָוו און וועט געוויס איצט זיך צוקוקן צו זיין יעדער באַוועגונג און זי אָנמערקן.

מעגלעך, אַז ער האָט ווירקלעך נישט באַמערקט, ווי איך האָב אים באַגריסט און מעגלעך - ער איז נישט צופרידן, וואָס איך זיץ און ער שטייט ערגעץ פון הינטן? — האָט קיסליאַקאָוו געטראַכט און האָט צערייצט אָנגעקוקט דעם מענטשן אינם טעכנישן היטל, וועלכער, אַרויסרופנדיק אַ שמייכל ביי די שכנים, איז יעדער מינוט אויפגעשפרונגען און געשריגן מיט אַ וויינענדיקער שטים:

— גוט! וויל! יאָג! נו, נו, נאָך!...

קיסליאַקאָוו האָט זיך באַמיט נישט צו טראַכטן וועגן מאַסלאָוון נאָר צום פוטבאָל-קאַמף האָט ער פּלוצלינג פאַרלוירן יעדן אינטערעס.

XXVI

דער מוזיי איז שוין געווען פולשטענדיק רעאָרגאַניזירט. דער פרידלעכער עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע איז געווען פאַרטרעטן דורך צוויי פּעריאָדן -- דורך דער ווידערשטעלנדיקן און רעקאָנסטרוקטיוון.

אין איין זאַל זענען געווען די סכעמען פון די עלעקטראָ-סטאַנציעס: וואָלכאָוו-סטראָי און דניעפּראָ-סטראָי. אויף אַ מאַפּע, וואָס איז געווען באַלויכטן, זענען געווען אָנגעמערקט די אונטערנעמונגען, וואָס זענען שוין געמאַכט געוואָרן און געלאָזן געוואָרן אין גאַנג, — די גרויסע זאַוואָדן, דאָ האָבן זיך אויך געפונען די מאָדעלן פון אַ סך נייע דערפינדונגען, וואָס זענען דערגרייכט געוואָרן און זיך באַוויזן אין דער לעצטער צייט.

פון די אַלטע מיטאַרבעטער-אינטעליגענטן זענען געבליבן זייער ווייניק מענטשן, געאַרבעט האָבן איצט על-פּי-רוב נייע — קאָמסאָמאָלצעס.

געקומען אין מוזיי, איז קיסליאַקאָוו אַריינגעגאַנגען צו פּאָלוכינען אין קאַבינעט אַריין. ביי אים איז דעמאָלט געווען די אויפנעם-שעה. קיסליאַקאָוו האָט זיך שווייגנדיק מיט אים באַגריסט, ווי מיט אַן אייגענעם מענטש, און זיך אַנידערגעזעצט אָן אַ זייט ביים פענצטער.

אויסרייכערנדיק אַ פּאַפּיראָס, האָט ער שוין געוואָלט אַוועקגיין, נאָר כאָלוכין האָט אים אַ רוף געטון און אָפּגעפירט צו אַ וויַיטן פענצטער; די באַזוכער אינטערעסאַנטן האָבן שווייגנדיק

געוואָרט, און ער האָט גענומען איינטענהן מיט קיסליאַקאָוון וועגן דעם, אַז די יאַטשייקע ליגט, דאַכט זיך, אונטער אים אַ מינע, ווייל אים אומוואַרפן און אַזוי אַרום שטייט אים פאַר צו פירן מיט איר אַ קאַמף.

פּאָלוכין האָט, רעדנדיק וועגן דעם, געדרייט דאָס שוואַכ־סטע קנעפל אויף קיסליאַקאָווס בלוזע. יענער האָט, שווייגנדיק, ערנסט נעהערט, וואָס פּאָלוכין דערציילט אים, איבערנעמענדיק זיך שטאַרק דערמיט, וואָס פּאָלוכין האָט אַזויפיל צוטרוי צו אים אַז ער דערציילט אים אַלע סודות און איז מיט אים אַזוי אינ־טים, אַז בעתן רעדן מיט אים, האַלט ער אים פאַרן קנעפל פון דער בלוזע.

— וואָס ווילן זיי? — האָט ער געפרעגט, אַ קוק טוענדיק אויף פּאָלוכינען.

— ס'געפעלט זיי נישט, וואָס איך קאָמאַנדעווע זעלבס שטענדיק, — האָט פּאָלוכין דערקלערט און איז אַוועק צו זיין טיש.

און קיסליאַקאָוו איז אַרויס פון קאַבינעט און אַוועק איבערן קאָרידאָר. די אינטערעסאַנטן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער ריי אויפגענומען צו ווערן, האָבן פאַר אים געמאַכט אַ וואַרע, אומקוקנדיק זיך אויף אים. ווי מען טוט עס געוויינטלעך ווען פון קאַבינעט גייט אַרויס אַ פּערזאָן, וואָס איז אַ מקורב צום נאַטשעלניק.

און קיסליאַקאָוו האָט ווי עפּעס נאַטירלעכס אָנגענומען די דאָזיקע אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז געווען אים צוגעווענדט, נאָר מאַכנדיק זיך, אַז ער באַמערקט נישט די בליקן, וואָס מ'האָט אויף אים געוואָרפן, איז ער אַוועק אין יאַטשייקע.

ער איז געווען אויפגעבראַכט קעגן דער יאַטשייקע, וועל־כע האָט אָנגעהויבן אַ קאָמפּאַניע קעגן פּאָלוכינען און פאַרנומען זיך אים אַראָפּצוּוואַרפן פון זיין שטעל.

קיין איין מינוט צוריק לאָזן זיי נישט — האָט ער זיך גע־טראַכט — וואָס האָבן זיי צו אים?... דער מענטש טוט זיך זיין זאַך און דווקא בשלמות, ווייל און פיין, ניין, — דאַרף מען

אים געבן אַ בריק מיטן פוס אין זייט און אומוואַרפן די אַרבעט זיינע, צעשטערן דאָס וואָס ער האָט אויפגעטון און מאַכן דערפון אַ תל־עולם.

קיסליאַקאָוו איז געווען אומרויק און מורא געהאַט נישט נאָר פאַר פאַלוכינען, — ער האָט געהאַט אַ גרונט מורא צו האָבן פאַר זיך אויך, אַז צוזאַמען מיט פאַלוכינען וועט ער אויך „אַראָפפליען" פון זיין שטעל, דערפאַר נאָר, וואָס ער איז מיט אים צופיל באַפריינדעט. ער האָט זיי גוט פאַרשטאַנען, אַז אין דעם פאַל ווערט שטענדיק אָנגעווענדט דער כּלל, אַז אונדזער שונאס פריינט איז אונדזער שונא און דעריבער דאַרף מען אים באַהאַנדלען, פונקט ווי יענעם.

ביי אים האָט זיך אויפגעהויבן אַ צערייצטקייט קעגן די קאָמסאָמאָלצעס און צייטנווייז האָבן זיך ביי אים ממש געביילט די פויסטן און ער איז גרייט געווען זיי עוקר־מן־השורש צו זיין.

אַריינקומענדיק אין צימער פון דער יאַטשייקע, האָט ער דאָרט געטראָפן אַ גאַנצע פאַרזאַמלונג. עמיצער איז געזעסן אין אַ קאַפקע ביים טיש, אויף אַ הילצערנעם טאַפשאַן עמיצער — אויפן פענצטער, די איבעריקע זענען פשוט געשטאַנען, אַרומרינגלענדיק מיט אַ געדיכטן רינג דעם טיש, ביי וועלכן ס'איז געזעסן מאַסלאָוו.

ביים אָנקלאַפן אין טיר פאַרן אַריינגיין אין צימער, האָבן אַלעמענס פנימער זיך אַ קער געטון צום אַריינגעקומענעם; אויף אַ רגע זענען אַלע פאַרשוויגן געוואָרן, ווי מען ווערט פאַרשוויגן ווען עס גייט אַריין אַ מענטש, וואָס מ'איז בנוגע אים נישט אינגאַנצן זיכער, צי מ'קאָן רעדן אין זיין אָנוועזנהייט, אָדער מ'דאַרף זיך פאַר אים היטן.

פריער וואָלט קיסליאַקאָוו, דערזעענדיק די פאַרזאַמלונג, רויט געוואָרן און זיך אַנטשולדיקנדיק, וואָלט ער פאַרמאַכט די טיר און אַוועקגעגאַנגען. נאָר איצט איז ער דרייסט אַריין אין צימער, ווייזנדיק אַלעמען מיט זיין אויסזען, אַז ער איז אַזאַ מענטש, פאַר וועלכן מ'קאָן רעדן פון אַלץ.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און קוים פאַרנייגנדיק זיך

פאַר מאַסלאָוין, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער פּלייצע פונם ווייסן טשוריקאָוו, פריינטלעך אים אַ וווּנק טוענדיק פאַר דעם.

דאָס געשפּרעך אין צימער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן; לכתחלה נישט דרייסט, דערנאָך, ווי דורכרייסנדיק עפּעס אַ שטערונג. האָט מען אָנגעהויבן אַלע מיטאַמאָל צו רעדן, און גערעדט האָט מען לעבהאַפטיק, מיט היץ און ברען; אַ סך שטימען אינאיינעם.

דאָס געשפּרעך איז געווען אַרום דער אַרבעט אין מוזיי און באַזונדערס וועגן פּאָליוכינען. מ'האָט גערעדט, אַז ער האָט זיך איינגעאַנצן אָפּגעריסן און דערווייטערט פון די מאַסן, די יאַטשייקע איז פאַר אים גאָרנישט, ער רעכנט זיך נישט מיט איר און האַלט נישט פון קיין שום געזעלשאַפטלעכע אַרבעט בכלל.

— אַהאַ, איך האָב אים דאָך דאָסזעלבע געזאָגט! — האָט קיסליאַקאָוו אינדערהייך געזאָגט.

און האָט דערפילט, אַז ער האָט עס געזאָגט אַזוי פריי, ווי עס רעדט אַ מענטש, וועלכער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן און דאַרף קיינעם נישט צו חנפענען.

— איך האָב אים נישט איינמאָל געזאָגט, און ער וויל אַליין זיך אויספּיינען פאַר אייך מיט אַ פאַרענדיקטע אַרבעט — האָט קיסליאַקאָוו ווייטער געצויגן — ער שעצט אייך זייער. ער האָט דאָך אָנגעהויבן דערמיט, וואָס ער האָט אייך אוועקגעשטעלט אויבן-אָן, אויפן ערשטן פּלאַץ, פאַר אים איז דאָך דאָ ווער געווען...

— מיר דאַרפן נישט האָבן קיין אויבן אָן און קיין ערשטן פּלאַץ, — האָט מאַסלאָוו זיך אָנגערופן — מיר דאַרפן געזעלשאַפטלעכקייט אין דער אַרבעט, אָט וואָס אונדז פעלט. ווען נישט קאָנען ווירקלעך זיין ווערטפולע רעזולטאַטן אין זין פון אויפטון, אבער אין זין פון געזעלשאַפטלעכקייט — גאָרנישט.

קיסליאַקאָוו האָט דערפילט, אַז ער האט זיך דערשראָקן ביי דער ערשטער העלפט פראַזע, וועלכע מאַסלאָוו האָט אַרויסגערעדט עפּעס אַזוי הארב, נישט קיין קוק טוענדיק אויפן פאַרטיידיקער, נאָר די צווייטע העלפט פון זיין פראַזע — וועגן די

ווערטפולע רעזולטאַטן – האָט אים געצוווּנגען לייכטער אָפּצואָטעמען: זי איז געזאָגט געוואָרן אַ סך ווייכער, פונקט ווי קיסלאַקאָווס ווערטער לטובות פּאָלוכינען האָבן געהאַט אַ ווירקונג און מאַסלאָוו האָט זיי גענומען אין אַכט און אָנערקענט די ריכטיקייט פון זיין, קיסליאַקאָווס, אָפּשאַצונג, וועלכע ער האָט געמאַכט פון פּאָלוכינס טעטיקייט.

– ווען ניִשט, ווירקלעך — האָט מאַסלאָוו ווייטער אַנטוויקלט זיין געדאַנק – באַקומט זיך אַ מאָדנע זאַך, אַז דער אינטעליגענט ווייזט זיך אַרויס אַלס נאָענטערער מענטש פאַר אונדז איידער דער אייגענער קאָמוניסט — פּראָלעטאַריער.

קיסליאַקאָוו האָט ביי דערדאָזיקער אומגעריכטער פּראַזע קוים איינגעהאַלטן דאָס פּנים פון ספּאָנטאַנע פריידיקע באַוועגונגען, ער האָט נאָר געמאַכט אַ באַוועגונג מיטן גאָרגל, ווי עפּעס איינצושלינגען. ער האָט געהאַט אַזאַ געפיל, ווי ס'האָט אַ זעלנער, ווען ער כאַפּט אויף זיך דעם גענעראַלס בליק, אָנגעשטעלט אויף אים און האָט זיך אַלץ געמאַטערט דערמיט און דערנאָך איז ער מיט שרעק אַוועקגעגאַנגען, אָפּוואַרטנדיק צו באַקומען אַ פאָרוואורף. און פּלוצלינג, אנשטאָט אַ פאָרוואורף, האָט ער באַקומען אַ „געאָרגי" פון דער ערשטער מדרגה *).

קיסליאַקאָוו האָט פאַר זיך באַמערקט, אַז ביי אים איז גאַנץ געלונגען די פאַרטיידיקונג פון פּאָלוכינען. ער האָט, פאַרטיידיקנדיק אים, גלייכציייטיק אים אַפילו ווי באַשולדיקט (און דעריבער זיך אַרויסגעוויזן אַלס פולשטענדיק אָביעקטיווער ריכטער) נאָר גלייכצייטיק האָט ער געזאָגט, אַז פּאָלוכין שעצט זייער די מיטגלידער פון דער יאַטשייקע און דערמיט האָט ער אַביסל ווייכער געמאַכט זייער פיינטלעכע שטימונג.

און דער עיקר – ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פּחד זיינער איז געווען אַן אומזיסטיקער. מאַסלאָוו האָט קעגן אים – קיסליאַקאָוון אנטשידן גאָרנישט. און מ'נעמט אים דאָ אויף, ווי אַן אייגענעם מענטשן.

---

*) אַן אויסצייכנונג פאַר העלדישקייט בעת אַ שלאַכט.

ער האָט געוואָלט אַוועקלויפן צו פּאָלוכינען, כּדי אים צו דערציילן וועגן זיין געלונגענער פאַרטיידיקונג בנוגע אים, נאָר דערמאָנענדיק זיך, אַז די קאָמסאָמאָלצעס וועלן עס זען און אויסטייטשן אויף זייער שטייגער זיין געשפּרעך מיט פּאָלוכינען, האָט ער זיך צוריקגעקערט, ווען ער איז שוין געהאַט געווען ביי דער סאַמער טיר פון פּאָלוכינס קאַבינעט.

XXVII

אין הויפט באַצירק — אין זיין אַמט — האָט קיסליאַקאָוו זיך געפילט ווי אַ מענטש, וואָס איז שוין אַריבערגעטרעטן יענעם זייט ברעג, ד. ה. זיכער, אַז ער איז שוין דאָרט איינגעפונדעוועט און האָט נישט וואָס מורא צו האָבן פון דאָרט אַרויסגעשטויסן צו ווערן. ס'איז נאָך אָבער געבליבן איין ענג אָרט אינם טייך פון זיין לעבן, דאָס איז געווען זיין קאַמף מיט דער פּיאָנערן-אָפּטיילונג אויף בודעניס נאָמען.

די אָפּטיילונג, וואָס איז די לעצטע צייט נאָך שטאַרקער געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ בייזע קראַפט, וועלכע האָט אַוועקגעשטעלט אַ פּאַרציימונג און שטערונג, כּדי קיסליאַקאָוו זאָל נישט קאָנען אַריבערטרעטן אין גאַנצן אויפן צווייטן ברעג און נאָך אַלץ האַלטן זיינס אַ פוס אויף דעם זייט ברעג.

ער האָט נישט געקאָנט אַריין אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פונם הויז, ווו ער האָט געוווינט, אַזוי ווי ער איז אַריין אינם לעבן פון זיין אַמט. די פּיאָנערן-אָפּטיילונג האָט אים קאָמפּראָמיטירט דורך איר אומאויפהערלעכער ענערגיע. און דער פּועל-יוצא פון דעם, וואָס די פּיאָנערן האָבן אַלץ נאָכגעזוכט אויף אים חטאים, איז געווען דאָס וואָס אויף אים האָט זיך געבילדעט אַ מין שימל פון אַ „פרעמדן עלעמענט". און אַלס מענטש מיט אַזאַ פלעק, האָט ער בשום-אופן נישט געקאָנט און נישט געהאַט קיין

אויסזיכטן זיך צו באהעפטן צו דער געזעלשאפטלעכקייט פונם הויז און אזוי ארום זיך אריבערכאפן אויף „יענעם זייט ברעג".

א געוויסע צייט האט ער געפילט, אז מ'האט אים אויפגעהערט צו רודפן און געלאזט צו רו, מ'האט ווי פארגעסן אן אים. נאר דאס האט זיך גענומען דערפון, וואס די אפטיילונג איז צייטווייליק געווען שטארק פארנומען מיט אירע אינערלעכע אנגעלעגנהייטן און עסקים. דער אפטיילונג איז אויך אויסגעקומען נישט אויסצומיידן א טיילווייזע דעמאראליזאציע. דאס ערשטע מאל פאר דער גאנצער צייט, וואס די אפטיילונג האט עקזיסטירט, איז ארויסגערעדט געווארן אין איר סביבה דאסווארט, „פארשוועגדונג". דער בנאק פיעטשאנקין, וועלכער האט העלדיש מיטגעמאכט ביז איצט אלע נסיונות, איז געשטרויכלט געווארן און זיך אויסגעגליטשט. ער האט פארוואלטעט מיט דער קאסע פון דער אפטיילונג און ווען מ'האט געבראכט צופירן פונם דרום א סך ארבוזן, וועלכע זענען געלעגן אין גאנצע שטויסן אויף די גאסן פאר די פרוכטן-ביידלעך, האט ער זיך ווי א משוגענער, ארומגעדרייט ארום דידאזיקע ארבוזן. זיין פארנעפלטער קאפ האט אנגעהויבן פארפאלגט צו ווערן דורך א געדאנק, — ער אליין זאל אויפעסן א גאנצן ארבוז, כדי זיך אנצועסן, ווי ס'געהער צו זיין.

דער ארבוז, וועלכן די אפטיילונג האט תחילת געקויפט און וועלכן מ'האט אויפגעגעבן מיט אן אגיטאציע-צוועק, האט נאך פאנאנדערגעבלאזן דאס פייערל, וואס האט געטליעט אין פיעטשאנקינען, אבער עס פאנאנדערגעבלאזן אין א פלאם-פייער פונם שטארקסטן חשק, אז דער קליינער פיעטשאנקין האט נישט געקאנט אויסהאלטן דעם נסיון און איז געשטרויכלט געווארן.

ער האט אוועקגעגנבעט געזעלשאפטלעך געלט, — זיבעציק קאפעקעס, געקויפט אן ארבוז און פארקלייבנדיק זיך אין סאמען ווייטן ווינקל פון הויף, האט ער פון אים דארטן געמאכט א סוף, אזוי ווי ער האט עס אויסגערעכנט צו טון.

דאס איז געווען לייכטזיניק, נאריש און דערעיקרשט — מ'האט עס באלד אנטדעקט: סאניא טוזיקאוו האט זיך אנגעשטויסן

אויף אים, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אויפפרעסן דאָס לעצטע שטיקל און אויסלעקנדיק די שאָלן ביזן ווייסן פלייש פון דער קאָרע. די באַקן זענען ביי אים געווען רויט פונעם אַרבוזן־זאַפּט; ער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן אינעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך געהאַט אַריינגעגריזשעט אינעם קיילעכדיקן דעקל פונעם אַרבוז, האַלטנדיק אים מיט ביידע הענט.

דערדאָזיקער טאַט פיטשאַנקינס איז באַלד איבערגעגעבן געוואָרן צום משפט פון דער געזעלשאַפטלעכקייט. און די זעלשאַפס האָט אים טאַקע פאַרמשפט.

אין די קושאַקעס זענען פאָרגעקומען עטלעכע עקסטראַ־זיצונגען, דערביי האָבן אפילו גאָר די קליינע מיטגלידער, — וועלכע האָבן פון פיטשאַנקינס „פאַרשווענדונג" געליטן אפשר קוים אויף איין קאָפּיקע, — זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פאַרהאַנדלונג פון דער פראַגע וועגן די דעמאָראַליזאַציע און פאַרדאָרבנקייט פון איינעם פון די עלצטע מיטגלידער פון דער אָפּטיילונג.

אויף א רגע האָט זיך ביי אַלע אַ טרייסל געטון דער גלויבן: וועמען קאָן מען איצט גלויבן? צו וועמען האָבן צוטרוי? וועמען קאָן מען איבערגעבן די קאַסע פון דער אָפּטיילונג? די „מאַסן" זענען נאָך געווען שוואַך צוליב דעם, וואָס זיי זענען נאָך געווען יונגע קינדער און רעכענען און ציילן האָבן זיי על־פּי־רוב געקאָנט בלויז ביז צען.

פיטשאַנקין אַליין האָט מער פון אַלע, דאַכט זיך, געפילט שטאַרק דערשלאָגן, ממש דערהרגעט דורך זיין דורכפאַל. קיינער האָט אים נאָך נישט געזען אין אַזאַ דערשלאָגענעם, דערנידעריקטן צושטאַנד און מיט אַזאַ שווער געמיט, ווי איצט, בעזונדערס איז דאָס געווען צו זען, ווען ער האָט זיך געשוווירן, געשוווירן זיך ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל ביי אים און דאָס וועט אויך זיין דאָס לעצטע מאָל. ער איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען ווי אַן אמתער בעל־תשובה און ס'איז געווען ממש אַ רחמנות זיך צוצוקוקן, ווי ער האָט זיך

פון דעם געפייניקט. ער האָט צוגעזאָגט באַלד צו דעקן די פאַרשווונדטע „געלטער“.

ווען מ׳האָט אים געפרעגט, פון וועלכע קוועלן וועט ער דעקן די דאָזיקע „געלטער“ איז פּיעטשאַקין געבליבן אין א פאַרלעגנהייט און אָנהייב נישט געוווסט, וואָס אָפּצוענטפערן אויף דעם, ער האָט אָנגעהויבן צו שטאַמלען עפּעס און לסוף געזאָגט, אַז ער וועט אַוועקגנבענען געלט ביי דער מוטער, אַבי נאָר צו דעקן יענע געלטער. אַלע זענען געווען אין א פאַרלעגנהייט און האָבן נישט געוווסט, וואָס צו טון. ס׳האָט זיך באַקומען אַ פאַרפּישופּטער קרייז: איינמאָל איז ער שוין באַגאַנגען אַ גנבה, און איצט, כּדי מתקן צו זיין זיין עבירה וועט ער דאָס צווייטע מאָל באַגיין א גנבה, אמת טאַקע ביי דער מוטער, ד. ה. ביי אַ פרעמדן עלעמענט.

די דאָזיקע פראַגע האָט מען באַהאַנדלט און דעבאַטירט אויף עטלעכע זיצונגען און דאָך האָט מען נישט געקאָנט קומען צו קיין באַשטימטן באַשלוס.

לסוף האָט מען באַשלאָסן, אַז קיין גנבה („אַרויסנעמען“ ווי פּיעטשאַנקין האָט עס אָנגערופן) זאָל נישט אָנגעווענדט ווערן כּדי צו דעקן די פריערדיקע גנבה, ווייל דעמאָלט וואָלט געווען אוממעגלעך זיך צו אָריענטירן און געפינען א חילוק צווישן אויסגלייכן די קאַסע אויף א געזעצלעכן און נישט געזעצלעכן אופן. מיט איין וואָרט, אַז פּיעטשאַנקין זאָל נישט באַגנבענען זיין מוטער, הגם זי געהערט צו א פרעמדן עלעמענט. געענדיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס מ׳האָט פּיעטשאַנקינען פאַרגעלייגט צו דעקן די פאַרשווונדטע געלטער דורך ראַטעס.

די אָפּטיילונג האָט זיך צו יענער צייט פאַרגרעסערט אַ דאַנק דעם, וואָס עס זענען אין איר אַריינגעטרעטן נייע מיטגלידער און האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן אויטאָריטעט צווישן דער באַפעלקערונג פון הויז. דעסטאָ מער איז געווען שווער דער קלאַפּ, וואָס די אָפּטיילונג האָט אומגעריכט באַקומען דורך דער התחלה פון א פאַרוואָרבנקייט אינם סאַמע מיטן האַרצן פון דער אָפּטיילונג.

די אָפּטיילונג האָט נאָך אַלץ נישט געהאַט איר טעריטאָריע און די רעדאַקציע פון דער אָפּטיילונג, ווי אויך די גאַנצע ווירטשאַפטלעכע אָפּטיילונג האָבן, ווי פריער זיך געפונען אַ ווייטן קלאָגעדיקן ווינקל פון קאָרידאָר ביי דער דירה נומער 6 נישט האָבנדיק צו איר רשות אפילו דאָס נייטיקסטע מעבל-שטיק, ווי א טיש און שטולן.

א דאַנק דעם איז דער רעדאַקטאָרישער און קינסטלערישער טייל פון דער צייטונג אויסגעפירט געוואָרן ליגנדיק אויפן בויך. און בשעת דערדאָזיקער אַרבעט זענען פאַרביי די רעדאַקטאָרן און צייכנער דורכגעגאַנגען די חברים, אַרויפטרעטנדיק אויף די בייגן פּאַפּיר און פאַרבן און אריבערשפּאַנענדיק איבער די פיס און קעפּ פון די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער. און חוצדעם פלעגן אַהין צוקומען די הינט (די פּריינטלעכע), וועלכע האָבן געדרוקט די נעזער אין דיזעלבע פאַרבן, וואָס זענען געווען צעפירט אין פּאַדלאָגע און זענען אַרומגעגאַנגען איבער די פאַנאַנדערגעלייגטע בייגן פּאַפּיר, די צייטונגען זענען אָפט דערשינען מיט שמוציקע שפּורן פון הינטישע פיס.

די אָפּטיילונג איז געווען איינגאַנצן פאַרנומען מיט דער ליקווידאַציע פונם אינצידענט מיט פּיטשאָנקינען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דערזעלבער צייט, האָט זיך באַפרייט דאָס צימער נומער 9 און אַז דאָס צימער האָט אונטער דער נאָז פון דער אָפּטיילונג פאַרכאַפּט, מיט דער מיטהילף פון דער הויזפאַרוואַלטונג, איפּאָליט קיסליאַקאָוו און דאָרט געוווינט שוין עטלעכע טעג רויק, פעסט און זיינע רעכט אויפן דאָזיקן צימער.

די אָפּטיילונג האָט אונטערגענומען א קאָמפּאַניע קעגן קיסליאַקאָוון. זי האָט אין יעדן נומער פון איר צייטונג געדרוקט אַרטיקלען וועגן די באַדינגונגען און דער אַרבעט פון דער אָפּטיילונג אין צוזאַמענהאַנג מיט די העכסט לעכערלעכע וווינונגס-באַדינגונגען.

אין איינעם פון די נומערן איז צום ביישפּיל, געווען באַשריבן די זיצונג פון דעם רעדאַקציע-קאָלעגיום מיט דער באַטייליקונג פון נישט געוווינטלעכע אַסיסטענטן: נעבן די רעדאַק-

פֿאַרן – צווײ הינט, וואָס זענען אהין געקומען און געשטאַנען אויף א צײַטונגס-בויגן.

און אין דערזעלבער צײַטונג, אין יעדן נומער, האָט מען דערציילט וועגן קיסליאַקאָווס לעבן, באַשרײַבנדיק עס מיט מאָ-לערישע בולטע פאַרבן. ס'איז געווען געשילדערט דאָס בילד, וויאזוי ער האָט פאַרנומען דאָס צימער, זײַן לויפן אויף פֿריִען מיט דער דאַמע פֿון צע-קו-בו, און לסוף די היפּאָטעזע וועגן זײַן צוקונפֿט אין דער דירה נומער 9: ס'איז געווען געשילדערט ווי איבער די קאָרידאָרן און א סוף ציִען זיך טירן און אויף יעדער פֿון זיי איז פאַראַן אן אויפשריפט: „דאָס צימער פֿון איפּאָליט קיסליאַקאָווס געוועזענער פרוי".

אפֿנים דער געדאַנק פֿון די מחברים איז געווען דער, אז אויב קיסליאַקאָוו האָט זיך געגט און א דאַנק דעם פאַרנומען א באַזונדער צימער, איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אז דיזעלבע אָפּעראַציע וועט זיך איבערחזרן כסדר אָן א סוף, ד. ה., אז ער וועט נאָך א סך מאָל חתונה האָבן, זיך גטן, און זײַנע ווײַבער וועלן בלײַבן בײַ זײַערע שטובן און ער וועט יע-דעס מאָל באַקומען נײַע שטובן. און דאָס אַלץ קומט פֿאָר בעת די אָפּטיילונג, א געזעלשאַפֿטלעכע אָרגאַניזאַציע, כּוז זיך טיילן מיט איר פּלאַץ מיט אַלע שכנישע הינט, וועלכע (די הינט און נישט די שכנים) זענען אפילו אז אויף דער פּאָדלאָגע זיצן מענטשן, הייסט עס, און קריכן פֿינדעסטוועגן ווען עס גלוסט זיך מיט די נעזער אין די באַנקעס מיט פֿאַרב און שפּאַצירן אַרום מיט די שמוציקע לאַפּעס איבער די צײַטונגס-בויגן פּאַפּיר.

די צײַטונג פֿון די פּיאָנערן און די קאָמפּאַניע, וואָס זיי האָבן אין איר געפֿירט קעגן קיסליאַקאָוון, האָבן געבראַכט דערצו, אז קיסליאַקאָווס מאָראַלישע רעכט זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן מיט יעדן טאָג אפילו אין די אויגן פֿון דער דערוואַקסענער באַפֿעלקערונג פֿון הויז. אפילו ער אַליין האָט אָנגעהויבן זיך פֿילן, אַלס עפּעס א „געשטעמפּלטער", אַלס א מענטש, איבער וועלכן עס לאַסטעט א פֿאַרברעכן. ווען ער פֿלעגט דורכגיין צו זיך א היים און הינטער זיך פֿאַרנעמען עמיצנס א געלעכטער,

האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דאָס לאַכט מען פֿון אים. אפֿילו ווי נאָר ער פֿלעגט זיך דערנענטערן צום הויז, האָט אים שוין אָנגעהויבן צו נאָגן אונטערן האַרצן אין דערוואַרטונג, וואָסער נײַעס אים וועט הײַנט אונטערטראָגן דידאָזיקע בײזע קראַפֿט.

זײַן גאַנץ פּריוואַט פּערזענלעך לעבן איז געווען פֿאַרביטערט. ער האָט געלעבט ווי אונטער אַ גלעזערנעם צילינדער. אים האָבן פֿאַרפֿאָלגט צענדליקער פּאָר אויגן און זײַן קלענסטער פֿעלער, די קלענסטע אומגעשיקטקייט און פֿאַרזעענע זאַך פֿון זײַן זײַט האָט זיך באַלד אָפּגעשפּיגלט אויף די ווענט-אַנאַלן פֿון דער אָפּטיילונג. באַלד איז דאָס פֿאַרצייכנט געוואָרן אויף דער וואַנט ווערטלעך אָדער אין אַ קאַריקאַטור מיט אַ געהעריקער גיפֿטיקער אונטערשריפֿט.

דאָס געפֿיל פֿון נישט זיכערקייט און שוואַכקייט און אויך פֿון דעם, אַז ער איז עפּעס ווי פֿאַרמשפּט, האָט בײַ אים אַוועקגענומען יעדן פֿאַרלאַנג און נישט געגעבן די מעגלעכקייט צו ברענגען זײַן נײַע וווינונג צו אַן אָנשטענדיקן אויסזען... צוואָס זאָל ער ברענגען אָרדענונג אין זײַן דירה און זי אויספּוצן, ווען מ'קאָן אים אין איין שיינעם טאָג פֿון דאָ-ט „אַרויסרייכערן"? צוואָס זיך לאָזן אויף דעם קאָסטן און אָנווענדן מי, ווען ער איז נישט זיכער, צי בלײַבט ער דאָ און צי אַ ליאַדן טאָג הייסט מען אים נישט מוחל זײַן פֿון דאַנען? און ער האָט זיך דעריבער באַגניגנט דערמיט, וואָס ער האָט געקויפֿט אַ פּראָסט אײַזן בעט, אַ טיש און צוויי שטולן. אויב ס'איז אויסגעבראָכן געוואָרן אַ שויב, האָט ער נישט אַרײַנגעשטעלט קיין נײַע, נאָר פֿאַרשטעלט זי מיט אַ טאָוול, וואָס ער האָט אָפּגעריסן פֿון אַ קאַסטעבוך.

חוצדעם וואָלט יעדער טריט זײַנער זיך אײַנצואָרדענען אין דער נײַער וווינונג און זיך מאַכן אין איר באַקוועם אַרויסגערופֿן אַ נײַע פֿאַרביסענע קאָמפּאַניע פֿון דער צייטונג קעגן אים. און די קאָמפּאַניע וואָלט געפֿירט געוואָרן אויף דער טעמע, אַז בעת באַזונדער־ע עלעמענטן פֿון דער בורזשואַזיע באָדן זיך אין תענוגים, וואַלגערט זיך די אָרגאַניזאַציע אויף

דער גאָלער פּאָדלאָגע אין דער געזעלשאַפט פון הינט.

אוז בעת אין אמת איז ער שוין געווען אַן אייגענער מענטש; געאַכט, געשעצט און אָנערקענט, איז דאָ אים אויסגעקומען צו שווייגן. אפילו אין אמת האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן צו דערציילן פון די צרות, וואָס ער האָט מיט זיין דירה, כּדי זיך נישט צו קאָמפּראָמיטירן אין קלאַסן-הינזיכט.

ער איז געווען פולשטענדיק מאַכטלאָז צו קעמפן מיט דער אָפּטיילונג. מיט וואָס האָט ער דען געקאָנט אָפּענטפערן אויף די גיפטיקע אַרויסטרעטונגען קעגן אים? קלאָגן זיך אין דער הויז-פאַרוואַלטונג האָט ער שוין געפּרוווט. ס'איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. איבערגיין אפשר צו א קאַמף מיט דער הילף פון פויסטן? גיבן פעטש די מחברים פון די רכילותדיקע אַרטיקלען און נאָטיצן? נאָר דאָס איז געווען אוממעגלעך. דערלאַנגען אויף זיי אין געריכט? אויף וועמען וועט ער איינגעבן? אויף קינדער וואָס דער עלצטער פון זיי איז קוים אַלט דרייצן יאָר און דער יינגסטער — דריי יאָר? מ'וואָלט דאָך דאַן געלאַכט פון אים אין די פויסטן אַריין. וואָס פאַר א פּנים וואָלט ער האָבן, זיך צו פּראָצעסירן מיט קליינע קינדער? און גלייכצייטיק איז נישט געווען וואָס צו לאַכן. די קליינע ווייסע-חבריהניקעס ליגן אים ממש ווי א ביין אין האַלדז און פאַרביטערן אים דאָס לעבן נישט אויף קיין קאַטאָוועס. וואָס-זשע טוט מען?

און דאָס איינציקע וואָס אים איז געבליבן צו טון אין אַזאַ לאַגע, איז געווען, — צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן און ווערן נאָכגיביק, אונטערצוקויפן זיי נישט מיט קיין געלט חלילה — דאָס וואָלט דאָך געווען אמתע „לאַפּוועקע" און פון דעם האַלט ער נישט, — נאָר דערמיט, וואָס ער וועט זיי פאַריכטן די פּילקע, וועלכע זיי האָבן ערגעץ אַוועקגעגנבעט, אָדער זיי פאַר-לייגן קאַרמעלקעס, וואָס ער האָט כּלומרשט צופעליק געפונען ביי זיך אין טאַש.

נאָר דאָס וואָלט אויך נישט געהאָלפן, ווייל אויף דעם, ד. ה. אז מ'זאָל די יאַטן נישט קאָנען אונטערקויפן, האָבן אַכטונג געגעבן די עלטערע מיטגלידער פון דער אָפּטיילונג און די

אָנפּירער, נישט דערלויבנדיק די „מאַסן", וואָס האָבן אַ שוואַכ־קייט צו נאַשערײַ זיך צו דערנידעריקן פאַרן שונא, וועלכן מ׳דאַרף אומבארחמנותדיק דערעסן די יאָרן און זען אים „אויעק־צוליינג" אַזוי, אַז ער זאָל שוין קיינמאָל קיין תחית־המתים נישט אויפ־שטיין.

דער הויזפאַרוואַלטער, וועלכער האָט פריער טיילמאָל זיך געשטעלט אויף זיין צד, ווי, למשל, אין דער אָנגעלעגנהייט פון פאַרכאַפּן דאָס צימער, האָט זיך איצט אינגאַנצן אָפּגערוקט אָן אַ זייט, נאָכדעם ווי ער האָט אַמאָל באַקומען אַ פּאָרציע אין דער צייטונג, הלמאי ער איז נישט ווי געהעריק אָביעקטיוו און אומ־פּאַרטייאיש. איצט האַלטנדיק פונם כלל „מאָיאַ כאַטאַ ז׳ קראַיו", וויל דער הויז־פאַרוואַלטער פון גאָרנישט וויסן און טראַכט זיך זיכער: פונמיינעטוועגן שלאָגט זיך אַלע מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט.

ווען קיסליאַקאָוו איז געגאַנגען צו אים מיט אַן אָנקלאַגע, האָט ער באַלד געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז פאַרנומען און איילט זיך ערגעץ. ווען קיסליאַקאָוו פלעגט אים אַמאָל טרעפן אַרומגיין פּוסט־און־פּאַסט, אַזוי אַז יענער האָט זיך שוין נישט געקאָנט פון אים אַרויסדרייען מיט אַ תירוץ, אַז ער איז פאַרנו־מען, האָט יענער שווייגנדיק אויסגעהערט קיסליאַקאָוון מיט אַ באַ־לײַדיקנדיקער גלייכגילטיקייט און אפילו דערבײַ אַרויסגעקוקט פון פענצטער, פונקט ווי דער אינטערעסאַנט וואָלט אים שטאַרק דערעסן.

און איינמאָל האָט ער אפילו געזאָגט:

— ווייסט איר וואָס... ציט זיך אַרויס פון דאַנען... סיי־ווי־סיי וועט איר האָ נישט פאַרבלייבן ווינען. מיט דיזאַזיקע טייוו־לאָנימלעך איז, בײַ אייער לאַגע, בשום־אופן נישט מעגלעך צו קעמפן. ס׳איז אַן אומזיסטע טרחה.

קיסליאַקאָוו האָט פון אַזאַ אומגעריכטער דערקלערונג שיער נישט באַקומען קיין האַרץ־אַטאַקע. ער האָט אויפהייבנדיק די שטים, גע־וואָלט אַ פרעג טון: וואָס הייסט בײַ „אייער לאַגע"? וואָס פאַר אַ לאַגע מיינט איר עס... נאָר ער האָט זיך, ער ווייסט אַליין

נישט פאַרוואָס, אָפּגעהאַלטן זיך פונם פרעגן. און דערנאָך זיך א גאַנצן טאָג געקווילט, הלמאי ער האָט דעם הויז-פאַרוואַלטער נישט איבערגעפרעגט, וואָס פאַר א לאַגע ער האָט געמיינט. קיסליאַקאָוו האָט זיך שטאַרק געקווילט צוליב דעם, ווייל נישט שטעלנדיק דעם הויזפאַרוואַלטער דידאָזיקע פראַגע, האָט ער אים געגעבן דאָס רעכט צו טראַכטן, אַז ער, קיסליאַקאָוו, ווייסט אַליין גאַנץ גוט וואָס פאַר א לאַגע ער האָט אין באַגריף און וויל בעסער, אַז מ'זאָל וועגן דעם נישט רעדן.

און נישט דעצידירנדיק צו פרעגן דעם זשאָנדצע, האָט קיסליאַקאָוו צוליב דעם, וואָס ער האָט אויף א רגע מורא גע־קראָגן נאָכדעם ווי יענער האָט אים דערקלערט, אַז פאַר אים וואָלט גלייכער געווען זיך אַרויסצוציען פונם דאָזיקן הויז.

די מורא האָט זיך גענומען פונם געדאַנק, אַז אפשר האָט ער זיך בשגגה פאַרשולדיקט אין עפּעס אַזעלכעס פון וועלכן ער אַליין הייבט נישט אָן צו וויסן.

— וואָס טוט מען? — האָט זיך קיסליאַקאָוו געבראָכן דעם קאָפּ, נישט קאָנענדיק זיך קיין עצה געבן.-גיין צום זשאָנדצע שוין א געוויסע צייט נאָכדעם ווי ער האָט געלאָזט פאַלן יענץ וואָרט, איז געווען אוממעגלעך. און אים איז אויסגעקומען, אָנ־שטרענגענדיק דעם זכרון, אַרומצוגיין אַליין קוועטשנדיק מיט די פּלייצעס, אַראָפּנעמענדיק און אָנטוענדיק כסדר די פענסנע, און טראַכטן ברעכן דעם קאָפּ און אַריינקלערן, וואָס קאָן עס זיין, וואָס האָט עס דער זשאָנדצע געקאָנט מיינען מיט די ווערטער, ביי אייער לאַגע, אויף וואָס האָט ער עס געקאָנט מרמז זיין?

גוט וואָלט געווען, ווען ער וואָלט מרמז געווען נאָר אויף דעם, וואָס ער האָט אים אַלס אַן אינטעליגענט פאַר א ווייניק־באַרעכטיקטן עלעמענט, ווי די פּיאָנערן-אָפּטיילונג אויף בודעניס נאָמען און וואָס טוט מען אויב ער זאָל האָבן געמיינט נאָך עפּס ער־גערס?...

זייט יענעם מאָמענט האָט קיסליאַקאָוו ביים באַגעגנען זיך מיטן זשאָנדצע זיך באַמיט אָפּצוקערעווען אָן א זייט, און ווען

יענער איז געגאַנגען פֿון הינטן — האָט קיסליאַקאָוו געפֿילט נישט קיין אָנגענעמען ציטער אינם רוקן.

ס'איז געבליבן איין מיטל: צו אַנטלויפֿן אין אַזאַ אָרט, וווּ מ'האָט אים נישט געקענט.

ער האָט געהאַט הצלחה.

עפּעס על־פּי־נס האָט ער געפֿונען אַ צימער אין אַ ווייטן ראַיאָן.

און דאָס ענגע אָרט אויפֿן פּראַנט פֿון זיין לעבן האָט אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן.

XXVIII

דאָס נייע צימער ווו קיסליאַקאָוו האָט איצט געוווינט, איז געווען אויף יענער זייט טייך, אויפן פינפטן שטאָק.

און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטון, איז געווען, וואָס ער איז אַוועק צי דער הויזפאַרוואַלטונג אין ביוראָ.

דאָרט איז געזעסן אַ מענטש אין אַ מאַרינאַרקע, וואָס פאַר־שפּילעט זיך פון ביידע זייטן, אין לאַנגע נישט געשווירענע האָר; דערנאָך זענען אַרייַנגעקומען נאָך צוויי, ענלעך אויף שטודענטן אָדער קאָמסאָמאָל צעס.

טיילמאָל טרעפט אַז אַ מענטש געפינט מיטאַמאָל ביי דער ערשטער רגע, פריי און נאַטירלעך דעם ריכטיקן טאָן אינם גע־שפּרעך, דעם טאָן צו באַגיין זיך מיט דער סביבה, וווהין דער צופאַל האָט אים געבראַכט.

אַזוי איז דאָ אויך געשען.

קיסליאַקאָוו האָט זיך קודם־כל באַקענט, פאָרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס און באַלד אַליין דערפילט, אַז ער רעדט מיט די נייע באַקאַנטע, ווי אַן אייגענער מענטש.

נישט שפּילנדיק קיין שום קאָמעדיע און בלייבנדיק גאַנץ נאַטירלעך, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפן טיש, געשפּיגן ווען ער האָט גערייכערט, געגעבן צו פאַררייכערן פון זיין פּאַפּיראָס, דערציילט וועגן זיין אַמט. אָנגעטון איז קיסליאַקאָוו געווען אין אַ פּאַלטאָ, אין הויכע שטיוול און אין אַ קאָסאָוואָראָטקע: ער האָט אָנגעהויבן אַזוי זיך צו קליידן, כדי נישט צו „מאָזאָליען“ די

אויגן בײַ די קאָמסאָמאָלצעס אין מוזיי דורך זײַן אינטעליגענטיש אויפזען.

ווען אין לאָקאַל פון דער הויז־פאַרוואַלטונג איז אַרײַנגעקו־מען נאָך עפּעס אַ מענטש אין שטיהל און אין אַ געוואַנטן היטל, מיט הענט, שוואַרצע ווי די נאַכט, האָט דער רזשאַנדצע צו יענעם געזאָגט:

באַקען זיך: חבר קיסליאַקאָוו. ער וועט בײַ אונדז וווינען.

שוין אויפן צווייטן טאָג איז ער אַריבערגעגאַנגען אויף דו מיט די אַלע מיטגלידער פון דער הויזפאַרוואַלטונג. און ער האָט אָפּט פאַר זיך איבערגעחזרט: חבר קיסליאַקאָוו, חבר קיס־ליאַקאָוו. דידאָויקע ווערטער האָבן פאַר אים אַ־צט געקלונגען ווי מוזיק.

קיסליאַקאָוו האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט פונם הויז, האָט אָנגעהויבן אויסצופרעגן צי זיי האָבן אַ קלוב וואָס פאַר אַן אַרבעט עס ווערט אין אים גע־פירט און באַלד אויפן אָרט זיך פאַרשריבן אַלס אַקטיווער מיט־גליד.

און פאַר אים איז קיין זאַך נישט געווען אַזוי אָנגענעם, ווי גייענדיק איבער די שטיגן, צו דערהערן איבער זיך:

— חבר קיסליאַקאָוו, טייערער, העלף, כ׳בעט דיך, צו דערגיין דאָ עפּעס אַ טאָלק.

ווען ס׳פלעגט זיך אונטעררוקן עפּעס אַ סאָוויעטישער יום־טוב, פלעגט ער מאַכן פּלאַקאַטן, צייכנונגען, אָרגאַניזירן „פּאָכאָדן״.

ער האָט באַשלאָסן נישט צו דערציילן טאַמאַרן, אַז ער האָט זיך געגט מיט זײַן ווײַב און אויך נישט וועגן דעם, אַז ער האָט זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער וווינונג. ווײַל ער האָט כּסדר מורא געהאַט, אַז זי מיד ווערנדיק פון אירע חלומות זאָל אים סוף־כּל־סוף נישט זאָגן.

— כ׳האָב פאַר דיר אַ אָנגענעם נײַעס... איך גיי זיך פאַ־נאַנדער מיט אַרקאַדין און צי זיך איבער צו דיר, ווײַבאַלד דו האָסט זיך שוין צוליב מיר געגט מיט דײַן ווײַב.

דאָן האָלט דאָך אים נישט ווילנדיק אויסגעקומען צו זאָגן

אַז דאָס פריידט אים זייער און אַז ער האט שוין לאַנג אויף דעם געוואַרט. ווען ער וואָלט עס נישט געזאָגט, וואָלטן זיינע באַציונגען צו איר געווען ענדלעך א געמיינקייט.

פאַר אים איז איצט געווען אַזאַ אָנגענעם נייעס צו האָבן ביי זיך דאָס גאַנצע געלט וועלכעס ער פלעגט באַקומען געהאַלט, אַז ער האָט זיך מיטן געלט געפרייט ווי א קליין קינד.

נאָר אין א וואָך אַרום נאָכן איבערציען זיך אין דער נייער וווינונג, האָט ער באַקומען פון יעלענע וויקטאָראָוונען א בריוו, אין וועלכן זי האָט פון אים געפאָדערט געלט אין משך פון זעקס חדשים. דערביי האָט זי אים געוואָרנט, אַז אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן איר צו געבן דאָס געלט, וועט זי אויף אים אָנגעבן אין געריכט.

ער איז באַלד צוועק אין דער קאָנסולטאַציע, און מ'האָט אים דאָרט געזאָגט, אַז קיין שום געלט איז ער נישט מחויב צו צאָלן, ווייל דאָס חייב האָט אליין אָנגעגעבן ווען א גט און דעריבער האָט זי נישט קיין רעכט צו פאָדערן פון אים געלט.

א באַרויקטער האָט ער זיך צוריקגעקערט אַהיים, באַשלאָסנדיק, אַז אויב יעלענע וויקטאָראָוונע וועט פונדעסטוועגן אויף אים אָנגעבן אין געריכט, וועט ער דערלאַנגען א קעגן-תביעה פאַר זיינע זאַכן, וועלכע זי האָט ביי אים אַוועקגעשלעפּט.

און טאַקע דאָ אויפן אָרט האָט ער א דריק געטון מיט ביידע הענט דעם קאָפּ פון עמפּערונג קעגן יעלענע וויקטאָראָוונע.

XXIX

טאַמאַרע איז זייט זי האָט זיך באַקענט מיטן רעזשיסער פון דער קינאָ אונטערנעמונג, געוואָרן צעשטרייט און רירעוודיק דעגערווירט. ענדלעך איז איר חלום מקוים געוואָרן.

זי וועט האָבן אַרבעט און אַ פּלאַץ אין לעבן.

זי פלעגט איצט כסדר אַוועקגיין אייף רעפּעטיציעס, אויף אָוונטן. שטענדיק פלעגט דער טעלעפאָן צו איר קלינגען און אויב דעמאָלט איז ביי זיי געווען קיסליאַקאָוו, פלעגט זי, איבערהאַקנדיק דאָס געשפרעך מיט אים, צוגיין צום טעלעפאָן און דאָרט זיך פאַרזיימען מיט אַ לאַנג געשפרעך. ביי איר האָט זיך געשפּילט אַ פיבערהאַפטיקע אויפלעבונג פון איר דערפאָלג.

איר טאָן איז געווען אַ סודותפול-קאָקעטישער, זי פלעגט שמייכלען, קוועטשן מיט די פּלייצעס, דערביי פלעגט זי, האַלטנדיק מיט איין האַנט ביים אויער דאָס טעלעפאָן-טרייבל, מיט דער אַנדערער האַנט צייכנען מיט די פינגער איבער די טאַפּעטן אָדער וואַרפן מיטן פיסל. אָפט פלעגט זי הויך, העכער, ווי נייטיק — לויט ווי קיסליאַקאָוון פלעגט זיך אויסווייזן—לאַכן, אַ, דאָסדאָזיקע געלעכטער אירס איז אים געווען זייער נישט אָנגענעם, עקלהאַפטיק. טיילמאָל פלעגן אירע לעבהאַפטיק-בלישטשענדיקע אויגן, קאָנצענטרירט אויפן אינטערעס צום געשפרעך, וואָס פלעגט זיך פירן, אויטאָמאַטיש זיך אָפּשטעלן אַנטקעגן קיסלאַקאָווס פּנים. און ווען ער פלעגט איר מאַכן צייכנס מיט די אויגן, אָדער איר ווייזן, אַז ער קושט זי אין די געדאַנקען

פלעגט זי אויף אים גאפן, גאַרנישט ענטפערנדיק, ווי סתם אויף דער וואנט ערגעץ, אָדער גאַר זיך אַ קער טון צו אים מיט דער זייט, כדי זיך נישט אָפּצווועגדן פון געשפרעך.

קיסליאַקאָוו פלעגט די לעצטע צייט כמעט קיינמאָל זי נישט טרעפן אינדערהיים, און ווען ער פלעגט זי שוין יאָ טרעפן, פלעגט דאָס אויסקומען אין אַ מאָמענט, ווען זי פלעגט זיך איילן אַוועקצוגיין. בּאַגריסן זיך מיט אים פלעגט זי עפּעס איילנ־דיק זיך, נישט קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין.

— דו איילסט זיך?

— יאָ, איך דאַרף גיין אויף דעם אויפנעם...

— וואָס־זשע. דו האָסט אפילו נישט קיין צייט, צו מיר צוצוגיין אויף אַ מינוט?

— כ׳רעג זיך שטאַרק אויף... מיר טוט וויי דער קאָפּ. און חוצדעם: ווי־אַזוי קאָנסטו עס נישט פאַרשטיין, אַז איצט ווערט אַנטשידן מיין גורל, און איך קאָן נישט זיין אין קיין רויקן צושטאַנד.

קיסליאַקאָוו איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אויב זי איז אַוועק פון אים, איז גם־זו־לטובה, איז דאָס גאַנץ גוט, ווייל ער איז פון איר פּטור געוואָרן אָן שום דראַמעס און קאָנפליקטן, ווייל, אין תּוך גענומען, האט ער אין איר גאָרנישט פאַרלוירן און ער וועט נאָך איר גאָרנישט בענקען, ווייל, דאָס איינציקע, וואָס אים איז געפעלן געווען אין איר און מיט וואָס זי האָט ביי אים אַזוי אויסגענומען, איז געווען נאָר דאָס, וואָס זי איז געווען אַ נייע, אַ פרישע און חוצדעם איז אין איר נישט געווען פאַר אים קיין שום אָנציִענדיקס, קיין אַנדערע מעלות, פאַר וועלכע מ׳האָט זיך געקאָנט אין איר פאַרליבן, האָט זי נישט געהערט.

און דאָך, ווען ער האט זיך האָט פאַרגעשטעלט, אַז עמיץ אַנ־דערש קאָן זי האָבן אַלס געליבטע, אַז זי וועט צו יענעם אַרויסלויפן פריילעך אַנטקייגן אָדער, בלייבנדיק מיט יענעם אַליין, זיך אומ־קערן צו אים מיטן רוקן און אים דערלויבן, ער זאָל זי קושן פון הינטן אין האַלדז, אויפציטערנדיק דערביי מיט צעפלאַמטע

באַקן — ווען קיסליאַקאָוו האָט זיך דאָס פאָרגעשטעלט, האָט אַן אבזוריותדיקע אייפערזוכט ווי מיט א מעסער אים א שניט געטון אין הארצן און אים איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין דער רגע איז ער אומשטאַנד צו דערהרגענען, צו קוילענען.

— אָבער דו ליבסט מיך פונדעסטוועגן?

— געוויס, — האָט טאַמאַרע געענטפערט, אַרומוויקלענדיק א פינגער מיט אַ פעדימל,

— דיך אינטערעסירט קיינער נישט פון די מאַנסביל?

— איך בין דאָך בכלל גלייכגילטיק צו מאַנסביל, דו ווייסט דאָך.

— וואָס-זשע ביסטו איצט אַזאַ אויסטערלישע?

— ווייל מיך פייניקט אונדזער ליגן.

— וואָס-זשע, הייסט עס, אַז מ'דאַרף איבערהערן, דעמדאָזיקן ליגנט? — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט און אין הארץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפן.

טאַמאַרע האָט געשוויגן, א וואָרף טוענדיק דאָס פעדעמל און באַקוקנדיק די פינגער פון אירע גרויסע הענט.

— הייסט עס, אַז מיר דאַרפן זיך פאַנאַנדערגיין?

— איך זאָג עס נישט. גאָט מיינער, ווי איך רעג זיך אויף. נו, איך דאַרף גיין.

טאַמאַרע האָט זיך לייכט אָנגערירט מיט די ליפן צו זיין באַק און, לייכט אַרויסגליטשנדיק זיך פון זיינע הענט איז זי אַוועקגעלאָפן פון דער היים.

XXX

ביז ערשטן אָקטאָבער, ד. ה ביז אַרקאַדיס געבורטסטאָג, זענען נאָך געבליבן דריי טעג. קיסליאַקאָוו אויסגעמאַטערט און געקווײלט דורך דער אומבאַוווסטקייט פון טאַמאַרעס באַציונגען צו אים, איז אַוועק צו אַרקאַדין, כדי זיך דורכצורעדן ענטגילטיק מיט טאַמאַרן. ער האָט באַשלאָסן איר פאָרצולייגן, צו דערציילן אַרקאַדין וועגן אַלץ און אַז זי זאָל זיך איבערציען צו אים אין זיין פריש צימער, מחמת ער האָט פאַרלוירן יעדע מנוחה און אינערלעכן גלייכגעוויכט ביים געדאַנק, אַז טאַמאַרע קאָן אים פאַראַטן, הגם ער קאָן זיך עס גאָרנישט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכעס זאָל געשעען. זי זאָגט דאָך, אַז די מאַנסביל אינטערעסירן זי נישט און זי באַציט זיך צו זיי גלייכגילטיק און נאָר צו אים פילט זי אַ ליידנשאַפט.

ווען קיסליאַקאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון אַרקאַדיס וווינונג, האָט ער מיט פאַרדרוס דערהערט טאַמאַרעס שטים און איר געלעכטער מיט וועלכן זי פלעגט געוויינטלעך לאַכן ווען זי פלעגט זיין אין אַ דערהויבענער שטימונג.

ער איז אריין אין דער שטוב און באַלד דערזען טאַמאַרעס אומצופרידן פנים, מיט וועלכן זי האָט זיך איינגעקוקט דורכן טיש ביים קלאַפּ אין דער אַריינגאַנגס-טיר פון פינצטערן פאָדערצימער, כדי צו זען, ווער עס איז געקומען.

ביים טיש, אויף וועלכן ס'זענען געווען אויסגעשטעלט טעלער מיט שריים פונם מיטאָג און האַלב אויסגעליידיקטע פלאַשן

זענען געזעסן עטלעכע מענטשן, פרעמדע מאַנסביל און אַרקאַדי. דאָ איז געווען דער פעטער מישוק, וועלכער האָט דעם ערשטן טאָג באַלד ווי ער איז געקומען צופאָרן, געבראַכט צופירן טאַמאַרן אין אַן אויטאָמאָביל, געווען איז אויך דאָ מילער, דער קינאָ-רעזשיסאָר, פון וועלכן ס'איז איצט אָפּהענגיק געווען טאַמאַרעס קאַריערע, און, ענדלעך, א הויכער יונגערמאַן אין אַ קאַווקאַזער געוואַנט-העמדל מיט קליינע געדריכטע קנעפלעך.

טאַמאַרע איז מיט רויט געוואָרענע באַקן געזעסן אויף דער אָטאָמאַנע — אפנים איבעראַשנדיק זיך אַהין פון איר שטענדיק זיך-אָרט, ווו זי פלעגט זיצן אַלס באַלעבאָסטע. און די מאַנסביל זענען געבליבן זיצן אויף די שטולן.

קיסליאַקאָוון האָט איבעראַשט דער אויסדרוק פון טאַמאַרעס פנים. העט זי האָט דערזען, אַז דאָס איז ער, עפּעס איז זי געוואָרן אביסל צעמישט און אין א לייכטער פאַרלעגנהייט. זי האָט זיך אויף א רגע פאַרלוירן און אָן שום נייטווענדיקייט איבעררוקנדיק אויפן טיש די פלאַשן און גלעזער, האָט זי אים געפרעגט, צי ער וויל אפשר עסן.

זי האָט אויסגעמיטן אויפצוהייבן איר בליק אויף קיסליאַקאָוון.

ער האָט כאָטש געוואָלט אויף א רגע אָפּשטעלן אויף זיך אירע אויגן, זיך באַגעגענען מיט איר בליק, וואָס זאָל זיין אָנגעשטעלט אויף אים, און בשום אופן עס נישט געקאָנט. אירע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט אים נאָר אין יענעם מאָמענט. ווען זי האָט זיך געווענדט צו אים מיט א פראַגע, און זי האָט זיי אַראָפּגעלאָזן אָדער אָפּגעקערט אָן א זייט, באַלד ווי ער האָט איר אָפּגעענטפערט אויף דער פראַגע.

אַרקאַדי, שוין שיכורלעך, האָט ביי קיסליאַקאָווס אַריינקומען, זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול ביים טיש און, נישט באַמערקנדיק, אַז אים איז אַרונטערגעפאַלן אונטער די פיס די סערוועטקע, וואָס האָט זיך אים אַראָפּגערוקט פון די קני, איז אים צוגעגאַנגען אַנטקעגן.

— אַך בין היינט גליקלעך! אַרום מיר האָבן זיך צונויפ-

געזאַמלט אַלע טייגע פרייגט. אָט איז דער פעטער מישוק, אָט איז לעיואָטשקאָ, פון וועלכע דו האסט געהערט. לעוואָטשקאָ איז חיינס געקומען צופאָרן פון כמעלענסק. און אָט איז אונדזער גורל און השגחה — גוסטאַוו אַדאָלפאָוויטש מילער, וועלכער זאָגט צו צו מאַכן פון טאַמאַרן די גרעסטע אַרטיסטקע.

— די גרעסטע אַרטיסטין האָב איך נישט צוגעזאָגט צו מאַכן — האָט זיך מילער אָפגערופן, כ'האָב צוגעזאָגט צו מאַכן פון איר א גרויסע.

— אַלצאיינס. דו וועסט זי מאַכן פאר א גרויסע און זי וועט שוין דערענדיקן דאָס איבעריקע, — האָט אַרקאַדי געזאָגט דערנאָך אָנווייזנדיק מילערן אויף קיסליאַקאָוון, האָט ער צוגע-געבן:

— און דאָס איז מיין ע״צטער פריינט. א פריינט — איז, א הייליק וואָרט, וואָס די מאָדערנע מענטשן פאַרשטייען ווייניק פאַרשטייען כמעט גאָרנישט! אויב אַזאַ פריינטשאַפט וואָלט פאַרי-ניקט אונדז אַלעמען, וואָלט אַ לץ געווען און אויסגעקוקט גאָר אַנדערש, ווי איצט. אַזאַ פריינטשאַפט צווישן מענטשן איז גאָר-נישט בנמצא.

מילער האָט מיט א פאַרשטענדלעכער איראָניע בנוגע אַר-קאַדין און מיט א הזפלעכער ווירדע בנוגע קיסליאַקאָוון, זיך או פגעהויבן פון זיין אַרט ביים טיש. א וואָרף טוענדיק די סער-וועטקע פון די קני או פן טיש אַרויף.

— באַקען זיך מיט אים... און מיט יענע... דאָס זענען זעלטענע מענטשן... ווען אַלע וואָלטן געווען אַזעלכע ווילע ווי זיי, וואָלטן מיר נישט גע אַנגען צו גרונט... מיר וואָלטן...

אַרקאַדי האָט נעמ כט עפעס א אומבאַשטימטן זשעסט איבערן קאָפּ און האט זיך שווער אַנידערגעוועצט אויפן שטול, שאַרנדיק זיך מיט דער ה נט לייכט איבער דער קני, ער האָט אפנים געזוכט די סערוועטק. נישט געפונענדיק זי, האָט ער געזאָגט:

— כ האָב קיינמאָל נ שט געטרונקען און אָט איצט האָב איך אָנג-הו בן צו טרינקען. דאָס הייסט, אַז איך בין קאַפוט!

איצט בראָדערקע קייקלט זיך ביזן סוף, אויפן רוסישן שטייגער... מיר וועלן שוין סיי-ווי איצט זיך נישט אויפהייבן. עס פרייט מיך כאָטש פאַר אירעטווענן. זי וועט זיך שוין דערשלאָגן צו אַ תכלית, היינט וויפיל איז ווערט, וואָס אירע חלומות וועגן אַן אָרט אין לעבן וועלן מקוים ווערן.

טאַמאַרע האָט זיך יעדע מינוט געחוענדט מיט א וואָסער ס'איז פּראָזע צו מילערן. דאָ האָט זי זיך דערמאָנט אַ צופאַל, וואָס איז פאָרגעקומען בעת דער אויפנעם, דאָ האָט זי געפרעגט ווי זי דאַרף זיך האַלטן אין דעם אָדער יענעם אָרט פון איר ראָל.

מילער, אָנרירנדיק מיט זיין פּוכקער האַנט דאָס גלעזל האָט זיך ווי אַביסל זשענירט, וואָס טאַמאַרע געפינט זיך אין אַ, אויפגערוימטן צושטאַנד, וואָס זי איז צופיל אויפגעלייגט, ווי עס זשענירט זיך און פילט זיך נישט באַקוועם א לערער פון א צו באַגייסטערטער פאַרערונג מצד זיין שילערין.

ער האָט זיך באמיט זעלטענער און קורצער צו באַגעגנען מיט איר מיט די אויגן און מער צו קוקן אויפן גלעזל ווין, וועלכן ער האָט יעדע ווײַלע ווידער אָנגערירט און געדרייט אויפן טישטוך.

קיסליאַקאָוו זענען געווען דערווידער זיין אייראָפּעישע זעלבסט-זיכערקייט, די ווייסע, רויטלעכע וויעס און דאָס אויסגעכאָליעטע זאַטע פּנים זיינס. מילער איז געווען אָנגעטון אין א טייערן אויסלענדישן אנצוג און, לויט דער מאָדע, אין לאַטשן און זאָקן אין וועלכע ס'זענען געווען אַריינגעשטעקט די ברייטע הויזן. אין אזעלכע בלבושים און אַזוי אָנגעטון, האט ער אויסגעזען ווי אַן אוילענדישער טוריסט. און אינם דאָזיקן קאָסטיום האט זיך ווי געטראָגן אַן איירָאפּעישע פּאַראַכטונג צו די סאָוויעטישע, שלעכט-געקליידטע מענטשן, וועלכע האָבן מיט א דרך-ארצדיקער אויפמערקזאַמקייט געהערט, וואס ער דערציילט אין זאַגט.

ער האט, נישט זשענירנדיק זיך מיט זיין אַקצענט, באַהערשט דאָס געשפּרעך.

קיסליאקאָוו האָט זיך צוגעזעצט צום טיש פאַרן גלאָז וויין, וואָס מ'האָט פאַר זיינעטוועגן אָנגעגאָסן און איז געזעסן כמורנע שווייגנדיק. ער האָט בכיוון צוגעגבן זיין פנים אזא אויסדרוק, כדי טאַמאַרע זאָל באַמערקן, אין וואָסער שטימונג ער געפינט זיך.

זי האָט, ווירקלעך עטלעכע מאָל פחדימדיק אַ קוק געטון אויף אים און שוין אַליין פּרובירט אים צו צווינגען, ער זאָל אויף איר אַ קוק טון. זי האָט אים געשטעלט עטלעכע פראַגן, נאָר איצט האָט ער שוין געקוקט אויף איר נאָר אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט איר געענטפערט און אָפּענטפערנדיק איר אויף דער פראַגע אירע, האָט ער באַלד אָפּגעקערט צוריק פון איר זיין בליק.

זי איז אפילו אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו אים און געוויזן זיך צו אים איבערטריבן צערטלעך, פונקט ווי זי איז געווען צערטלעך צו אַרקאַדין אין די ערשטע צייט, ווען זי האָט זיך מיט קיסליאַקאָוון באַקענט.

אַזוי ווי אין דער שטוב איז געווען שטאַרק אָנגערייכערט, זענען די מאַנסביל אַרויסגעגאַנגען רייכערן אין קאָרידאָר, כדי מ'זאָל קאָנען עפענען אין דער שטוב דאָס פענצטער.

קיסליאַקאָוו איז אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער. ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז טאַמאַרע זאָל צו אים נישט צוגיין. ער האָט עס געטון בכיוון און זי האָט עס באַמערקט און אפילו פחדימדיק אים נאָכגעקוקט.

אין קאָרידאָר איז אַוועק אַ געשפּרעך וועגן מילערס אַרבעט, וועגן דער אַרטיסטישער סביבה, וועגן פרויען.

— די רוסישע פרוי האָט פאַרלוירן אַלע שטיין-פונקטן, — האָט מילער געזאָגט, — האָב נאָר דריי פאָר זיידענע זאָקן, וועסטו שוין האָבן אַ פרוי, אויף יעדן פאַל — נאָך אַ פלאַקאָן אויסלענדישן פאַרפום.

פעטער מישוק און לעוואָטשקא האָבן אַ שמייכל געטון, ווייל זיי האָט אפנים אויסגעוויזן נישט באַקוועם, נישט מסכים צו זיין מיטן אויסלענדער.

— איר האט געפרוווט! — האט אים לעוואָשקאַ גע-פרעגט.

מילער, פארציענדיק אין זיך דעם רויך פון דער פייקע, האט נאָר א מאַך געטון מיטן קאָפּ פון אויבן אַראָפּ און גע-זאָגט אַרויסרעדנדיק פאַרגרייזט:

— געגוג געווען...

— יאָ, ער איז, ווי איר זעט מיך לעבן, א מאָלאָדיעץ — האָט דער פעטער מישוק לוסטיק און לאַכנדיק זיך אָנגערופן.

— נו, און פרוי טאַמאַרע האָט א צוויפלאָזן טאַלענט? — האט לעוואָשקאַ א פרעג געטון אָן שום מיין.

מילער האָט זיך פאַמעלעך אומגעקוקט אויף דער טיר דערנאָך האט ער איבערגעפירט זיינע גלייכגילטיקע ווייסע אויגן אויף דעם, וואס האט אים געשטעלט דידאָזיקע פראַגע און א קוק געטון אויף אים מיט אזאַ אויסדרוק, וועלכער האט, קלאָר ווי מיט ווערטער, גערעדט און געענטפערט אויף דער פראַגע, און ווען די פאַראינטערעסירטע פּערזאָן וואָלט דאָ נישט ביי גע-ווען אזוי נאָעוט, וואָלט ער זיך וועגן טאַמאַרן אויסגעדרוקט אויפן געהעריקן אופן.

— פּיסלעך, גאָר ווילע... — האט ער אַרויסגערעדט און אַריינגעדרוקט די פייקע אין מויל אַריין.

לעוואָשקאַ האָט זיך צעלאַכט. און פעטער מישוק האָט ווידער א זאָג געטון:

— ווי איר זעט מיך לעבן, ער איז גאָר א ווילער יונג!

ווען אלע זענען צוריק אריינגעגאַנגען אין צימער, האָט טאַמאַרע א קוק געטון אויף קיסליאַקאָוון און איז צוועק אין שלאָפצימער.

אַרקאַדי, א נעם טוענדיק מילערן פאַר א קנאָפּ און נישט אָפּלאָזנדיק אים פון זיך, האט אים עפּעס דערציילט ביים פענצטער.

קיסליאַקאָוו האָט געזען טאַמאַרעס בליק און פאַרשטאַנען, אַז זי איז אוועק אין שלאָפצימער, כדי ער זאָל אַריינגיין צו

איר. נאָר ער האט זיך געמאַכט ווי ער האָט נישט באַמערקט איר בליק.

אים האָט שטאַרק אויפגעבראַכט, וואָס מילער האָט געזאָגט וועגן טאַמאַרעס פּיסלעך און וועגן די זיידענע זאָקן. מ'וואָלט געדאַרפט באַלד אים דערלאַנגען א פּאַטש אין פּנים, דעמדאָזיקן דבר־אחר. און נאָכמער איז ער געווען אויפגעבראַכט און שטארק פאַרדראָסיק, פאַרוואָס ער האָט נישט נאָר אים נישט געגעבן קיין פּאַטש, נאָר אפילו נאָך א שמייכל געטון ביי מילערס ווערטער, ווען יענער האָט אַרויסרעדנדיק די פראַזע, זיך מיט אים באַגעגנט מיט די אויגן. ער האָט אַ שמייכל געטון נישט ווילנדיק, נישט האָבנדיק קיין שום כוונה דערביי, ווי דער שטייגער איז ביי רוסן צו שמייכלען פון העפלעכקייט־וועגן ביי א געשפּרעך מיט אַ גאַסט אַן אויסלענדער.

איפּאָליט גריגאָריעוויטש, קומט נאָר אַהער! — האָט זיך דערהערט פון שלאָפצימער טאַמאַרעס שטים.

— גיי, גיי, רעד דאָרט אַביסל בסוד — האָט אַרקאַדי געזאָגט, א שטופּ טוענדיק נישט מיט קיין זיכערע הענט דעם פריינט זיינעם אין דער ריכטונג פון דער טיר.

קיסליאַקאָוו איז אַוועק.

טאַמאַרע איז געשטאַנען ביים טואַלעטן־טישל ביי וועלכן זי האָט נאָר־וואָס געבראַכט אין אָרדנונג די האָר אירע און צוגעפאַרבט די ליפּן. זי איז געשטאַנען מיטן רוקן צום טישל און מיטן פּנים צו דער טיר.

— וואָס הייסט עס? וואָס איז מיט דיר? — האָט זי געפרעגט, שעפּטשענדיק פחדימדיק און גלייכצייטיק מיט א טאָן פון פאָרוואורף.

— גאָרנישט — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט.

— ס'הייסט „גאָרנישט״! איך זע דאָך.

— נו, איז טאַקע געווען גאַנץ גוט אויב דו זעסט.

זי האָט נאָך לאַנג דורכדרינגענדיק געקוקט קיסליאַקאָוון גלייך אין די אויגן אַריין און יענער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל אַז ער באַמערקט נישט איר בליק, און גענומען פון טיש זיין

קינזשאַל, וועלכן זי האָט בײ אים געהאַט גענומען אויף צו באַ־
נוצן זיך מיט אים אָנשטאט אַ שערל, ווען זיי האָבן זיך געקליבן
צו גײן אין טעאַטער.

קיסליאַקאָוו האָט געזען, אַז די קראַפט, וואָס האָט אין
דעם פאַל געווירקט, האָט זיך איבערגעטראָגן ערגעץ אַנדערש,
אַז איצט זוכט זי זײן בליק און נישט ער אירן און דעריבער
זיך ווײטער געהאַלטן אין הסכם מיט דער ענדערונג. וואָס איז
פאָרגעקומען אין דער סיטואַציע: נישט צוצוטועטן צו אים.

טאַמאַרע האָט גענומען פון זײן האַנט דעם קינזשאַל און
אים אַוועקגעלײגט צוריק אויפן טיש.

— דאָס איז מײנס א זאַך, — האָט קיסליאַקאָוו עקשנותדיק
געזאָגט און געוואָלט דעם קינזשאַל אַרײנלײגן אין טאַש אַרײן,
נאָר טאַמאַרע האָט זיך אײנגעשפּאַרט און אים אַרויסגענומען פון
זײן האַנט און אים ווידער אַוועקגעלײגט אויפן טיש און ס'האָט
אויסגעזען, אַז זי האָט עס געטון, כדי קיסליאַקאָווס אויפמערק־
זאַמקײט זאָל נישט זײן דורך קײן זאַך אָפּגעווענדט פון איר.

— און וואָס־זשע האַנדלט זיך עס?

קיסליאַקאָוו האָט איר אַ קוק געטון גלײך אין די אויגן
אַרײן און געזאָגט:

— מיר געפעלט נישט, ווי דו האַלטסט זיך און פירסט זיך
אויף מיטן דאָזיקן הער, דו קוקסט אויף אים פונקט ווי אויף
עפעס אַן אָפּגאָט.

טאַמאַרעס זאַפטיקע ליפּן האָבן זיך פלוצלינג צונײפגעפאַל־
דעוועט אין אַ שמײכל. זי האָט אַרויפגעלײגט בײדע הענט אויף
קיסליאַקאָווס פּלײצעס און מוסרנדיק אים אַ שאָקל־טוענדיק מיטן
קאָפּ, געזאָגט:

— נאַרעלע!... אָך, וואָסער נאַרעלע דו ביסט. פון־זשע
האָט דיר געקאָנט אײנפאַלן? דו ווײסט דאָך מײן באַציונג צו
מאָנסביל דו — ביסט מײן ערשטער פּאַרטנער וואָס איך בין באַ־
גאַנגען בנוגע אַרקאַדין... נו, פאַרבעט דיך נאָך מיר נישט קאַליע
די שטימונג — האָט זי צוגעגעבן מיט אַן אַנדער טאָן.

זי האָט גערעדט צו קיסליאַקאָוון און צערטלעכע ווערטער.

געגלעט זיינע האָר, און דאָ פּלוצלינג זיך גאָר פאַרטראַכט וועגן עפּעס, דערנאָך, באַלד אַ כאַפּ טוענדיק זיך, איז זי ווידער גע־וואָרן צו אים צערטלעך.

— איך קאָן אָן פּחד זיך נישט פאָרשטעלן, אַז דידאָזיקע חיה וועט פּלוצלינג דערפילן צו דיר אַ נייגונג און וועט זיך צו דיר אָנרירן כּדי פּלומ׳שט דיר צו העלפן אָנגעמצן די נייטיקע פּאָזע בעת דעם אויפנעם. איך וועל אים דאָן דער־הרגענען.

— דו ביסט אַ משוגענער! — האָט טאַמאַרע אַ געשריי גע־טון — איך וועל אים נישט דערלויבן זיך צורירן צו מיר מיט קיין פינגער.

— אַלזאָ, ווען זעען מיר זיך?

— מיין טייערער, איך בעט ביי דיר אַ טערמין ביזן ערשטן אָקטאָבער. ביז דעמאָלט וועט אַלץ אויפגעקלערט ווערן און מיר וועלן וויסן, אויף וואָס נאַר וועלט מיר זענען.

— וואָס אייגנטלעך וועט אויפגעקלערט ווערן?

— מיין שיקזאַל... איך בין זייער דענערווירט. נאָר ביזן ערשטן. דעמאָלט איז אַרקאַדיס געבורטס־טאָג.

— יאָ...

זי האָט זיך צערטלעך צו אים צוגעטוליעט מיט איר זייט און, אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן אַריין, געזאָגט:

— ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי מיר איז אָנגענעם, וואָס דו ביסט אייפערזיכטיק צוליב מיר...

קיסליאַקאָוו האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זי אַרומצונעמען, נאָר זי האָט זיך לייכט אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט און, צולייגנדיק אַ פינגער צום מויל, אים אָנגעוויזן אויף דער האַלב געעפנטער טיר פונם עס־צימער.

— נו, קום, ס׳איז דאָך נישט באַקוועם.

נאָר פּלוצלינג, ווי ווילנדיק פאַרלעשן אין אים דעם לעצטן חשד, אַז זי פאַרראַט אים, האָט זי זיך אַ קער געטון צו אים און, זיך צוטולענדיק צו אים, האָט זי אים שנעל אַ קוש גע־טון אין די ליפּן. דערנאָך ווי געבראַכט אין אָרדענונג אירע האָר

און רעדנדיק שוין מיט א פולער שטים — מיט וועלכער מען רעדט בעת מ׳גייט אריין אין צימער, וווּ עס זיצן זייטיקע מענטשן — איז זי אריין אין עס־צימער, גייענדיק אים פון פאָרענט.

מילער האָט פלוצלינג א קוק געטון אויף זיין גרויסן גאָל־דענעם זייגער און געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו טאָמאַרן:

— מיר מוזן שוין פאָרן. אין א האַלבער שעה ארום איז דער אויפנעם.

— איך בין שוין גרייט.

מילער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך געזעגנט. דערנאָך, מיט א רויקן אויסדרוק פון א מענטשן, וואָס פילט זיין רעכט, האָט ער דערלאַנגט טאָמאַרן איר פּאַלטאָ.

און זי, אָנטועענדיק דעם פּאַלטאָ, האָט אָנגעקוקט קיסליאַ־קאָוון אין אירע אויגן, אויסמיידנדיק מילערן און אַרקאַדין, וועל־כער איז געשטאַנען נעבן איר, האָבן אים געזאָגט, אַז זי איז אינגאַנצן זיינע, און אירע ליפּן האָבן, קוים זיך רירנדיק, ארויס־גערעדט צוויי ווערטער.

קיסליאַקאָוו האָט זיי פאַרשטאַנען.

דידאַזיקע ווערטער זענען געווען.

„דעם ערשטן אָקטאָבער“...

מיט אַרקאַדין האָט זי זיך אפילו נישט געזעגנט.

XXXI

די איבעריקע צוויי געסט זענען אויך אַוועקגעגאַנגען.

באַלד נאָך ווי די ביידע פריינט, קיסליאַקאָוו און אַרקאַדי זענען געבליבן אַליין, האָט די גאַנצע דערהויבענע לעבהאַפטיקייט, אין וועלכער אַרקאַדי האָט זיך דעם טאָג געפונען, אים פאַרלאָזן.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, מיט עפעס א געשעפטלעכער קאָנצענטרירטקייט האָט ער זיך אָנגעגאָסן א פול גלאָז קאָניאַק און זי מיט איינמאָל אַ גיס אַריין געגאָסן אין זיך.

— צוואָס טרינקסטו?--האָט קיסליאַקאָוו צו אים געזאָגט— דיר שאַדט דאָך עס.

אַרקאַדי האָט גאָרנישט געענטפערט, ער האָט נאָר אויס־דריקספול־האָפנונגסלאָז א מאַך געטון מיט דער האַנט.

— אַלצאיינס... האָט ער זיך אָפגערופן אין א ווײַלע אַרום, א פיר טוענדיק מיט די אויגן איבערן טיש, ווי ער וואָלט וועלן אויסקלייבן עפעס צו פאַרבייסן נאָכן אויסגעטרונקענעם קאָניאַק. ער האָט אָבער גאָרנישט אויסגעקליבן און א מאַך טוענדיק נאָכאמאָל מיט דער האַנט, איז ער אַוועק פון טיש.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף א פאָטעל, מאַכטלאָז א וואָרף טוענדיק די הענט אַרויף אויפן פענצטער־ברעטל און זיך פאַרטראַכט, אַראָפּלאָזנדיק דעם שיכורן קאָפּ.

— אָט נעמט שוין אַ סוף... זי קלייבט זיך אויס א וועג...— האָט ער געזאָגט אין א מינוט אַרום. — ביי איר הייבט זיך אָן איר אייגן לעבן. יאָ, מיין פריינט, שווערער פון אַלץ איז צו

פילן, אַז דו האָסט נישט *מיט וואָס* איינצוהאַלטן נעבן דיר דעם מענטשן, וועלכן דו האָסט ליב.

ער האָט אַ געוויסע צייט געשוויגן, זיצנדיק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און קוקנדיק פאַר זיך אויף דער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן:

— איך האָב געהאַט אַן אַרבעט, אַ טוּעכץ און געמיינט, אַז אין דערדאָזיקער אַרבעט בין איך באַשיצט ווי מיט דער שטאַרקסטער געמויערטער וואַנט, אַז מיר גייט גאָרנישט אָן, וואָס עס קומט פאָר דאָרט, פון יענער זייט וואַנט, איך טו אַ זאַך וועלכע איז נייטיק פאַר דער אייביקייט, וועלכע איז אויך *פאַר זיי* נייטיק, — און קיינער האָט מיר נישט געקאָנט פאָרוואַרפן, אַז איך האָב זיך באַציִגן צו מיין זאַך, נישט געוויסנהאַפט. נאָר דאָ קומט פאָר אַ גרויסער נסיון: „וואָס טו איך דען אויף סוף־כּל־סוף? איך זאָרג זיך וועגן פאַרלענגערן דאָס לעבן פון שטשורעס, בעת אַליין בין איך פאַרמשפּט... אינגיכן צו שטאַרבן, בעת איך אַרבעט פאַר אַ פרעמדער צוקונפט. אַ מענטש קאָן נישט אַרבעטן פאַר אַ פרעמדער צוקונפט, פאַר אידייען וועלכע זענען אים פרעמד. איך האָב עס שוין לאַנג געפילט, נאָר געהאַלטן דאָס ווי פאַרבאָרגן פון מיר אַליין, מער פון אַלץ פון *איר*. איך האָב אויף די אומגליקלעכע שטשורעס איר געמאָלט די פּערספּעקטיוון פון געזונט מאַכן די מענטשהייט, דער נצחון פון דער מענטשהייט איבערן טויט, דער מענטשהייטס מאַכט. איך האָב עס געטון, שוין נישט גלייבנדיק אין מיין ענין און אינם נוצן פון מיין אַרבעט, איך האָב אויסגענוצט מיין ענין, כּדי זי איינצוהאַלטן נעבן זיך. און ס'איז געווען אַ צייט, ווען זי האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. און אָט גייט זי איצט אַרויס אויף איר וועג. זי באַקומט אַ לעבן, און איך פאַרליר די לעצטע ברעקלעך דערפון. איך מוז באַקומען אמונה אין דעם, אין וואָס איך האָב געגלייבט ביז דערדאָזיקער מהפכה, רעוואָלוציע. אַז די וואָרהייט נויטיקט זיך נישט אין רבים, אַ נם רוב, זי קאָן לעבן אָן דעם רוב אפילו.

אַרקאַדי איז מיטאַמאָל אויסגעניכטערט געוואָרן, זיינע אויגן

·האָבן זיך אָנגעצונדן מיט א מאָדנעם פייערל און זענען געוואָרן לעבהאַפטיק.

– צי קאָן מען דאָ גיין קעגן שטראָם? און איך זאָג צו זיך איצט מיט א נייעם בטחון און גלויבן, אז מען קאָן! אי־אָ שטעל די לעצטע סטאַנקע. איך און דו, מיר האָבן ביידע אַמאָל געגלייבט, אז דער יחיד דאַרף גיין אין סתירה מיט דער מאַסע, ווייל די מאַסע איז בלינד און קאָנסערוואַטיוו, טראָץ יע־דער רעוואָלוציאָנערישקייט. כדי די וואָרהייט זאָל האָבן לעבנס־קראַפט איז גענוג צוויי מענטשן.

געדענקסט, כ'האָב דיר געזאָגט, אז אַזעלכע מענטשן ווי מיר, וועלכע פאַרשטייען ביידע גלייך וואָס מענטשן זענען אַזעלכעס ווערט, אויף וועלכע מ'דאַרף זיך פאַרלאָזן; וועלכע עס פילן ווי צום טיפסטן די גאַנצע טראַגעדיע פון דעם, וואָס עס קומט פאָר– אז אַזעלכע מענטשן דאַרפן גרינדן פון זיך א „קירך", כדי אָפּ־צוהיטן און באַוואָרענען אויף דער ערד כאָטש אין א נישטיקן סכום יענע אוממענטשלעכע וואָרהייטן און אמתן, וועלכע זיי טראָגן אין זיך. מיר דאַרפן נישט קיין רבים, ווייל דער רבים איז נישט קיין באַווייז פאַר דער וואַרהאַפטיקייט, די וואַרהייט ווערט שטענ־דיק רייף אין יחידים און אין זיי קאָן זי אָפּגעהיט ווערן ווי אין אַן ארון־קודש, ביז ס'וועלן נישט קומען די אמתע צייטן.

און ערשט איצט וועסטו פאַרשטיין די גאַנצע באַדייטונג פון דיין פריינטשאַפט פאַר מיר. באַזונדערס, ווען איר נשמה גייט אַוועק פון מיר, ווען איר פערזאָן הייבט אָן צו לעבן זעלבסט־שטענדיק, בלייבט פאַר מיר קיינער נישט, חוץ דיר. איך און דו, מיר האָבן ביידע זיך פאַרלוירן אין דער וויסטע, כדי, שטיצנ־דיק איינער דעם אַנדערן, אָפּצוהיטן אין ריינקייט דעם רעשט פונם מענטשן, פאַר די קינפטיקע צייטן.

XXXII

איפּאָליט קיסליאַקאָוו. צוריקקערנדיק זיך פון אַרקאַדין, איז דורכגעגאַנגען איבערן געסל, ווו ער האָט פריער געוווינט און מיט אַ מאָדנע געפיל נישט ווילנדיק אַ קיק געטון אויף דעם הויז אין וועלכן ער האָט געוווינט.

מיט דער פרוי האָט ער זיך נישט געזען, נאָך זיין איבערציצן זיך אין דער נייער וווינונג, ער האָט זיך מיט איר אפילו נישט געזעגנט.

דורכגייענדיק פאַרביי דעם הויז, האָט ער זיך נישט איינגעהאַלטן און אַ קוק געטון אויפן אַריינגאַנג פונם פראָנט. דאָרט איז אָן אַ זייט פונם ברעט, אויף וועלכן ס'זענען געווען אָנגעשריבן די פאַמיליען-נעמען פון די לאָקאַטאָרן, געהאָנגען אַ גרויסער בויגן פּאַפּיר; אויף אים זענען געווען אויסגעמאָלט מיט פאַרבן בילדלעך, קאַריקאַטורן און אינם אייבערשטן טייל פון בויגן אַ קעפּל מיט גרויסע אותיות:

„וואַנטצייטונג פון דער אָפּטיילונג אויפן נאָמען פון בודיעני — רעדאַקציע, דירה נומער 6 צימער 9".

צימער 9 — איז דאָס געוועזענע צימער זיינס, וואָס ער האָט כמעט אַרויסגעריסן פון די הענט ביי דער דאַמע מיטן אָרדער פון צעקובו און פון וואַנען מ'האָט אים „אויסגערייכערט", דאָס הייסט: דורך פאַרשידענע שיקאַנעס, געבראַנגט דערצו, אַז ער זאָל זיך פון דאָרט אַרויסציען.

ער איז אוועק ווייטער און זיך ווידער דערמאָנט אָן מי-

לערן מיט זיינע ווייסע וויעס און חיהשן קיילעכיקן קארק. אים האט, ווי מיט א נאדל אין הארצן א שטאך געטין א שארפע איי־פערזוכט. דאס איז געווען נישט קיין פיזישער איפערזוכט (ווייל טאמארע האט אליין געזאגט, אז אלס א מאנסביל, פילט זי נאר אים — קיסליאקאוון), נאר דאס איז געווען א גייסטיקער איי־פערזובט פונם געדאנק, אז אן אנדערער מענטש האט זי גייס־טיק מער פאראינטערעסירט, ווי ער. און ווער, מ׳שטיינס געזאגט! יענער, וועלכער האט מיט א טעמפּיק זעלבסטצופרידנקייט געזאגט, אז א רוסישע פרוי קאן מען קויפן פאר דריי פאר זיידענע זאקן.

אין קיסליאקאוון האט פלוצלינג אויפגעלעבט דאס לאנגע כאר־געסענע געפיל: די באליידיקונג פון דעם נאציאנאלן כבוד.

דידאזיקע הערן אויסלענדער מיינען, אז אונדז קאן מען איצט זאגן וואס מען וויל, אז מיר...

פלוצלינג האט ער זיך אנגעשטויסן אויף עפּעס. עפּעס א קעגנשטאנד איז אראפגעפאלן אויפן ברוק, און באלד האט זיך דערהערט:

— וווהין טראגן דיך די רוחות! דו זעסט נישט? ווו האסטו באהאלטן דיינע אויגן?

דאס האט געשריגן אן עפל־הענדלער פון זיין רונדוק, וואס איז געשטאנען אויף אן אפגעהאקט ארומגעמייערט סלופּ אויפן טראטואר.

קיסליאקאוו זייענדיק פארטראכט, איז ארויף אויפן דאזיקן רונדוקל און אים איבערגעקערט צוזאמען מיטן רעשט עפל, וואס דארט האט זיך געפונען.

— כאפּט דיך דער וואטעמאכער מיט דיינע עפל. כ׳וועל פאר זיי באצאלן און א סוף.

ער האט ארויסגענומען פינף רובל און זיי א רוק געטון דעם הענדלער.

דער הענדלער איז אינמיטן ברען פון אויפגעקאכטקייט און קללות, וואס ער האט אויסגעגאסן אויף קיסליאקאווס קאפּ, מיט־אמאל אפגעקילט געווארן און צונעמענדיק דאס געלט, אויפגע־

הערט זיך זידלען און שעלטן. ער האָט אפילו אָראָפּגענומען דאָס היטל און קיסליאַקאָוו באַדאַנקט.

— ווער קאָן זיי וויסן-האט ער געזאָגט, ווען קיסליאַקאָוו איז שוין געווען אוועקגעגאנגען — ער האָט אַראָפּגעוואָרפן די עפּל און דו מוזט נאָך צאָלן שטראָף און אָט ווייזט זיך אַרויס, אז ער, דערדאָזיקער בירגער, איז נישט אזעלכער. ער האָט קיין צוויי ווערטער נישט ארויסגערעדט און מיר באַצאָלט פאַרן „שאָדן" פינף רובל. א ווילער מענטש, כ'לעבן.

און אויפהייבנדיק פון דער בלאָטע די עפּל, האָט דער הענדלער ויי אָפּגעריבן אָן די עקן פונם פאַרטוך זיינעם און זיי ווידער אויסגעלייגט אויפן רונדוק.

און ווען די זאַך איז שוין געווען, אָפּגעטון, האָט קיסליאַקאָוו זיך אַליין געפרעגט: צו וואָס אייגנטלעך האָב איך אים געדאַרפט געבן די פינף רובל, בעת דאס גאַנצע ביסל עפּל וואס ער האט, באטרעפט קוים א רובל? חוצדעם. וועט דער הענדלער זיי סיי-ווי אויפהייבן פון דער ערד און זיי פארקויפן?

קיין ענטפער אויף דערדאָזיקער שאלה האָט ער נישט געפונען.

דידאָזיקע הערן מיינען, אז מ'קאָן אונדז זאָגן אַלץ, וואס מען וויל, — האָט ער נאָך צאַלץ געטראַכט וועגן מילערן, מאַכנדיק ווייטערדיקע טריט איבער דער פינסטערער גאַט.

„מ'וואָלט געדאַרפט אים, דעם מחוצף, דערלאַנגען א פראַסק אין צורה, וואָלט ער שוין געוווסט, אז יעדע זאַך מוז האָבן א מאָס און א גרענעץ. ווי קומט עס, וואס צווישן די אַנוועזנדיקע האָט זיך נישט געפונען קיינער. וואס זאָל אָפּענטפערן ווי ס'געהער צו זיין. מ'האט זיך נאָך ביי זיינע ווערטער האלב חניפהש צעלאַכט. ער אַליין אפילו האָט אויך דאַכט זיך, געלאַכט פון העפלעכקייט.

XXXIII

אויפן דריטן טאָג נאָכן, אָוונט וואָס איז פאָר גערקומען ביי אַרקאַדין, האָט זיך קיסליאַקאָוו אויפגעכאַפּט אין זיין נייעם צימער אין נאָר א באַזונדער שטימונג.

ערשטנס, איז היינט געווען דער ערשטער אָקטאָבער, ס'איז געקומען דער טערמין, וואָס טאַמאַרע האָט אים באַשטימט. זי האָט געבעטן איר נישט צו טשעפּן, איר גאָרנישט אויסצופרעגן אין משך פון דריי טעג, ווייל עפּעס האָט געדאַרפט אַנטשידן ווערן אין איר לעבן און נאָכדעם וועלן זייערע באַציונגען, וואַרשיינלעך, ווידער פאַרגעזעצט ווערן ווי פריער.

צווייטנס, איז פאַר אים אויסערגעוויינטלעך בולט קלאָר געוואָרן זיין פּאָליטישע סיטואַציע. פון איצט אָן איז ער (איינמאָל פאַר אַלעמאָל און אויף שטענדיק) באמת פּאַלוכינס טרייער פריינט און יעטער קאָן זיך שטיצן אויף אים, ווי אויף זיך אַליין.

און יענע חברה־לייט פון דער יאַטשייקע וועט ער זאָגן, אַז זיי זענען נישט גערעכט בנוגע פּאָלוכינען. ער וועט נישט מורא האָבן צו זאָגן, אז ער שטייט אויף פּאָלוכינס צד (בפרט נאָך, אַז ס'איז נאָך א פראַגע, אויב די חברה־לייט פון דער יאַטשייקע זענען אזוי שטאַרק ווי מען מיינט).

נאָר ווען ער איז געקומען אין מוזיי, האָט מען אים ווי מיט א דראָנג איבערן קאָפּ פאַרטייבט מיט א נייעס: די יאַטשייקע האָט אַראָפּגעוואָרפן פּאָלוכינען... מ'האָט אים באַשולדיקט אין דעם, וואָס זיין לייטונג און אַרט אָנפירן מיטן מוזיי זענען גע-

וועגן אינדיווידועלע און אַז ער האָט נישט צוגעצויגן צו דער שעפֿערישער אַרבעט קיין יונגע קרעפֿטן. ער האָט זיי קיינמאָל נישט צונויפֿגערופֿן, האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום קאָלעקטיוויסטישע רגילות און האָט געבאַלעבאַטעוועט, ווי אַ גענעראַל פֿון די אַמאָליקע גוטע צייטן (איפּאָליט קיסליאַקאָוו האָט אים געוואָרנט). ס'האָט סוף-כּל-סוף זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּאָלוכין איז אינגאַנצן אָוועק פֿונם אַרבעטער-קאָלעקטיוו און אַז ער האָט פֿולשטענדיק איגנאָרירט די פֿאָרשלאָגן פֿון דער יאַטשייקע.

אָבער וויאַזוי-זשע וועט איצט זיין זיין אייגענע לאַגע קיסליאַקאָווס?

ער איז דאָך געווען פּאָלוכינס רעכטע האַנט. פּאָלוכין האָט אומעטום און אַלעמען געזאָגט וועגן קיסליאַקאָוון, אַז דאָס איז דער סאַמער וואַרטפֿולער מענטש פֿאַר זייער זאַך און פֿאַר דער רעוואָלוציע בכלל.

וויאַזוי וועט איצט די יאַטשייקע קוקן אויף אים, פּאָלוכינס טרייער חבר און פֿריינט? אפֿשר וועט זי באַשליסן, אַז מ'דאַרף בכלל סאַנירן דעם אַפּאַראַט און דער ערשטער קרבן וועט ער זיין, דעם ערשטן וועט מען אים משלח זיין צום טייוול? און מיט וואָס קאָן ער העלפֿן פּאָלוכינען?... ער האָט איצט גענוג זיינע אייגענע דאגות, ווי צו קאָנען העלפֿן אַן אַנדערן, עס פֿעלן אים איצט נישט קיין צרות, חלילה. און טראָץ דעם, האָט קיסליאַקאָוו באַשלאָסן צוצוגיין צו פּאָלוכינען און אים זאָגן:

— אָט איז געקומען אַ נסיון און אַן אויספּרוּוו פֿאַר מיין טרייקייט: דיך רודפֿט מען און דו זעסט, איך פֿאַרלאָז דיך נישט כּ'וועל גיין מיט דיר אַרבעטן, וווהין דו ווילסט נאָר.

די צרה איז אָבער, וואָס פּאָלוכין איז נישט קיין מאַגנאַט, וואָס האָט זיינע אייגענע גיטער, נאָר אַ פּאַרטיי-מענטש, וועלכן מ'וועט אָוועקשיקן, וווהין מ'וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק, און אָוועקשיקן וועט מען אים אַליין און נישט מיט קיין שטאַט. הגם בלויז אין דער פֿערזאָן פֿון איין קיסליאַקאָוון. אַזוי, אַז פּראַקטיש, ר ע אַ ל איז מיין נסיון פֿון טרייקייט אַ שטות, אַ פֿולשטענדיקע נאַרישקייט.

ניין — האָט זיך קיסליאַקאָוו געטראַכט, — שוין ליבערשט אוועקגיין אין, ער יאַטשייקע און זיך באַמיען איבערצוצייגן די חבריה־לייט, זיי זאָלן זיך נישט מאַכן נאַריש און נישט באַגיין קיין נאַרישקייטן, אויב ס'איז נאָך נישט שפּעט. — דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדערע זאַך...

זיי וועלן זאָגן: „דו נעמסט זיך, נאַטירלעך, פאַר אים אָן, פאַרטיידיקסט אים, דערפאַר וואָס ער איז דיין פריינט".

אויף דעם וועט ער קאָנען ענטפערן, אַז אים באַוועגט נישט פריינטשאַפט, פון וועלכער ער רעכנט נישט אפילו אויף קיין רגע זיך אָפּצוזאָגן, נאָר פּשוט גערעכטיקייט.

וועלן זיי זאָגן:

פאַר אונדז, מאַרקסיסטן, איז אַזאַ גערעכטיקייט נישט ווערט קיין פּרוטה. אויב צוליב איר קומט אויס זיך נישט צו מאַכן וויסן וועגן דער נישט ריכטיקער לייטונגס־ליניע און צו קוקן דעריויף דורך די פינגער, עס גרינגשעצן און טאָלערירן.

אָבער גיין צו זיי דאַרף מען דורכויס. און אגב טאַקע נישט האַלטן פאַרבאָרגן מיינע סימפּאַטיעס צו פּאָלוכינען.

נאָר מיט וואָסער פּראַזע אַריינגיין צו זיי? אפשר אַריינגיין און זאָגן: וואָס איז מיט אייך, איר זענט משוגע אָדער חסור־דעה — איר באַזייטיקט אַזאַ גוטן אַרבעטער?...

נאָר אַזאַ פּראַזע קאָן נאָך אפשר אַ שטאָך טון זייער זעלבסט־ליבע און אַמביציע. זיי וועלן אויף אים אַ קוק טון מיט אַ באַליידיקנדיקער באַוווּנדערונג און זאָגן:

— וואָס איז אייער עסק? וואָס זענט איר אונדז אַ חבר אָדער אַ פּאַרטיי־מענטש, וואָס איר דערלויבט זיך צו מאַכן אַזעלכע דערקלערונגען און נאָך אין אַזאַ פאָרם?

אויף דעם וואָלט מען זיי געקאָנט ענטפערן, אַז, געוויס, ער האָט זיך געהאַלטן פאַר זייערס אַ חבר: זיי האָבן דאָך מיט אים, ווי מיט אַ חבר, גערייכערט פּאַפּיראָסן אויפן פענצטער און ווענדנדיק זיך צו אים, אים טאַקע גערופן „חבר קיסליאַקאָוו".

נאָר דאָס רייכערן צוזאַמען פּאַפּיראָסן וואָלט אפשר אויף זיי נישט געווירקט און ער וואָלט נאָך דאַן געבליבן אין אַ פאַר־

לעגנהייט און אין א נישט אָנגענעמע לאַגע. אָדער אפשר וואָלט ער אפשר אַריינגעגאַנגען צו זיי און איראָניש געזאָגט, נישט בעטנדיק זיך ביי זיי וועגן קיין שום חברשאַפט.

— פיין, נישטאָ וואָס צו זאָגן, כ׳לעבן. שטאַרק, קינדער־לעך זיך פאַרמאָסטן. אויב איר וועט אזוי ווייטער האַנדלען, וועט איר אינגיכן פאַנאַנדעריאָגן אַלע ווערטפולע מענטשן.

קיסליאַקאָוו האט לויט זיין געוויינונג, דאָס אַלץ גערעדט צו זיך אַליין, גערעדט אויפן קול, גייענדיק איבערן פינצטערן קאָרידאָרל, אונטן ביי אַרכיוו, וווּ קיינער איז נישט געווען.

ער האט געוואָלט צוטראַכטן עפעס נאָך א פראַזע, מיט וועלכער ער זאָל אָנהייבן רעדן צו די לייט פון דער יאַטשייקע, נאָר אינדערזעלבער צייט האָבן זיך פון אויבן באַוויזן צוויי טעכנישע אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן אַראָפּגעטראָגן א שווערן קאַסטן.

זיי האָבן זיך אפילו אָפּגעשטעלט און פאַרחידושט א קוק געטון אויף קיסליאַקאָוון, פונקט ווי יענער וואָלט גערעדט מיט גייסטער, וועלכע מ׳קאָן נישט זען מיט די פיזישע אויגן.

ער איז רויט געוואָרן און דורכלויפנדיק פאַרביי זיי, איז ער אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אַריינגעגאַנגען אין צימער פון דער יאַטשייקע.

דאָרט זענען געזעסן טשוריקאָוו, וואָס האָט עפעס האַסטיק געשריבן אונטער מאַסלאָווס דיקטאַט, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און האט איבערגעקעמט די האָר מיט די צע־שפרייטע פינגער פון דער האַנט, — און נאָך צוויי קאָמסאָ־מאָלצעס.

— שטאַרק זיך פאַרמאָסטן, נישטאָ וואָס צו זאגן — האט קיסליאַקאָוו געזאָגט, אַריינגייענדיק אין צימער.

מאַסלאָוו האט זיך צעשטרייט אויף אים אומגעקוקט.

קיסליאַקאָוו האט פּלוצלינג דערפילט, אז זיין פראַזע וועלכע איז געווען אויסגערעכנט אויף אַנדערע אומשטענדן, נישט קיין געשעפטלעכע, האט איצט געקלונגען אַביסל ווילד, ווייל די מענטשן זענען געווען פאַרנומען מיט א דרינגענדיקער אַרבעט.

טשוריקאָוו האָט, אָפּנים, פאַרשטאַנען דידאָזיקע פראַזע

ניש‍ט אין אירא‍ָניש‍ן זין, נא‍ָר ער הא‍ָט קיסליא‍ַקא‍ָווס ווערטער אויסגעטייטשט א‍ַזוי, ווי אים וואָלט דאס באוויטיקן פא‍ָלוכינען געפעלן געוועזן און ער האט די יא‍ַטשייקע צוגעגעבן חשק, זיך ניש‍ט צו באגנוגענען בלויז מיט פא‍ָלוכינען און זיך א‍ָפגערופן, א‍ָפרייסנדיק זיך אויף א מינוט פון זיין שרייבן.

— יא‍ָ, מיר הא‍ָבן א‍ַליין ניש‍ט דערוואַרט, אז דער נצחון וועט זיין אויף אונדזער זייט, און ניש‍ט אויף נא‍ַפא‍ָלעא‍ָנס זייט. (א‍ַזוי האט מען א‍ָנגערופן פא‍ָלוכינען, צוליב זיינע דיקטא‍ַטא‍ָרישע נייגונגען און א‍ַספיראַציעס)

קיסליא‍ַקא‍ָוון האט זיך אויסגעוויזן פאר אוממעגלעך, אויפצוקלערן, אז ער האט עס געזא‍ָגט גא‍ָרניש‍ט אין דעם זין, ווי זיי מיינען. אז ער איז געוועזן ווייט פון צוצורעדן דער יא‍ַטשייקע און איר צוצוגעבן חשק, זי זא‍ָל באוויטיקן נא‍ָך עטלעכע טוער פון מוזיי און א‍ַז ער האט, פארקערט, גא‍ָר געמיינט די יא‍ַטשייקע צו טא‍ַדלען דערפאר און זיינע ווערטער זענען געוועזן א‍ַרויסגעזא‍ָגט מיט אן אירא‍ָניש‍ן טא‍ָן, בפרט נא‍ָך די יא‍ַטשקע לייט הא‍ָבן זיך בא‍ַצויגן צו אים מיט צוטרוי, ווי צו זייערס א‍ָן א‍ָנהענגער און כמעט א‍ָן אייגענעם מענטשן, נא‍ָר ביי אזא בא‍ַציונג צו אים איז ניש‍ט געוועזן באקוועם צו קומען צו זיי און זיי זא‍ָגן:

איך בין ניש‍ט אייער א‍ָנהענגער, נא‍ָר אן א‍ָנהענגער פונם חבר פא‍ָלוכין און הא‍ָב גא‍ָרניש‍ט בדעה אייך צוצוגעבן חשק.

דעריבער הא‍ָט ער געזא‍ָגט:

— איך הא‍ָב עס אויך ניש‍ט געווא‍ַרט. קונציק און געשיקט הא‍ָט איר עס א‍ָפגעטון.

— דו ביסט דא‍ָך דא‍ַכט זיך מיט אים געוועזן בא‍ַפריידעס? — הא‍ָט געפרעגט איינער פון די קא‍ָמסא‍ָמא‍ָלצעס.

קיסליא‍ַקא‍ָוו הא‍ָט דערזען, א‍ַז מא‍ַסלא‍ָווס קא‍ַלטע רויקע אויגן הא‍ָבן ביי דערדא‍ָזיקער פרא‍ַגע אויף אים א קוק געטון מיט א בא‍ַזונדער אויפמערקזא‍ַמקייט.

ער הא‍ָט דערפילט א פיינטלעכן שטויס אין הא‍ַרצן און ער הא‍ָט זיך א וואקל געטון, פונקט ווי ער וואָלט געשטאנען אויפן ראַנד פון א תהום. נא‍ָר בא‍ַלד, הא‍ָט ער דורך אן אויסער

געוויינטלעכער ווילנס־אָנשטרענגונג זיך אַ נעם געטון אין דער האַנט אַ־יין, זיך באַהערשט און גלייכגילטיק געזאָגט, אַ צוג טוענדיק מיט די פּלייצעס:

— ס׳הייסט: געווען באַפריינדעט!

— ביסט שטענדיק געווען מיט אים צוזאַמען.

— שטענדיק... שטענדיק געפּינט זיך אויך צוזאַמען די פור מיטן פערד, נאָר פון דעם איז נאָך נישט געדרונגען, אַז דאָס פערד איז באַפריינדעט מיט דער פור — האָט ער געזאָגט — און דאָס ערשטע מאָל דערפילט, אַז די ערלעכקייט פון געדאַנק איז ביי אים צעשטערט געוואָרן אונטערן איינפלוס פון אַ נישט באַזיגבאַרע חיהשע שרעק, וואָס האָט אים באַהערשט אויף אַ רגע.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט. און ער האָט, ביי דער דאָזיקער טראַזע, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר אַ געלונגענע, קוים איינגעהאַלטן זיין רויק און גלייכגילטיק אויסזען.

דערביי האָט ער, נישט איילנדיק זיך, הגם ביי אים האָבן געצי׳טערט די הענט, ארויסגענומען פונם שאַכטעלע פּאַפּיראָסן, שווייגנדיק אויסגעשטרעקט דאָס שאַכטעלע צום נאָענסטן קאָמי-סאַטאָלעץ, און זיי האָבן פאַררייכערט. און מאַסלאָוו האָט ווידער אָנגעהויבן ארומצושפּרייזן איבערן צימער און דיקטירן.

דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר קיסליאַקאָוון און געזאָגט:

— דו פאַרשטייסט דאָך דעם ענין און קאָנסט זיך גוט אין אים אָריענטירן!

— וואָס איז דען? כ׳פאַרשטיי אַביסל.

— נישט אַביסל. פּאַרוואָס עפּעס אַביסל, די גאַנצע אַר-בעט איז דאָך דאָ דורכגעפירט געוואָרן לויט דיין אידייע.

— נו, דאָ ביסטו שוין צופיל מגום און שעצט איבער מיין ראָל. כ׳האָב מורא, אַז דו האָסט געמאַכט אַן איבעריקע כוסה — האָט קיסליאַקאָוו געזאָגט, ארויסלאָזנדיק פון מויל דעם פּאַפּיראָסן רויך אין רינגלעך און באַטראַכטנדיק זיי.

— ניין, טאַקע באמת — האָט מאַסלאָוו ערנסט געזאָגט —

מיר וועלן דיך ארויסרוקן אויפן פּאָסטן פון זעמדירעקטאָר.

קיסליאַקאָוו האט שיער נישט ארויסגעלאָזט דעם פּאַפּיראָס פון מויל, ווייל ער האָט זיך אָפּגעבריט מיט אים די ליפּן, דער־הערנדיק דידאָזיקע פראַזע. און נישט ארויסרעדנדיק קיין וואָרט האָט ער נאָר געריבן מיט דער האַנט די אָפּגעבריטע ליפּ.

— גוט — האָט קיסליאַקאָוו גלייכגילטיק זיך אָפּגערופן — נאָר איר זאָלט וויסן זיין, אז אַליין וועל איך נישט ארבעטן און איך וועל אייך אַלעמען איינשפּאַנען אין דער ארבעט.

— אדרבא, דאָס איז נאָר ווינשנסווערט — האָט מאָס־לאָוו געזאָגט — מיר דארפן נישט קיין גצפּאַלעאַנס. נו, הייסט עס, איז באַשלאָסן: מיר שטעלן אַרויס דיין קאַנדידאטור.

— איך קאָן נאָר זאָגן איינס: אַז אפשר וועל איך אינם ענין אַלץ נישט פארשטיין, דערפאר אָבער קאָן מען זיך אויף מיר פארלאָזן, ווי אויף זיך אליין.

זיינע פיס האָבן שוין נישט געקאנט בלייבן אין אַ רויקן צושטאַנד. זיי האבן געשטרעבט זיך אַ ריס צו טון פון אָרט און אים אוועקטראָגן ערגעץ אין אַ אומבאשטימטער ריכטונג, אוועק־טראָגן, ווי דער רוח אַ מלמד.

קיסליאַקאָוו האָט ממש אָנגעקוואָלן פון נחת און גליק פון דער פּערספּעקטיוו מיטאמאָל אַזוי עולה־לגדולה צו זיין. ער האט זיך קוים איינגעהאַלטן און זיך באמיט נישט אַרויסצולאָזן קיין אויסגעשריי אָדער אַ וואָרט פון גרויס פרייד, וואָס האָט אין אים ממש געקאָכט און איבערפולט זיין האַרץ ביז די ברעגעס. צו־זאמען מיט די גרויסע פרייד און גליק, וואָס זענען צו אים אַזוי אומגעריכט געקומען, איז זיין האַרץ אויך געווען פול מיט דאַנקבארקייט און אָנערקענונג פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן אים אומגעריכט אַזוי הויך אָפּגעשעצט. אין אַזאַ צושטאנד פון דער העכסטער צופרידנקייט און גליק האָט ער פארלאָזן דאָס צימער פון דער יאַטשייקע.

— וואַרט אויף מיר, מיר וועלן גיין צוזאַמען — האָט צו אים אַ געשריי געטון מאַסלאָוו.

קיסליאַקאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט אין קאָרידאָר ביי דער טיר.

פלוצלינג האט ער אויף יענעם עק קארידאר דערזען פאלוכינען.

דאס גאנצע בלוט האט אים ווי אפגעשטראט פון הארצן. אליין נישט פארשטייענדיק צוואס און ווי אזוי, האט ער זיך אזוי שנעל א קער אפ געטון פון אים אין דער קעגנאיבערדיקער זייט און איז אוועק מיט אזא געפיל, פונקט ווי ער איז אוועקגעגאנגען פון דארט אונטער דער לופע פון א ביקס, וואס איז געווען אנגעשטעלט אויף אים צו דערשיסן אים און וואס דארף טאקע באלד אויסשיסן.

פאלוכין האט אים דערזען און א געשריי געטון:

— איפאליט!

ער האט אים נאך עד־היום נישט גערופן מיטן נאמען. דאס הארץ האט א ציטער געטון ביי קיסליאקאוון, נאר אין דער טיר האבן זיך שוין געהערט מאסלאווס טריט.

קיסליאקאוו האט זיך געמאכט כלומרשט, אז ער הערט נישט פאלוכינס רופן, און פארשנעלערנדיק די טריט זיינע, האט ער זיך אראפגעלאזט איבער די שטיגן.

ער האט אליין נישט פארשטאנען וויאזוי דאס איז ביי אים ארויסגעקומען. ביי אים איז פארגליווערט געווארן דאס גאנצע בלוט ביים געדאנק, אז פאלוכין קאן נאך מעשה־שטן, איצט אים דעריאגן, אים נעמען פאר דער האנט און אוועקגיין מיט אים געארעמט און אין דערזעלבער צייט וועט אנקומען מאסלאוו...

און, צולויפנדיק נאר צו דער שאטניע, האט ער דערפילט, אז נאכדעם צו באגעגענען זיך מיט פאלוכינען איז אוממעגלעך און ס'האט לגמרי נישט קיין שום זין!

בעסער איינגעמען א מיתה־משונה, איידער מיט אים זיך נאכדעם צו באגעגנען.

XXXIV

ווען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די שטיגן אין גאַס אַרויס, האָט דער שווייצער סערגיי איוואַנאָוויטש אים דערלאַנגט אַ צעטעלע, וואָס האָט, ווי ער האָט אים געזאָגט, איבערגעבראַכט עפּעס אַ מענטש אין אַ קאַפּעלוש, וועלכער איז געווען דערביי עפּעס אין אַ „מאָדנעם צושטאַנד“.

קיסליאַקאָוו האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס צעטעלע.

„קום צו מיר צוגיין. כ'דאַרף תּיכּף דיך זען און זיך מיט דיר דורכרעדן — אַרקאַדי“.

אין דער קורצקייט פונעם צעטעלע און אינעם צעבראָכענעם כּתב, וואָס איז זיך פאַנאַנדערגעפאַלן אויפן פּאַפּיר, האָט זיך געפילט עפּעס פּחדימדיקס. דאָס איז נישט געווען ענדלעך צו אַ פראָסטער איינלאַדונג. ס'ווייזט אויס, אַז דאָרטן, ביי זיי, איז עפּעס געשען.

ביי קיסליאַקאָוון איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק, פון וועלכן ביי אים איז פאַרגליווערט געוואָרן און שטיין געבליבן דאָס האַרץ. — נעמלעך, אַז אַרקאַדי האָט זיך דערוווּסט וועגן זיינע אינטימע באַציונגען מיט מאַמאָן. מעגלעך, אַז זי אַליין האָט אין אַן אָנפאַל פון פאַרצווייפלונג פונעם גייען דורכפאַל, וואָס זי האָט געהאַט, אַרקאַדין אַלץ דערציילט? און מעגלעך אויך, אַז ס'האָט פּאַסירט נאָך עפּעס שרעקלעכס. היינט איז דאָך פּונקט דער ערשטער אָקטאָבער, דער [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] טאָמער האָט אים באַשטימט.

נאָר אויב זי האט מיין פריינט אַלץ דערציילט, וויאַזוי וועט ער אים איצט קוקן אין די אויגן אַריין?

ער קאָן, נאַטירלעך, זאָגן:

יאָ, מיין פריינט, דאָס האָט מיט מיר פּאַסירט דערפאַר וואס איך האָב פאַרלוירן דאָס, אָן וועלכן אַ מענטש קאָן נישט לעבן: דעם העכסטן ציל און זין פון לעבן. אין מיר איז איצט גאָרנישט פאַראַן. קיין שום היילִיקטום, כ׳האָב פאַרלוירן דעם חוש־הריח. כ׳האָב זיך אָנגעכאַפּט פאַר דערדאָזיקער ליידנשאַפט, ווי פאַר אַ רעטונג פון דער שרעקלעכער אינערלעכער פּוסטקייט.

כ׳האָב מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט אָנצופילן מיין פּוסטקייט. כ׳האָב זיך באַמיט צו גלייבן אין דעם, מיט וואס איך בין איצט באַשעפטיקט. מיר האט זיך אויסגעוויזן, אַז איך האָב ליב באַקומען די מענטשן, מיט וועלכע איך אַרבעט. כ׳האָב זיך באַהיט מיט אַלע מיטלען צו פאַרשטאַרקן אין זיך דידאָזיקע ליבע, ווייל זי האָט מיר געהאָלפן אויפריכטיק צו אַרבעטן און מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו האָבן אַן ערלעכן געדאַנק. מיר האט זיך געדאַכט, אַז מיט דער גאַנצער נשמה בין איך מיט דידאָזיקע מענטשן.

נאָר צו בין איך טאַקע מיט זיי? דאָס איז די סאַמע שרעקלעכע פראַגע פאַר מיר. צי איז דאָס אפשר גאָר געווען אַ פּחד אָנשטאַט ליבע? צי האָב איך דען נישט ליב געהאַט דידאָזיקע מענטשן נאָר אַלס רעטער פון פיזישן אונטערגאַנג? און מעגלעך, אַז אויף דער נשמה האָב איך גאָרנישט, אַ חוץ מורא אומצוקומען, כ׳האָב צו קיינעם נישט קיין ליבע נאָר מורא אַז מ׳וועט אַנטדעקן מיין אמתן מהות.

ער האָט נאָך געקאָנט זאָגן:

דו זעסט דאָך, אַז איך עקזיסטיר שוין נישט רעאַל, קיין רעאַלן יש האָב איך נישט. כ׳ווייס אַליין נישט אין וואס און מיט וואס איך בין רעאַל. אין תוך גענומען איז דאָס שוין דער סוף... דו זעסט דאָך, אַז איך בין אפשר אומגליקלעכער פאַר דיר, דעריבער זיי מיר מוחל, אויב דו קאָנסט.

נאָר דאָס איז געווען צו אַ גרויסע אָנשטרענגונג און צו

אַ שרעקלעכע זאַך, אַז מ'זאָל עס קאָנען אנטפּלעקן פאַר אַנדערע בצת מ'האט אליין מורא וועגן דעם צו טראַכטן. ער אליין ווייסט דאָך וועגן דעם און ווייטער קיינער נישט.

צוואָס אַנטפּלעקן דעמדאָזיקן לעצטן פיינלעכן אמת!

XXXV

אַרקאַדי האָט באַגעגנט זײַן פֿרײַנט שווײַגנדיק. זײַן גאַנצע גרויסע פֿיגור אין פּאַנטאָפֿל און אין דער מאַרינאַרקע מיטן אויפֿגעשטעלטן קראַגן, וועלכע איז געווען אָנגעטון אויפֿן נאַכט-העמד איז געווען אײַנגעהויקערט, ווי בײַ אַ קראַנקן. זײַן בליק איז געווען אַ טריטער, אַן „אָפּוועזנדיקער", אַזעלכן, וועלכן ס'האָט אַ מענטש נאָך דער קבורה פֿון זײַנעם אַ נאָענטן מענטש. ער איז געווען נישט ראַזירט און, אַפּנים, אומגעוואַשן. פֿון אים האָט זיך ווידער געטראָגן אַ ריח פֿון ווײַן.

ער האָט אַדורכגעלאָזט זײַן פֿרײַנט אין צימער און אינגעווייניק פֿאַרמאַכט די טיר.

אין דער וווינונג איז ווידער אויסגעלאָשן געוואָרן די עלעקטרי און אַלץ איז געוואָרן בלאָ פֿון טאַבאַק-רויך. אומעטום זענען געווען אָנגעוואָרפֿן און אָנגעשטאָכן מונדשטוקן — און די פּעפּעלנישטקעס, אין אַ טעצל מיט אַ גלאָז מיט נישט אויסגעטרונקענעם קאַלטן טיי. אויף דער אָטאָמאַנקע זענען געלעגן נישט צוגערוימט בעטגעוואַנט.

— זיץ, — האָט אַרקאַדי געזאָגט מיט אַ טויבער, פּונקט ווי אַ פֿאַרקילטער שטים — די עלעקטרי ברענט נישט.

אַליין איז ער אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אין פּאַנטאָפֿל, האָט אַלץ עפּעס געריבן דאָס לינקע אויג, פּונקט ווי דאָס אויג זײַנס וואָלט שלעכט געקוקט.

— יאָ, ווי לעבט זיך דיר? — האָט ער געפֿרעגט מיט אַ

טויבער שטים, אַלץ נאָך גריבלענדיק זיך און נישט איינ־קוקנדיק זיך אין זיין פריינט.

— אַזוי זיך, נישט יום־טובדיק, — האָט קיסליאַקאָוו גע־זאָגט, סתם אָן א שום הינטערגעדאַנק, באַמיענדיק זיך צו פאַר־קלענערן אין דעם חברס אויגן זיין וווילשטאַנד און צופרידן לעבן, זיין האַרץ האט פחדניש געקלאַפּט פון דערוואַרטונג. טאַמאַרע איז נישט געווען אינדערהיים...

— נישט יום־טובדיק, זאָגסטו? דאָס מאַכט נישט אויס, ס'וועט בעסער ווערן, ביי מיר קאָן דאָך בעסער ווערן.

און פּלוצלינג, א קער טוענדיק זיך צו קיסליאַקאָוון, האט אַרקאַדי אָנגעהויבן צו רעדן מיט גאָר אַן אַנדערן טאָן:

— אָבער ביי מיר ברודערקע, האט זיך שוין אַלץ געענדיקט.

— ס'הייסט, אַלץ געענדיקט?... וואס האָט זיך געענדיקט? — האט קיסליאַקאָוו געפרעגט מיט אַן אויסדרוק פון פחד און גלייכ־צייטיק מיט פאַרלייכטערונג, ווייל לויט אַרקאַדיס ווענדונג און דעם טאָן, מיט וועלכן ער האט גערעדט, האָט קיסליאַקאָוו דער־פילט, אז נישט ער איז די סיבה, וואס ביי אַרקאַדין האָט זיך אַלץ געענדיקט און וואָס ער פילט זיך אַזוי נידערגעשלאָגן און פאַרצווייפלט.

— אַזוי... זי פאַרשטייסטו מיך, איז נישטאָ, — האט אַר־קאַדי געזאָגט, אַרומפירנדיק מיט אַ קורצן זשעסט דאָס ציבער און אָנווייזנדיק אויף די געעפנטע טיר פונם שלאָפצימער.

— ווו־זשע איז זי? — האט קיסליאַקאָוו א געשריי געטו בלאַס ווערנדיק.

ער האָט אַליין זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אז דאָס זאָל אויף אים אזוי שטאַרק ווירקן. אים האט ווי מיט א שאַרפן מע־סער, א שטאָך געטון אין האַרצן אַן אייפערזוכט ביים געדאַנק, אַז טאַמאַרע האָט בכיוון איינגעשלעפערט זיין אויפמערקזאַמקייט דורכן אָפּלייגן דעם טערמין, דורכצורעדן זיך אויף דריי טעג. מיט אַנדערע ווערטער, אז זי האט אים פשוט אָפּגענאַרט, גיבנ־דיק אים א טערמין פון דריי טעג, ווייל זי איז שוין געווען דעמאָלט גרייט צו אַנטלויפן.

— ווי-זשע איז זי? — האט קיסליאַקאָוו איבערגעחזרט זיין פראַגע.

— זי איז אַוועק... אַוועק אינגאַנצן.

אַרקאַדי האט גענומען א פעקל בריוו, וואָס איז געלעגן אויפן טיש אונטער א צייטונג און אָנגעטאָן די ברילן (אין די דאָזיקע ברילן האט ער קיסליאַקאָוון זיך פלוצלינג אויסגעוויזן ווי א זקן).

— נאָר דאָס וואָלט נאָך נישט געווען קיין אומגליק, וואס זי איז אַוועקגעגאַנגען — האט אַרקאַדי אַ צעבראָכענער און פאַרצווייפלטער געזאָגט — ביי מיר וואָלט, נאָך איר אַוועקגיין, נאָך געקאָנט בלייבן דער גלויבן אינם מענטשן. און איצט איז זי... ער האט זיך אָפּגעשטעלט — איצט איז זי צעשמעטערט אויף שטיקלעך אויף שפליטער!... — האט ער כמעט אויסגעשריגן.

קיסליאַקאָוו האט ווידער דערפילט, אַז ביי אים איז קאַלט געוואָרן דאָס האַרץ: אפשר האט אַרקאַדי אים אין זין? אפשר מיינט ער אים?...

— אינם בריוו וואס זי האט איבערגעלאָזט, זאָגט זי, אַז זי האט ליב באַקומען איינעם, — האט אַרקאַדי געזאָגט, איינבייגנדיק דעם קאָפּ און א קוק טוענדיק אויף זיין פריינט פון הינטער די ברילן אַפּער פון אויבן אַראָפּ.

קיסליאַקאָוו האט מיט א שרעקלעכער אָנשטרענגונג אויסגעהאַלטן אַרקאַדיס בליק און שוין געוואָלט צוגעבן זיין פנים אַן אויסדרוק פון א שטיינערנער גלייכגילטיקייט, ווייל אים איז איינגעפאַלן א געדאַנק, אַז אין טאַמאַרעס בריוול ווערט ער אויפגעגעבן, אַלס דער, אין וועלכן זי האָט זיך פאַרליבט.

אַרקאַדי האט פאָרגעזעצט:

— דערדאָזיקער מענטש—איז נאַטירלעך יענער מילער, וועלכן דו האָסט דאָ געזען. דערדאָזיקער מילער פירט זי איצט קיין אָדעס אויף א גרויסן פילם-אויפנעם און פון דאָרט וועלן זיי אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד. פאַר איר עפענען זיך ענדלעך די טירן פון לעבן, וואס זענען ביז איצט געווען פאַרמאַכט.

דאס אַלץ האט ער אַרויסגערעדט מיט עפעס א גלייכגילטי-

קער מאָנאָטאָנער שטים, פונקט ווי ער וואָלט געלייענט א פּראָטאָקאָל וועגן א געפּאַלמעסטן מת. נאָר די הענט האָבן ביי אים געציטערט.

— דו קאָסט דאָך מיך און ווייסט, אז די לעצטע צייט האָב איך געלעבט נאָר פון דעם, וואָס איך האָב געגעבן ברעקלעך גליק אַן אַנדער מענטשן — א י ר.

ער איז פארשוויגן געוואָרן און געקוקט פאַר זיך אין די מרחקים, זיינע אויגן האָבן געברענט מיט א פיבער־פייערל.

קיסליאַקאָוו האָט מיט אַ קאַפּעדיק האַרץ שווייגנדיק געוואַרט.

— נע,—האט אַרקאַדי ווידער אָנגעהויבן — און אויך אין דעם האט מען מיך באַגנבעט און אַוועקגעגנבעט אַלץ. ס׳זענען געבליבן בריוו פון איר חברטאָרין צו איר. פון די דאָזיקע בריוו דערוויס איך זיך, וועגן וואָס איך האָב פריער נישט געוווּסט... און חוצדעם האָב איך געפונען אירס אַ נישט פאַרענדיקטן בריוו צו דער זעלבער חברטאָרין.

ער האָט מיט א ציטערדיקער האַנט פאַריכט די ברילן און אָנגעהויבן צו לייענען:

„איך געפין זיך אין מאָסקווע טראָץ דעם חברה־מאַן מ. און אויף צו להכעיס ל—ן. דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי מיר טוט הנאה, וואָס איך האָב זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעריסן פונם דאָזיקן גרוב. איך בין צוגעגאַנגען צום לעבן מיט א נאַיוון גלויבן און צו מענטשן מיט אַ גרענעצלאָזן צוטרוי. איך האָב געמיינט, אַז זייער צוועק איז, אונטערצוהאַלטן אין מיר דעם גלויבן אין מיין שטרעבונג. זיי האָבן זיך אויסגעוויזן פאַר מיר אַלס אַזעלכע פיינע אינטעליגענטע מענטשן. איך רעד דאָ וועגן מ. און ל. נאָר סיי דעם ערשטן און סיי דעם צווייטן איז דאָס נייטיק געווען צוליב דעם, כּדי מיר צו פאַרדרייען דעם קאָפּ און מיך צו נ ע מ ע ן. און דאָס איז זיי געלונגען, זיי האָבן ווייטער אויסגענוצט די סיטואַציע, צוערשט איינער און דערנאָך דער אַנדערער און דערנאָך ביידע צוזאַמען, ווען מיך האָט שוין באַהערשט א יאוש און

מיר איז שוין געוואָרן, ווי מען זאָגט, אַלצאיינס, אַבי נאָר מיט עפּעס זיך צו פאַרגעסן".

אַרקאַדיס שטים איז אַלץ מער געוואָרן הייזעריקער און זויבער.

„דערנאָך בין איך געקומען צום באַשלוס — האָט ער ווייטער בצלייענט, — אַז אויב זיי, די דאָזיקע פיינע מענטשן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס געמיינע יונגען, אויב מיין גלויבן איז צעשטערט און צעשמעטערט, דאַרף איך זיך אויסלערנען קוקן אויף דער זאַך אַנדערש! איך האָב אַ געווער, וועלכעס שלאָגט אויסגעצייכנט און טרעפט שטענדיק אין ציל. דאָס איז מיין (רעלאַטיווע) שיינקייט. לאָז זיין אַ לעכערלעכע, אָבער זי וועט קלעקן פאַר מיין ענין. איך האָב מיר געטראַכט, ווען איך וועל צונויפפּרעסן די ציין, זיך אָננעמען מיט כּוח און אויסנוצן מיין שיינ-קייט פאַרן ענין. דאַן וועל איך ציניש און אָפן אַליין פאַר זיך אָנרופן די זאַכן מיט זייער אמתן נאָמען. כ'וועל אַלץ אָנרופן נישט שעמענדיק זיך, מיטן אמתן נאָמען, אָט אַזוי ווי זיי הייסן (דאָס איז נאָר שרעקלעך ביים ערשטן מאָל צו טון, דערנאָך קומט עס שוין אָן זייער לייכט).

איך האָב געפאָדערט דורכויס, אַז מ. זאָל זיך איבערציען קיין מאָסקווע און דאָרט איינאָרדנען אַרקאַדין. ער קאָן טון, ווי ער וויל, דאָס איז זיין זאַך. און ער דאַרף געפינען אַ וווינונג".

אַרקאַדי האָט זיך אָפּגעשטעלט, און לאַנג געקוקט אָן אַ זייט. דערנאָך האָט ער פאָגעזעצט:

„מ. האָט זיך אַקעגן געשטעלט קעגן דעם. ל. איז געווען אויפגעבראַכט, ער האָט געדראָט, נאָר איך בין גע-שטאַנען שטאָל און אייזן פאַר ס'מייניקע. איך בין אין מאָסקווע. איך האָב זיך אויסגעלערנט קוקן פּראָסט אויף זאַכן. און ווען איך האָב באַקומען פון מ. וואָס מיר איז געווען נייטיק, האָב איך אים געוויזן די טיר. איך האָב צו זיך געזאָגט: נישטאָ קיין שום פאַנטאַזיעס, לאָז זיך

נישט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ און נישט אויסקוועטשן פֿון לײדנשאַפֿטלעכע באַגערן, זיי ניכטער און היט אָפּ די סחורה".

אויף דעם אָרט איז אַרקאַדי, אַ וואָרף טוענדיק דעם בריוו, האַסטיק אויפֿגעשטאַנען און אַ קער טוענדיק זיך צום פֿענצטער, איז ער דאָרט אָפּגעשטאַנען לאַנג־לאַנג אויף איין אָרט.

קיסליאַקאָוו האָט געהערט דאָס לעזן פֿונעם בריוו מיט אַזאַ געפֿיל, מיט וועלכן אַן אָנגעקלאָגטער הערט אויס זײַן טויט־אורטייל, וואָס ווערט אַרויסגעטראָגן פֿאַר זײַנע שותּפֿים, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן, און וואַרט יעדע מינוט, אַז אָט באַלד, וועט אויך אין דער אַלגעמיינער שטילקייט, אָנגערופֿן ווערן זײַן פֿאַמיליען־נאָמען.

אַרקאַדי האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט צום טיש.

שרעקלעך איז געווען צו קוקן אויף זײַן פּנים, אײַנגעפֿאַלענע נישט ראַזירטע באַקן און אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט עפּעס אַ משוגענעם בלאַסק.

ער האָט ווײַטער געלייענט:

מ'האָט מיך באַקענט מיט אַ קינאָ־רעזשיסער, ער האָט מיך פֿאַרפֿערטיקט אַלס קינאָ־אַרטיסטין, וועלכע עס שטייט פֿאַר אַ גרויסע צוקונפֿט, און, נאַטירלעך, אַלס פֿרוי. דאָס לעצטע איז געווען דער עיקר. איך האָב צו זיך געזאָגט: האַלט זיך בײַ דײַן סחורה און היט עס אָפּ. ווען ער וועט דיך מאַכן פֿאַר אַן אַרטיסטן, דאַן וועט ער דאָס אויך קאָנען קריגן. נאָר דאָס איז געווען אינעם ערשטן טאָג. דערנאָך האָב איך דערפֿילט אין אים אַזויפֿיל צערטלעכקייט צו מיר אַזויפֿיל דעליקאַטקייט און אמתע לאַסקעס, לאַסקעס, וועלכע ער אַליין האָט זיך באַמיט צו פֿאַרבאָרגן פֿון זיך אַליין! איך האָב עס דערפֿילט און דאַנק הײַס דעם גורל דערפֿאַר, וואָס ער גיט מיר צוויי גליקן מיטאַמאָל: דאָס אַרויסגיין אין דער אָפֿענער ברייטקייט און פֿרײַהייט פֿון לעבן און... ליבע.

דידאָזיקע צוויי סוביעקטן, מ. און ל. האָבן נאָך גע

האָט פאַרשטאָכענע אויגן און זענען געווען אַזוי אומפאַרשעמט, אַז זיי פלעגן נאָך זיין ביי אונדז און עסן ביי אונדז מיטאָג. און איך, אַ גליקלעכע און דעריבער נישט קיין נוקם-ונוטרקע, האָב פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ נידער-טרעכטיקע ראָל זיי האָבן געשפילט אין מיין לעבן און... כ'בין מיט זיי געווען גוט און ליבנסווירדיק.

קיסליאַקאָווס נאָמען איז נאָך אַלץ נישט דערמאָנט געווען אין בריוו. יעדע נייע שורה האָט אים געצוואונגען צו וואַרטן, אַז אָט, אָט וועט אַרקאַדי איבערלייענען... לייכטער איז געווען צו זיצן אויף פאַנאַנדערגעברענטע קוילן, איידער אויסצוהערן שורה נאָך שורה אַזאַ לייענען...

„אַרקאַדי איז פאַר מיר געווען אַ ווילדע בּיאַנקע און נאַטירלעך, בין איך געווען מיט אים נאַר אומגליקלעך.

איבער אַרקאַדיס פּנים איז אַריבער אַ קראַמף. נאָר ער האָט ווייטער געלייענט.

איך גיי אַוועק מיט אַ ליכטיקער האָפענונג און מיט אַ ווידער געפונענעם גלויבן אין לעבן. צוערשט פאָרן מיר קיין אָדעס, דערנאָך וועלן מיר אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד אויף גאַנצע צוויי חדשים.

אין מיין מאָסקווער אויטאָביאָגראַפיע האָב איך אַדורכ-געלאָזט נאָך איין עפּיזאָד, וועלכער איז אויך געווען אַ פועל-יוצא פון מיין שטאַרקער פאַרצווייפלונג און פוסטקייט און מיר לחלוטין גאָרנישט געגעבן. די ערשטע צייט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין אים איז פאַראַן אַ געוויסע ראָמאַנטיק. איצט אָבער, קוקנדיק אויף דעם מיט ניכטערע אויגן, זע איך...“

— דאָ רייסט זיך דער בריוו איבער — האָט אַרקאַדי גע-זאָגט, אַוועקלייגנדיק אָן אַ זייט דאָס בלעטל פונם בריוו און אַראָפּנעמענדיק די ברילן.

— אַלץ! — האָט אינערלעך אויפגערעגט, קיסליאַקאָוו איבערגעפרעגט, פונקט ווי מ'האָט אים געזאָגט, אַז דער פּסק-דין

איז אינגאנצן איבערגעלייענט געוואָרן, נאָר ער האָט נישט גע־הערט זיין פאַמיליען־נאָמען.

— אַלץ, — האָט אַרקאַדי געענטפערט, אַ וואָרף טוענדיק די ברילן אויפן טיש און אויפשטייענדיק, — וואָס־ושמע קאָן דאָן נאָך זיין?

ער האט אינגאנצן געציטערט.

— דו שטויסט זיך מסתמא אָן, אַז מ. און ל. — זענען דער פעטער מישוק און לעוואָטשקאַ, „מיינע בעסטע פריינט" פאר דער צייט, וואָס איך האָב געוווינט אין סמאָלענסק... איך האָב נאַטירלעך, שטענדיק געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן געמיינע מענטשן, אַזוי גערופענע הויז־פריינט. און אַז אָפט זענען אינטעליגענטע מענטשן געווען אין דערדאָזיקער ראָל. אָבער נישט איצט! נישט איצט, ווען מען דאַרף אָפּהיטן און באַוואָרענען די לעצטע ברעקלעך פון אונדזער אמת! און איך, נאַר, האָב נאָך גערעדט מיט זיי וועגן דער „קירך", פונקט ווי איך האָב מיט דיר וועגן דעם גערעדט, דו געדענקסט? און זיי האָבן געהערט. זיי האָבן געהערט! אַ, נידערטרעכטיקייט!... און אָט האַלט איך, אַז מעגלעך, פון אונדזער, דאָס הייסט פון אַלמענטשלעכן אמת איז שוין גאָרנישט געבליבן און ער איז שוין פון לאַנג אָן פאַרפוילט געוואָרן.

ער האָט עס גערעדט ווי אין אַ פיבער. און מער שוין נישט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, נאָר זיך געוואָרפן ווי א פאַרוווּנדעטע חיה. און זיין שאָטן איז פונקט ליכט געשפּרונגען ווי אַ ריזיק געשפּענסט, איבער די ווענט און איבערן סופיט. אויפן שטערן איז ביי אים אַרויסגעטרעטן אַ שווייס, די האָר זענען געווען ביי אים צעפּלאָשעט. צייטנווייז האָט זיך דער פלאַם פונם ליכט געשאָקלט און דאַן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס געשפּענסט האָט מיט זיין שאָטן אָנגעפילט דאָס גאַנצע צימער.

— נו, קלער נאָר אריין אין דעם און זאָג אליין: מענטשן, צוערשט איינער און דערנאָך דער אַנדערער פלעגן צו מיר אַריינקומען, פלעגן רעדן מיט מיר וועגן דעם גורל פון „פאָטער־לאַנד" (גלייכצייטיק האַלט מען זיי פאַר זייער אָרנטלעכע מענטשן)

פֿלעגן עסן מײַן ברויט און שלאָפֿן (לויט דער ריי, אָדער כ׳ווייס שוין אַליין נישט) מיט מײַן ווײַב! וואָס ווילסטו נאָך? וווּהין קאָן מען נאָך פֿאַרקריכן ווייטער! צי קאָן נאָך זײַן אַ גרעסערע געמיינקייט און נידערטרעכטיקייט, ווי די, וואָס זיי האָבן אָפּגעטון.

ווען מיט אַן אינטעליגענטן מענטשן וואָלט זיך געטראָפֿן אַזאַ זאַך, האָט ער קודם-כּל זיך געדאַרפֿט פֿרעגן: וואָס איז מיט מיר געשען? איך באַגיי אַזאַ געמיינקייט און פֿיל נישט, אַז דאָס איז אַ געמיינקייט. הייסט עס, אַז אין מיר איז קאַליע געוואָרן די סאַמע הויפּט-שרויף. זיי ביידע פֿלעגן זײַן בײַ מיר, יעדער פֿון זיי, איז בײַ מיר געווען אַן אמתער בן-בית אין משך פֿון גאַנצן ווינטער און נישט דעם ערשטן און נישט דעם צווייטן איז נישט אײַנגעפֿאַלן אַ טראַכט צו טון וועגן אָט דער „שרויף". מעגלעך, אַז זיי האָבן זיך צווישן זיך געטיילט מיט איר לויט אַ געמיינזאַמען הסכּם... אָ גאָט, ווו-זשע איז די גרענעץ פֿון נידערטרעכטיקייט?

ער האָט פֿאַרדעקט מיט די הענט די אויגן און ס׳איז געווען צו זען, ווי איבער זײַן פּנים איז אַריבער קרעמפּן.

דערנאָך האָט ער ווידער אָנגעהויבן, פֿיבערהאַפֿט, האַסטיק.

— אויב דעמדאָזיקן מענטשן פֿאַלט נישט אײַן אין קאָפּ זיך צו שטעלן דידאָזיקע שרעקלעכע פֿראַגע, הייסט עס, אַז ס׳איז שוין געקומען אַ סוף צו אַלץ! צו אַלץ! הייסט עס, אַז דאָס איז דעגענעראַציע, הייסט עס, אַז דאָס איז דער לעצטער ווילדער טאַנץ אויפֿן קבר, פֿון דער אייגענער נשמה.

— נו, דאָס ביסטו שוין מגזם, — האָט זיך אָפּגערופֿן קיסליאַקאָוו.

— ס׳הייסט איך בין מגזם, — האָט מיט אַ נײַער קראַמפּע אַרקאַדי אויסגעשריגן. טײַערער מײַנער, ווען אינעם מענטשן איז צונויפֿגעדרייט און קאַליע געוואָרן די שרויף, ווען ער האָט פֿאַרלוירן דעם לײַדנדיקן פּרינציפּ, — וויאַזוי קאָן ער לעבן? מיט-וואָס? אָט איך קאָן נישט לעבן מיט מײַן וויסנשאַפֿט, ווײַל איך

ווייס, איך פיל, אַז מיר זענען אָפּגעשטאָרבן. די צוקונפט געהער צו אַן אַנדער ראַסע. געדענק און פאַרשטיי: צו אַן אַנדער ראַסע... דער אַרבעטער איז דאָך — אַן אַנדער ראַסע, אַ ראַסע. וואָס האָט מיט אונדז קיין שום געמיינזאַכס נישט. דאָס איז אונדזער געבאָט, און ס'וועט גאָרנישט העלפן. וועסט גאָרנישט אויפטון, כּדי דאָס צו ענדערן, שטשורעס קאָן איך נאָך פאַריונגערן, אָבער דעם קלאַס, ביי וועלכן ס'האָט זיך צונויפגעדרייט און ס'איז קאַליע געוואָרן דער שרויף, קאָן מען נישט פאַריונגערן, — דאָס איז אוממעגלעך!

און אַזעלכע פאַקטן, ווי דערדאָזיקער — ער האָט מיט אַ ציטערנדיקן פינגער אָנגעוויזן אויפן בריוו — אַזעלכע פאַקטן זאָגן עדות, אַז די שרויף האָט זיך צוזאַמענגעדרייט און איז קאַליע געוואָרן, קאַליע געוואָרן אַזוי, אַז ס'איז אוממעגלעך איר צו פאַרריכטן און זי איז שוין אויף כּפּרות! איך וועל נישט זאָגן, אַז דערדאָזיקער פעטער מישוק און לעוואַטשקאַ זענען געווען מיינע פריינט אין דער זעלבער מדרגה ווי דו, ווי מיר ביידע. דאָס איז, אַ דאַנק גאָט, נישט פאָרגעקומען. אויף אַזוי ווייט איז מיין פריינטשאַפט מיט זיי נישט אַוועק. נאָר זיי זענען דאָך ביידע געווען מיינע נאָענטע מענטשן, מיינע גוטע פריינט, וועלכע איך פלעג (אָ, הייליקע פּשטות) באַגעגענען און אויפנעמען מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס. זיי האָבן געוווּסט, אַז טאַמאַרע איז פאַר מיר געווען דער איינציקער שטיצפּונקט, געוווּסט, אַז איך האָב זי ליב געהאַט אָן אַ שיעור און אָן אַ גרענעץ. ליב געהאַט שטאַרק ריין און מ'קאָן זאָגן, הייליק, — און דאָך האָבן זיי... גאָט אין הימל, וווּ־זשע איז דער גרענעץ? נישטאָ, זעסט אויס, קיין גרענעץ, האָסטו פאַרשטאַנען? נישטאָ קיין גרענעץ — האָט אַרקאַדי געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך פאַר זיין פריינט און קוקנדיק אויף אים מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן.

— דו האָסט גאָרנישט באַמערקט — האָט קיסליאַקאָוו געפרעגט.

— ניין! מיר האָט עס גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט איינ-

פאַלן. זי האָט אָנגעווענדט אַ מין פּשטות אינם באַגיין זיך מיט זיי. זי פּלעגט זיי באַגעגענען און אויפנעמען, ווי היימישע, אייגענע מענטשן, ווי אירע קרובים. זי פּלעגט מיט זיי זיין, אויף דו, ביים באַגעגענען זיי, פּלעגן זיי זיך קושן, ווי מיט ברידער, אָדער פריינט פון די קינדערשע יאָרן אָן. מיר פּלעגט זיך צייטנווייז אויסווייזן מאָדנע, וואָס זי נוצט עפּעס אויס יעדע געלעגנהייט מיך אָוועקצושיקן פון דערהיים, ווען איינער פון זיי פּלעגט קומען. דאַן פּלעגט זי שוין געפינען אַן אויסרייד און מאַכן אַזוי, אַז איך פּלעג אַוועקגיין, גאָרנישט חושד זייענדיק אויף אַ לענגערע צייט, און זי פּלעגט בלייבן אַליין מיט איינעם פון זיי. איר פּלעגט דעמאָלט עפּעס אויסקומען שטענדיק צו גיין איינקויפן כלערליי זאַכן. און זי פּלעגט אַזוי־אַרום פאַרפאַלן ווערן אויף צענער שעהן. אָבער באַמערקן עפּעס האָב איך גאָרנישט באַמערקט. איך האָב נישט געוווּסט די פּראַקטיק פון זאָגן ליגן. איך אַליין האָב מיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט דעם און נישט געוווּסט, מיט וואָס מ׳עסט עס.

ווי אַן אויסגעמאַטערטער און איינער, וואָס האָט פאַרלוירן די כוחות האָט אַרקאַדי זיך אַנידערגעזעצט נעבן טיש.

— איך האָב נישט צופעליק און נישט סתם אַזוי געזאָגט— האָט אַרקאַדי ווייטער געזאָגט — אַז נישט יענער און נישט דער זענען נישט געווען מיינע פריינט אין דער מדרגה, וואָס דו. חברים קאָן מען האָבן אַ סך, אָבער אַ פריינט קאָן זיין נאָר איינער. אַזאַ פריינטשאַפט קאָן נאָר זיין דאָרטן, ווו ס׳זענען פאַראַן גרויסע אידייען, ווו דער פריינט איז דער יורש, דער איבערנעמער פון דיין אידייע, וואָס שאַפט דאָס לעבן. צזאַ פריינט ביסטו געווען און ביסט עס נאָך פאַר מיר, נאָך עד־היום. נאָר דו און נישט קיין אַנדערער. נאָר מיר איז באַשערט געווען דיר אָנצוטרויען נישט קיין אידייע פון לעבן, וואָס שאַפט נייע לעבנס, נאָר אַן אידייע פון טויט. וואָס־זשע, אין דעם דאַרף מען אויך אַ פריינט. ווייל פאַרן פּנים פון [illegible] טויט, דעם טויט פונם העכסטן פּרינציפּ, — איז דאָס שוין

צו שרעקלעך. איצט פאַרשטייסטו שוין, וואָס דו ביסט פאַר מיר מיין לעצטער שטיצפונקט...

אַרקאַדי האָט פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים און איז געבליבן זיצן אַ געוויסע צייט אומבאַוועגלעך, צוועקשטעלנדיק די עלנבויגנס אויפן טיש.

אין דערדאָזיקער גאַנצער סצענע איז געווען עפּעס פּיינלעכס: דאָס משוגענע אויסזען פון אַרקאַדין, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס רעדט פון היץ. דער שוואַכער שיין פונם איינציקן ליכט אויפן פינצטערן פענצטער, וואָס פון יענער זייט זייגעם, צווישן די נאַקעטע ביימער האָט זיך געבייזערט אַ האַרבסט-אָוונט. דאָס אַלץ האָט נאָך פאַרשטאַרקט די פּיינלעכע שטימונג, וואָס האָט זיך אַהער אַריינגעכאַפּט נאָך די לעצטע געשעענישן אין אַרקאַדיס וווינונג.

פלוצלינג האָט זיך פון אונטער די הענט, וואָס האָבן באַדעקט אַרקאַדיס פּנים, דערהערט אַ געלעכטער.

קיסליאַקאָוו האָט אַ ציטער געטון פונם דאָזיקן געלעכטער און אים איז געוואָרן אומהיימלעך און פּיינלעך.

אַרקאַדי האָט ווייטער געלאַכט. נאָר ווען ער האָט אַראָפּגענומען די הענט פונם פּנים, איז עס געווען ענדלעך צו אַ לעבנסלאָזע, אומבאַוועגלעכע מאַסקע. געלאַכט האָט נאָר דער אונטערשטער טייל פּנים.

— היינט איז מיין געבורטס-טאָג, דער ערשטער אָקטאָבער...
אַ קלער טון נאָר!... — האָט ער געזאָגט — אַ קלער טון נאָר, אַז פון אַלע מיינע פריינט ביסטו נאָר דער איינער, וואָס איז נישט געווען איר געליבטער!...

ס'איז דאָ פון וואָס משוגע צו ווערן. נאָר איינער!
נ אָ ר א יי נ ע ר !...

פלוצלינג האָבן זיך אין קאָרידאָר דערהערט טריט פון אַ פרוי.

ביידע פריינט זענען עפּעס בלאַס געוואָרן און, אומקוקנדיק זיך אויף דער טיר, האָבן זיי מיט אַ פּחד, אין וועלכן זיי האָבן זיך אַליין נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון און נישט פאַר-

שטאַנען, פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, האָבן זיי אויף עפעס געוואַרט.

ס'האָט זיך געעפנט די טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען טאַמאַרע. און די אַראָפגעלאָזענע הענט האָט זי מעכאַניש געהאַלטן עפעס אַ פעקעלע איינגעוויקלט אין צייטונגס־פאַפיר, פונקט ווי עמעץ האָט איר עס אַרייַנגערוקט אין די הענט און ס'איז אַזוי געבליבן ביי איר הענגען.

זי איז געשטאַנען, אָנלענענדיק זיך, ווי שטאַרק אָפגעשוואַכט, אָן רעכטן טיר־ווענטל.

אַלע דריי האָבן געשוויגן.

לסוף האָט זי, ווי מיט אַ דערוואַכטן בליק אַ קוק געטון אויף ביידע פריינט און אַראָפלאָזנדיק דאָס פעקל אויף דער פאָדלאָגע, אַרייַנגעלאָפן אין איר שלאָפצימער.

אַרקאַדי און קיסליאַקאָוו זענען געזעסן אומבאַוועגלעך. אַרקאַדי האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און אויפהייבנדיק דאָס פעקעלע, האָט ער עס פאַנאַנדערגעוויקלט.

אין אים זענען געווען דריי פאָר זיידענע זאָקן. ער האָט אויף זיי געקוקט, גאָרנישט פאַרשטייענדיק, „ווי אַ האָן אין בני אדם".

קיסליאַקאָוו האָט זיך אַ וואָרף געטון אין שלאָפצימער אַרייַן. נאָר קוים איז ער נאָר פאַרשוווּנדן געוואָרן פון יענער זייט טיר, ווי פון דאָרט האָט זיך דערהערט נישט קיין מענטשלעכער אויסגעשריי און גלייך נאָכדעם אַ פאַלן פון עפעס שווערס און ווייכס.

קיסליאַקאָוו איז אַרויסגעלאָפן צוריק.

אויף זיין פנים איז געווען אַ גרויל. ער האָט אַ כאַפ געטון דאָס ליכט פון פענצטער.

ווען זיי זענען אַרייַנגעגאַנגען אין צימער אַרייַן, איז אויף דער פאָדלאָגע, נעבן הויכן פאָטעל פון ניכנהאָלץ מיט אַן אויסגעשניצטן רוקן, געזעסן, אָנשפאַרנדיק זיך מיט ביידע הענט אַן דער פאָדלאָגעו עפעס מאָדנע צונויפקאָרטשענדיק זיך—טאַמאַרע. פון אונטער איר האָט זיך געשלענגלט אַ ריטשקעלע פון

בלוט, בילדנדיק אויף דער פאדלאגע א קאלוזשע און אונטערן פאטעל האט זיך געוואלגערט אן אלטער, פארבלוטיקטער, קאווקא-זער קינזשאל. ער איז איר אריין אין הארצן אונטער דער לינ-קער ברוסט.

קיסליאקאוו האט זיך, ווי אין א צושטאנד, ווען מען רעדט פון היץ, דערמאנט מילערס פראזע:

„א רוסישע פרוי קאן מען קויפן פאר דריי פאר זיידענע זאקן".

סוף